STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03432

FUN BEYDE ZAYTEN YAM

William Dicker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. דיקער

פון ביידע זייטן ים

דערצעהלונגען

Copyright, 1937
by WILLIAM DICKER
N. Y.

For information call LAckawanna 4-4691

Printed by The Lenox Service Press, Inc.
245 West 28th Street, N. Y.

פאַרלאַג ״אידיש-ליטעראַרישע ביוראָ״
66 סעקאנד עוועניו
ניו יאָרק

B 673

פון ביידע זייטען ים

דאָס בערגעלע ערד ______ 4
איך האָב גערעדט און זיי האָבען געשוויגען ______ 16
זי איז זיין ערשטע און דריטע ווייב ______ 23
דער לעבעדיגער מת ______ 29
א דינסט-מיידעל קען אויך ווערען א דאָקטאָר ______ 43
דאָס אינגעל פון גאַליציע ______ 50
רייזעלע ______ 59
דער איד האָט מיך אָפּגענאַרט ______ 72
איך געדענק ______ 77
דער פּריזיוו ______ 83
דער העלד פון דער רעוואָלוציע ______ 87
יוסי-בער רחמנות ______ 94
ברוך דיין האמת ______ 98
די שטיוועל ______ 101
נעקסט ______ 106
די ברידער האָבען שלום געמאַכט ______ 116
און זיי האָבען געוואַרט ______ 121
צו שפּעט ______ 125
בלוט ______ 137
א קריסטמעס-פּרעזענט פאַר חנוכה ______ 143
ניט שולדיג ______ 146
זייער טרויעריג ______ 153
די פאַרשעמטע בר-מצוה ______ 156
די וידוי פון א טויטען ______ 162
די צוויי יתומים ______ 168
גאָט וויינט ______ 175
זי האָט אים פאַרשפּילט ______ 180
די פרוי אין רויטען קלייד ______ 187
זיין ווייב איז נישט געשטאָרבען ______ 191
א מוטער'ס קללה ______ 199

דאָס בערגעלע ערד

מר. גרינפעלד איז געקומען קיין אמעריקע מיט זיין פופצען יאָריגער טעכטערעלע באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. די ערשטע צייט פלעגט ער א באַגייסטערטער זאָגען צו זיינע לאַנדסלייט:

איך בין אזוי גליקליך, וואָס מיינע פיס טרעטען דעם אמעריקאַנער באָדען! אָבער שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען ווערען טרויעריג, און איז ארומגעגאַנגען מיט מורא. אים האָט זיך אויסגעוויזען, אז יעדער קריסט וואָס ער זעהט, טראָגט א מעסער אונטער דער פּאָלע. די מורא פון רוסלאַנד איז אין אים געווען אזוי איינגעוואָרצעלט, אז יעדער געשריי, אָדער קלאַפּ וואָס ס'האָט זיך צוגעטראָגען צו זיינע אויערען, האָט אים אויפגעטרייסעלט, און ער פלעגט אויסשרייען צו זיין קינד מיט שרעק:

מ'געהט! . . . .

מענטשען האָבען אָנגעהויבען אים טרייסטען, אז דאָ איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען. דאָ אין אמעריקע איז יעדער גלייך, אידען און קריסטען לעבען דאָ ברידערליך, און איינער טראָגט ניט קיין שנאה צום צווייטען, און קיין מעסער אונטער דער פּאָלע אודאי ניט.

ביסלעכוויים האָט מר. גרינפעלד אָנגעהויבען זיך אויסניכטערען און אָנגעהויבען קומען צו זיך, אָבער קיין קריסטען האָט ער ניט געקענט קוקען גלייך אין די אויגען. ער האָט זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבען קיין חשבון פאַרוואָס; צי דערפאַר ווייל זייערע מיטגלויביגע זענען באַגאַנגען אזוי פיל מערדעריען, אָדער ווייל ער האָט געטראָגען א שנאה צו זיי, איבער די זינד פון אנדערשפּראַכיגע קריסטען.

זיין פופצען יאָהריג טעכטערעל, פּערעלע, האָט געהאַלטען אין איין איינ'טענה'ן מיט אים און אים געגעבען צו פאַרשטיין, אז דאָ אין אמעריקע איז גאָר א גאַנץ אנדער וועלט, און אנדערע מענטשען, און די היגע קריסטען זענען ניט שולדיג וואָס יענע זענען מערדערס, אָבער די שנאה פון זיין הארצען האָט מען ניט געקענט ארויסנעמען.

ס'איז אוועק א שטיקעל צייט און מר. גרינפעלד האָט אָנגע־

הויבען ארבייטען, און ער האָט אויסגעהאַלטען זיין איינציג טעכ־טערעל מיט אַלדאָס גוטס.

א חוץ זיין טעכטערעל, האָט מר. גרינפעלד קיינעם ניט פאַר־מאָגט. זיין אומגליקליכע פרוי איז געפאַלען א קרבן פון א פּאָג־ראָמשטשיק׳ס מעסער, ווייל זי האָט אים אזוי שנעל ניט געגעבען איר ביסעל פאַרמעגען, וואָס זי האָט פאַרבאַהאַלטען.

יעדעס מאָל ווען ס׳איז אריינגעקומען א נייע באַנדע האָט מר. גרינפעלד זיך אויסבאַהאַלטען מיט זיין פרוי און קליינער טאָכטער, אָבער דאָס מאָל איז אים ניט געלונגען. נאָך דעם ווי דער פּאָגראָמ־שטשיק האָט דערשטאָכען זיין ווייב, האָט ער געפּאָדערט זיין טעכ־טערעל. מר. גרינפעלד האָט זי פאַרשטעלט, זיך געבעטען ביי אים און איז געפאַלען צו זיינע פיס.

— זי איז נאָך א יונג קינד, האָט ער מיט טרערען אין די אויגען אים געזאָגט, אָבער דער מערדער האָט ניט געוואָלט הערען. מיט א מעסער האָט ער צעשטאָכען זיין קערפּער אויף פיל פּלעצער, בלוט האָט גערונען פון אַלע זייטען און ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען. אים איז געלונגען ראַטעווען זיין קינד פון דער ווילדער חיה׳ס נעגעל.

נאָך דעם ווי מ׳האָט פאַרטריבען די באַנדעס, האָט מר. גרינ־פעלד פאַרקויפט זיין הויז און ער האָט זיך מיט זיין טעכטערעל געלאָזט אין וועג אריין. נאָך לאַנגע מאַטערנישען זענען זיי אָנגע־קומען קיין אַמעריקע.

זיינע לאַנדסלייט האָבען אים מיט זיין קינד גאַנץ פיין אויפ־גענומען. די ערשטע צייט האָבען זיי אים אויסגעהאַלטען, און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָבען זיי פאַר אים געקראָגען א דזשאָב.

מר. גרינפעלד האָט אָפּגעהיט זיין פּערעלען ווי די אויגען אין קאָפּ, קיין ווינטעלע האָט ער אויף איר ניט געלאָזט בלאָזען. זיינע פאַרדינסטען זענען געווען גאַנץ גוטע און פאַר פּערעלען איז ניט געווען אזא זאך ווי צו טייער. דאָס שענסטע און בעסטע האָט ער געבראַכט פאַר איר.

ווען פערעלע האָט געענדיגט היי־סקול, האָט מר. גרינפעלד גענומען שעהנע פיר צימערען און איינגעקויפט שעהנע מעבעל.

— מיין פערעלע, האָט ער געזאָגט, איז שוין א כלה־מיידעל. אצינד דאַרף איך האָבען א שעהנע הויז, יונגעלייט האָבען ליב אריינצוקומען אין א שעהנער היים.

געהן ארבייטען האָט ער זיין טעכטערעל ניט געלאָזט.

—איך בין איר טאַטע, פלעגט ער זאָגען, איך דאַרף ארבייטען און זי פאַרזאָרגען, ביז זי וועט קריגען איר לעבענס־באַגלייטער, דאַן וועט ער פאַר איר ארבייטען. דערפאַר ווען איך וועל שוין ניט זיין אומשטאַנד צו ארבייטען, וועט זי מיך אויסהאַלטען, און מיר צאָלען מיט דעם זעלבען ברויט.

יונגעלייט האָבען אָנגעהויבען קומען אין שטוב אריין, צווישען זיי אויך פון מר. גרינפעלד׳ס לאַנדסלייט. גאַנץ פיינע און אָנשטענדיגע, און א חוץ דעם, גוטע פאַרדינערס.

דער פאָטער פלעגט אָנקוועלען, זעהענדיג ווי די יונגעלייט געהען ממש אויס נאָך פערעלעס טריט, און ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט דערלעבט דאָס שטיקעלע נחת. ער פלעגט באַדינען די געסט און האָט געזעהן אז יעדער זאָל זיין צופרידען. ער איז געווען פונקט ווי א מוטער, און געזעהן אז פערעלע זאָל חלילה ניט פילען שלעכט, זי זאָל ניט פאַרשעהמט ווערען פאַר אירע פריינט.

חדשים זענען אוועק, און פערעלע האָט זיך ניט אויסגעקליבען קיין יונגענמאַן. יעדעס מאָל ווען איר פאָטער פלעגט זי פרעגען, וועלכער יונגערמאַן עס געפעלט איר, האָט זי געענטפערט:

— זיי געפעלען מיר אַלע, זיי זענען פיינע יונגעלייט, אָבער זיי זענען ניט פאַר מיר.

וועלכען בחור דער פאָטער האָט איר אָנגערופען, האָט זי גע־נעבען אויף אים א תירוץ. וויפיל דער פאָטער האָט זי צוגערעדט צו דעם אָדער יענעם בחור, האָט זי זיי אַלע אָפּגעשטויסען.

זי האָט געזאָגט, אז זי האָט נאָך צייט, אָדער זי וועט זיך נאָך ארומקוקען.

דער פּאָטער האָט זעהר געוואָלט דערלעבען נחת פון זיין קינד, אָבער זי האָט אַלץ אָפּגעצויגען.

די אמת'ע אורזאכע פון פּערעלעס אָפּלעגען איז געווען א גאַנץ אנדערע: ווען זי איז געגאַנגען אין האַי־סקול, האָט זי געהאַט א פריינדינע, מערי — אַן איטאַליעניש מיידעל. מערי האָט געהאַט א ברודער, פּאָל. פּאָל איז געווען זעהר א שעהנער בחור. יעדער מיידעל וואָס האָט אים געזעהן האָט זיך פאַרליבט אין זיין טונקעל מאַט פּנים, מיט די צוויי שוואַרצע, ווי מאַסלינעס אויגען, און שוואַרצע ווי פּעך האָר. פּערעלע, דערזעהענדיג פּאָל'ן, האָט זי זיך אין אים פאַרליבט מיט'ן ערשטען אויגענבליק, און זי איז אים אויך אריין מיט ביידע פיס אין האַרצען.

פּאָל איז געווען א גרויסער פּאָליטישען און האָט געמאַכט א סך געלט. ער האָט פּערעלען באַוואָרפען מיט מתנות, און דאָס האָט זי נאָך מער צוגעצויגען צו אים.

פּערעלע האָט געוואוסט, אז ס'שטעהט איר פאר א שווערע ארבייט מיט איר פּאָטער, ווייל ער וועט בשום אופן ניט צושטימען אויף דעם שידוך, ווייל ער איז א קריסט, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט העלפען. כאָטש זי האָט געוואוסט, ווי איר פּאָטער קוקט אויף א קריסט נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אָבער לאַנג נאַרען איר פּאָטער האָט זי אויך ניט געקענט, און זי האָט באַשלאָסען איבערצורייידען מיט אים.

איין מאָל אין א זונטאג, ווען פּאָטער און טאָכטער האָבען גערעדט פון די יונגעלייט וואָס קומען אין שטוב אריין, האָט זיך דער פּאָטער אָפּגעשטעלט אויף איין בחור, דזשעק.

— דזשעק איז א טייערער בחור, האָט דער פּאָטער געזאָגט צו זיין טאָכטער, א גוטער פאַרדינער און אַן איידעל קינד. פּערעלע איז געזעסען מיט אראָפּגעלאָזענע אויגען און איז געווען זעהר צו־טראָגען. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. זי האָט גע־וואָלט זאָגען איר פּאָטער פון פּאָל'ן, אָבער זי האָט ניט געהאַט גענוג מוט, כאָטש זי האָט געוואוסט אז איר פּאָטער איז זעהר גוט

צו איר, און ס'איז נישטאָ קיין זאַך, ער זאָל איר ניט נאָכגעבען. נאָך פיל אַרומטראַכטען האָט זי באַשלאָסען איצט איבעררײדען מיט אים וועגען פּאָול'ן. זי וועט אים זאָגען ווי פיין און לײטיש ער איז, און בײ אים איז אַ איד און אַ קריסט די זעלבע זאַך, און זײנע אַלע פרײנט זענען נאָר אידען. און חוץ דעם, איז אין אַמעריקע אידען און קריסטען אײנס און דאָס זעלבע.

— הער אויס, טאַטע, האָט פּערעלע זיך אָפּגערופען, די אַלע יונגעלײט, וואָס קומען צו אונז זענען זעהר פיינע, אָבער זײ זענען ניט פאַר מיר.

— פאַרוואָס, מײן קינד? האָט דער פאָטער געפרעגט.

— ווײל איך בין פאַרליבט אין זעהר אַ פײנעם יונגענמאַן, האָט זי געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען.

— אויב דער יונגערמאַן איז טאַקע אַזאַ פײנער ווי דו זאָגסט און ער געפעלט דיר, וועט ער מיר אויך געפעלען, האָט דער פאָטער געזאָגט. קען איך אים אויך? האָט ער איבערגעפרעגט זײן טאָכטער.

— נײן, האָט פּערעלע געענטפערט.

— ווער זענען זײנע עלטערען?

פּערעלע איז געזעסען מיט אַ בלײך פּנים, די פיס זענען געווען בײ איר ווי אונטערגעהאַקט און זי האָט ניט געקענט ענטפערען.

פאַרוואָס שווײגסטו, מײן קינד? האָט דער פאָטער זי איבערגעפרעגט.

— ווײל איך האָב מורא דו וועסט זײן בײז אויף מיר, האָט זי געענטפערט.

— פאַרוואָס זאָל איך זײן בײז, מײן קינד? דו ווײסט גוט, אַז מײן גאַנץ לעבען איז נאָר צוליב דיר, און אָן דיר האָב איך ניט צוליב וואָס צו לעבען. דײן פאַרגעניגען איז מײן פאַרגעניגען, דײן פרײד איז מײן פרײד, און דײן יונגערמאַן וואָס דו וועסט אויסקלויבען פאַר דײן לעבענס באַגלײטער וועט זײן מײן קינד, פּונקט ווי דו ביזט מײן קינד.

דערהערענדיג די ווערטער, האָט פּערעלע גערעכענט, אַז איר

פּאָטער וועט איינשטימען צום שידוך, כאָטש ער איז אַ קריסט.
— הער אויס, טאַטע, האָט זיך פערעלע אָפּגערופּען, דער יונגערמאַן אין וועלכען איך בין פאַרליבט איז ניט קיין איד, ער איז אַן איטאַליענער.
—וואָס!? האָט דער פּאָטער אויסגעשריגען ניט מיט זיין קול: מיט אַ קריסט ווערסטו חתונה האָבען? מיט אונזער אייביגען שונא? מיט דעם, וואָס טראָגט שטענדיג דאָס מעסער אונטער זיין פּאָלע? מיט דעם, וואָס פאַרפאָלגט אונז אויף שריט און טריט? מיט דעם, וואָס האָט ערשט געפּאַכט מיט זיין מעסער אויף רעכטס און לינקס? מיט דעם, וואָס האָט ערשט געשניטען אידישע בייכער, אָדער אויפ־געשטאָכען קליינע קינדער אויף זיין שפּיז? ניט ביי מיין לעבען ווערסטו דאָס טאָן.
— אָבער, טאַטע, האָט זיך פערעלע אָפּגערופען: ניט אַלע קריסטען זענען גלייך, פּונקט ווי אַלע אידען זענען ניט גלייך. אויב אין רוסלאַנד האָט געבושעוועט אַ באַנדע ראַזבויניקעס, דאַרפען איבער זיי אָפּקומען אַנדערע קריסטען? דו קענסט ניט אורטיילען אַלע קריסטען איבער איין באַנדע, וועלכע האָבען זיך געוואָרפען אויף אַ קליינע צאָל שוואַכע אידען, וואָס האָבען זיך ניט געקענט קעגענ־שטעלען און זיך אויסבאַהאַלטען אין די קעלערס, און דערפאַר זענען זיי אויסגעקוילעט געוואָרען ווי די לעמער.
— ניין! האָט דער פּאָטער אויסגעשריגען ניט מיט זיין קול, מיט קיין קריסט ווערסטו ניט חתונה האָבען, אין קיין פרעמדען לאַגער ווערסטו ניט געהן. ס'זענען דאָ גענוג פיינע און שעהנע יונגע־לייט צווישען אידען אויך!
— אָבער, טאַטע, איך האָב אים אַזוי ליב, איך וועל אָן אים ניט קענען לעבען.
— פאַרגעס אָן אים, פּונקט ווי מ'פאַרגעסט אָן אַ טויטען.
— איך קען ניט, מיין האַרץ טוט מיר וויי.
— דיין האַרץ טוט דיר וויי, האָט דער פּאָטער מיט אַ צוקריטעט פּנים איר נאָכגעזאָגט די ווערטער, און מיין האַרץ האָט מיר ניט

ווי געטאָן, ווען אַ כוליגאַן האָט דאָס געשטאָכען מיט אַ מעסער, פאַר ניט וועלען דיך ארויסגיבען צו אים, און שטראָמען בלוט האָבען נעגאָסען, ווי וואַסער קוואַלען? מיין הארץ איז געווען ווי אַ ציל־ברעט, און איך האָב מיט איר פאַרשטעלט דיין הארץ.

אין דער זעלבער צייט האָט דער פאָטער אַ ריס געטאָן פון זיך זיין העמד, האָט אַנטבלויזט זיין צושניטענע ברוסט און אַ געשריי געטאָן:

— קוק! די וואונדען פון דעם ראַזבויניק׳ס מעסער זענען נאָך ניט פאַרהיילט. און איך האָב אַלעס איבערגעטראָגען, צוליב וועמען? צוליב דיר! און דו קענסט ניט איבערטראָגען דעם הארץ ווייטאג עפּעס איבער אַן איטאַליענער׳ס ליבע? און דו דענקסט, דער אי־טאַליענער דיינער וועט זיך האַלטען מיט דיר? ער וועט אָפּוואַרפען מיר דיר אַ פּאָר יאָר און דערנאָך וועט זיך אים אונטערדרוקען אַ צווייטע, וועט ער דיך אוועקוואַרפען.

— ניין, ניין, טאַטע, ער וועט דאָס ניט טאָן. ער איז אַזאַ פיינער, אַזאַ לייטישער.

— שטיל זאָל זיין! האָט דער פאָטער אויסגעשריגען. איך פאַרווער דיר אַפילו זיין נאָמען צו ברענגען אויף דיינע ליפּען.

ביידע זענען שטיל געבליבען. שטיל אָן ווערטער האָבען זיי זיך צושיידט יעדער צו זיין שלאָף־צימער.

דער פאָטער האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געמוטשעט אין אַנגסטען, און פּערעלע האָט אין דער זעלבער צייט געטראַכט ווי צו האַנדלען, און האָט באַשלאָסען צו געהן צו איר געליבטען. זי האָט זיך ניט גערעכענט מיט איר פאָטער׳ס ליידען; זי האָט זיך אויך ניט גערע־כענט, טאָמער וועט ער פאַלען אַ קרבן איבער איר צובראָכען הארץ, און זי האָט אויך געדענקט, אַז איר פאָטער׳ס צושניטענע ברוסט איז געווען פון לעדער, ווען מ׳האָט אין אים געשטאָכען מיט אַ מעסער ווי אין אַ זאַק שטרוי, פאַר ניט וועלען זי ארויסגיבען צום פּאָגראָמ־שטשיק. און אַ חוץ דעם האָט זי צו זיך געזאָגט:

— איך מוז זיך ניט אָפּפערען צוליב מיין אַלטען טאַטען׳ס

קאַפּריזען, וועלכער האָט שוין זיין לעבען באַלד אָפּגעלעבט.

און זי האָט באַשלאָסען אים צו פאַרלאָזען און געהן צו איר געליבטען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג, ווען מר. גרינפעלד האָט געפרעגט זיין טאָכטער ווי זי פילט, האָט זי געענטפערט אַז זי פילט צו געהן צו איר געליבטען.

— און דו וועסט פאַרלאָזען דיין טאַטען, וועלכער האָט אַזוי פיל געליטען צוליב דיר? האָט ער געפרעגט.

— אויב דו וועסט אויפנעמען ווי דיין קינד דעם יונגענמאַן, וואָס איך האָב ליב, וועל איך דיך ניט פאַרלאָזען, איז געווען איר ענטפער.

— פאַר מיין קינד? האָט ער מיט אַ צוקרימטע פּנים איבער־געזאָגט אירע ווערטער. די הענט פון דיין געליבטענ׳ס ברידער זענען נאָך ניט אָפּגעוואַשען פון דיין מוטער׳ס בלוט, ווילסטו איך זאָל אים אויפנעמען פאַר מיין קינד? מיין צובראָכען האַרץ קען דאָס ניט דערלאָזען!

פאָטער און טאָכטער זענען שטיל געבליבען, און אין שטוב איז געווען ווי אַ טויטער וואָלט געליגען אויף דער ערד. דער פאָטער איז געזעסען מיט׳ן קאָפּ אריינגעלייגט איןביידע הענט און געטראַכט וואָס צו טאָן. ענדליך האָט ער איבערגעריסען די שטילקייט און געפרעגט ביי זיין טאָכטער:

— איז דאָס דיין לעצטער באַשלוס?

— ניט נאָר מיין באַשלוס, נאָר מיין לעצט וואָרט, האָט זי גע־ענטפערט מיט אַ פעסטע קול.

פאַרלאָזטו דיין טאַטען? האָט דער פאָטער נאָך אַמאָל איבער־געפרעגט.

— יאָ! האָט זי געענטפערט, אָבער איר לעצטע וואָרט איז געווען ארויסגעזאָגט מיט אַ ציטערדיגער שטימע.

— ווינש איך דיר, דו זאָלסט פאַרשעמט ווערען פון מענטשען, ווי דו פאַרשעמסט מיך. די זאָלסט זיין נע ונד און עלענד, ווי דו

לאָזט מיך איבער. אַצינד קענסטו גײן, דו ביזט נים מער מײַן קינד!

א טרויעריגער און א פֿאַרשעמטער איז מר. גרינפֿעלד אַרומ־געגאַנגען איבער די גאַסען. אים האָט זיך אויסגעוויזען אַז יעדער איינער טײַטעלט אויף אים מיט די פֿינגער.

פֿון טאָג צו טאָג האָט ער זיך געענדערט, ער איז געוועזען ווי דול, האָט גערעדט צו זיך אַליין, נים געגעסען, נים געטרונקען און נים געשלאָפֿען, נאָר אַרומגעבלאָנקעט ווי אַ פֿאַרלאָזטער הונט. ער איז אַזוי לאַנג אַרומגעגאַנגען טאָג און נאַכט ביז ער איז אַוועק־געפֿאַלען.

ווען מ'האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל, איז ער געוועזען מער טויט ווי לעבעדיג פֿון נים עסען און נים שלאָפֿען. ער איז געוועזען אינגאַנצען פֿאַרמאָרעט.

נאָך עטליכע טעג ליגען אין שפּיטאָל, האָט אים זײַן נשמה פֿאַרלאָזט און אויף זײַנע ליפּען איז פֿאַרטריקענט געוואָרען זײַנע לעצטער ווערטער: וואו איז מײַן קינד? . . .

פֿערעלע האָט זיך מיט איר געליבטען פֿאַרקלויבען קיין ברוקלין אין אַ ווײַטען געגענט, כדי זיך נים צו באַגעגענען מיט איר פֿאָטער אָדער באַקאַנטע, און ווען איר פֿאָטער איז געשטאָרבען האָט זי נים געוואוסט.

עס איז אַוועק צוויי יאָר און פֿערעלע'ס לעבען איז געגאַנגען נים שלעכט, ביז פֿאָול'ן האָט זיך אונטערגערוקט אַ שעהן מיידעל און ער האָט זיך אין איר פֿאַרליבט. צו פֿערעלען איז ער געוואָרען קאַלט און זי האָט דאָס באַמערקט. ער האָט אָנגעהויבען אַהיים קומען שפּעט בײַנאַכט און ווען זי האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער קומט אַהיים אַזוי שפּעט, האָט ער זי אָנגעהויבען זידלען און רופֿען מיט נידעריגע נעמען. אַזוי האָט אָנגעהאַלטען אַ שטיקעל צײַט, ביז פֿאָול איז אַהיים געקומען שכור, און ווען פֿערעלע האָט אים געפֿרעגט וואו ער האָט זיך אָנגע'שכור'ט, איז ער זי באַפֿאַלען, זי געזידעלט; און ווען זי האָט אים געענטפֿערט, האָט ער זי אָנגעהויבען שלאָגען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט פערעלע פארלאָזט איר מאַן און האָט אָנגעהויבען זוכען איר פאָטער. מיט טרערען אין די אויגען איז זי ארומגעגאַנגען איבער דער געגענט וואו איר פאָטער האָט געוואוינט, און ווען זי האָט אים ניט געקענט אויסגעפינען, האָט זי אָנגעהויבען ארומזוכען איר פאָטער׳ס לאַנדסלייט. ווען זי האָט אויסגעפונען איינעם פון זיי האָט ער איר געזאָגט, אַז איר פאָטער איז שוין לאַנג טויט.

אַ צובראָכענע איז זי אַוועק אויפ׳ן בית־עולם זוכען איר פאָ־טער׳ס קבר. נאָך אַ לאַנגער ארומזוכעניש, האָט זיך איר קוים איינגעגעבען אים אויסצוגעפינען.

אויפ׳ן אָרט פון אַ מצבה איז געווען אריינגעשטעקט אַ ברעטעל און אַ בערגעלע ערד, אויף וועלכען ס׳איז געווען אויפגעשריבען: ר׳ מאיר גרינפעלד.

פערעלע, דערזעהענדיג דאָס, איז זי ארויפגעפאַלען אויפ׳ן קבר און אָנגעהויבען וויינען און בעטען:

— טאַטע, טאַטע, זיי מיר מוחל. איך האָב צופיל געזינדיגט קעגען דיר. זי איז געליגען צושפּרייט איבער׳ן גאַנצען קבר און מיט ביידע הענט אים ארומגענומען. ימים טרערען האָט זי פארגאָסען.

— טאַטע, האָט זי היסטעריש אויסגעשריגען, איך וועל אַזוי לאַנג וויינען אויף דיין קבר, ביז מיינע טרערען וועלען דורכנעצען די ערד. און ווען דיינע קאַלטע ביינער וועלען דערפילען מיינע הייסע טרערען, וועסטו מיר אפשר מוחל זיין. . .

ווען זי האָט אויפגעהויבען איר קאָפּ, האָבען אירע פארגאָסענע מיט טרערען אויגען דערזעהן ווי דורך אַ נעפּעל, ווי לאַנגע ביינערנע הענט און פינגער ציהען זיך צו איר פון אונטער די מצבות, און שאַרבענס פון סקעלעטען שטעהען אויף די מצבות מיט גרויסע קיילעכדיגע לעכער אויפ׳ן אָרט פון די אויגען, און ברייטע צורויסענע מיילער אָן ציין ווערען גרעסער און גרעסער און קוקען אויס ווי לופטען פון פינסטערע קעלערס.

די קולות האָבען געשריגען מיט טעמפּע קולות, ווי פון אַ קבר

ארוים:

— אראפ פון דאנען, דו פארשעמטע! פאר׳מיאוס ניט דיין פאטערס קבר!

און די לאנגע ביינערנע הענט ציהען זיך צו איר מיט ביינערנע פויסטען. די ווילדע געשרייען ווערען העכער און העכער, און די ביינערנע הענט מיט די פויסטען ווי געפלאכטענע שטעקעלעך ווערען לענגער און רייכען זיך צו איר פנים.

— טאטע, טאטע, האט זי אויסגעשריען, פארשטעל מיך מיט דיין הארץ! און אזוי שרייענדיג איז זי אוועקגעפאלען ווי אין הינערפלעט, צוריק אויף איר פאטער׳ס קבר.

ליגענדיג פאר׳חלש׳ט האט זי דערזעהן איר פאטער מיט זיין אנטבלויזט צושניטענע ברוסט מיט פארטריקענטע טראפענס בלוט.

— טאטע, טאטע, האט זי אין שלאף אנגעהויבען שרייען, זיי מיר מוחל, איך האב געזינדיגט קעגען דיר.

דער פאטער האט אויסגעשטרעקט זיינע ביינערנע הענט, זי ארומגענומען און זי צוגעדריקט צו זיין הארץ און מיט קוים, קוים שטילע ווערטער געזאגט:

— איך בין דיר מוחל, מיין קינד, א פאטער איז אלעמאל מוחל, און ער איז באלד פארשוואונדען. פערעלע האט אנגעהויבען שרייען און רופען איר פאטער, און פון איר אייגענעם געשריי האט זי זיך אויפגעכאפט.

די ביינערנע הענט און שארבענס האט זי שוין מער ניט געזעהן. זי האט נאך אמאל אנגעהויבען וויינען און בעטען איר פאטער ער זאל איר מוחל זיין.

ווען זי האט זיך אויפגעהויבען פון קבר, האט זי ארומגעשארט דאס בערגעלע ערד, וואס האט צוגעדעקט איר פאטער.

א חורבן בערגעלע ערד האב איך קיינעם ניט אויף דער גאנצער וועלט. דאס איז מיין גאנץ פארמעגען, האט זי צו זיך געזאגט. דאס בערגעלע ערד איז א הייליגקייט פאר מיר. דא אויף דעם בערגעלע ערד וועל איך פארברענגען מיינע יארען און דא אויף דעם

בערגעלע ערד וועל איך מיינע לעצטען מינוטען ציילען. . .

מיט קליינע טריט איז זי אוועק פון איר פאָטערס'ס קבר אַ צובראָכענע. טרערען האָבען גענאָסען אָן אַן אויפהער, און אַ קליין רעגענדעל האָט זי באַגלייט און מיטגעהאָלפען וויינען אויף איר חורבן. . .

איך האָב געערדט און זיי האָבן געשוויגען

מיינער א באַקאַנטער האָט דערצעהלט:

דאָרט וואו די קליינע איינגעהויקערטע שטיבלעך שטעהען מיט די דעכער נידעריג ביי דער ערד, די קליינע פענסטערלאך קוקען אויס ווי סקאָס־געשניטען און די טירען טיף ארייגעזונקען אין דער ערד פון אַלטקייט, אז ביים אריינגעהן, דאַרף מען זיך איינבייגען אין צווייען. דאָרט אין דער געטא פון דער גרעסטער אָרימקייט, וואו דער שמיד האָט אַ גאַנצען טאָג אַזוי שעהן נאָכגעקלונגען מיט זיין האַמער אין דער קאָוואדלע צום טאַקט פון געוויין פון די אָרימע קינדער, אָדער נאָכ׳ן טרויעריגען געזאַנג פון אַ מוטער, וואָס האָט געזונגען ביים אָפענעם פענסטער, איבער איר קינד׳ס וויגעלע. דאָרט וואו די אַלטע מאַשין פון שניידער האָט געכרופעט און די נאָדעל האָט געקלאַפט אַזוי טרויעריג, קריכענדיג אין אַלטען געוואַנט. דאָרט וואו די שטומפּיגע זעג פון סטאָליאר האָט זיך געריסען אין האָלץ, ווי אַ לונגען־קראַנקער מיט זיין הייזעריגען הוסט. דאָרט וואו דער שוסטער האָט געקלאַפּט די זוילען אויף דעם קלאַפּ־אייזען, וואָס האָט זיך טיף איינגעשניטען אין זיינע אויסגעדאַרטע, ווי האָלץ — קניעס. דאָרט וואו דער באַנדער האָט געקלאַפּט די רייפען אויפ׳ן ליידיגען פאַס, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ ווידער־קול אין וואַלד. דאָרט וואו די קליינע קינדערלאַך פלעגען נאַקעטע, באָר־וועסע און הונגעריגע ארומלויפען אין דרויסען. דאָרט וואו די שכנות האָבען זיך געריסען ביי די האָר איבער אַ צובראָכען טעפּעל. דאָרט אינ׳ם געגענט וואו די אַלטע קלויז איז געשטאַנען מיט אונ־טערגעשפּאַרטע דרוקעס, ווייל די מזרח־וואַנט האָט שוין אָנגעהויבען זינקען, — דאָרט האָבען מיר געוואוינט.

אונזער וואוינונג איז באַשטאַנען פון אַ קליין שטיבעלע נעבען דער קלויז. דאָס גאַנצע הויז האָט פאַרנומען צוויי קליינע צימער־לאַך, אַן אַלקער און אַ קיך. דאָרט אין די קליינע צימערלאַך זענען מיר געוועזען פינף קינדער, מיין טאַטע, דאָס קליינע, איינגעדאַרטע אידעלע, וואָס האָט אויסגעקוקט קעגען דער מאַמען ווי אַ קינד,

און די מאַמע.

דער טאַטע איז געווען אַ שמש אין דער אַלטער קלויז, אָבער אויף ברויט האָט ער פון דעם נישט געהאַט, נאָר חלב׳נע ליכט אַ סך. . .

די מאַמע האָט געפּליקט פעדערען, אַרומגעטראָגען מילך צום פאַרקויפען, — אויך פון דעם האָט זי קוים געמאַכט אויף אַ שטיקעל ברויט. אַז די מאַמע האָט פאַרנאַכט אַהיים געבראַכט אַ ברויט, זענען אויף אים אַרויפגעפאַלען זיבעציג פינגער, און אין איין אויגענבליק איז דאָס צושמאָלצען געוואָרען ווי אַ שטיקעל אייז קעגען דער זון.

אַ גאַנצען טאָג האָבען מיר געהונגערט, אָבער מיר האָבען געלעבט מיט דער האָפענונג אַז באַלד, באַלד וועט די מאַמע ברייגגען עסען.

אַז ס׳איז אָבער געקומען שבת, איז אַלעס געווען: ווייסע חלה, פלייש, און צימעס אַ סך. מ׳האָט געגעסען אַ גאַנצען טאָג. ווען ס׳איז געקומען זונטאָג, איז געוואָרען אַזוי טרויעריג אויפ׳ן הארצען, אַז ס׳האָט זיך געוואָלט ווייגען: די טעפּלעך ליידיג, די פּאָליצעס פון ברויט זענען געשטאַנען ווי פאַרשעהמטע, און מיר — הונגעריגע, באָרוויסע, אָנגעטאָן אין שמאַטעס — זענען געשטאַנען ביי די קליינע פענסטערלאַך און אַרויסגעקוקט אין דרויסען.

ס׳איז געווען פאַר פּסח. דער שניי איז שוין געווען שוואַרץ און בלאָטיג. אַ קאַלטער דראָבנער רעגען האָט זיך געצויגען און האָט אויסגעזעהן ווי דינע, גרויע דראָטען. אַ קוה איז געשטאַנען אין מיטען גאַס, אין דער בלאָטע, און האָט טרויעריג געמרוקעט, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבען געוויינט, ווען מיר האָבען געוואָלט עסען און ס׳איז נישט געווען וואָס. אַ הונט איז פאַרביי־געלאָפען, אויס־געווייקט פונ׳ם קאַלטען רעגען און קניפּלעך בלאָטע האָבען נאָכ־געהאַנגען, איינגעקלעפּט אין זיינע האָר. ער האָט טרויעריג געקוקט אויף אַלע זייטען, צי ס׳ליגט ניט ערגעץ וואו אַ טרוקען שטיקעל ביין דאָס האַרץ צו דערקוויקען.

די נאַכט האָט אָנגעהויבען צוצופאַלען, אין שטוב איז געוואָרען טונקעל, און אויפ'ן הארצען איז געווען אַזוי טרויעריג, פונקט ווי דעם הונט'ס לעבען.

די מאַמע איז נאָך נישט געקומען מיט דעם לאַנג ערוואַרטעטען ברויט, דער טאַטע איז געווען אין קלויז, און איך מיט מיינע ברידער און שוועסטער זענען געזעסען אין דער פינסטער. אין שטוב איז געווען אַ טויטע שטילקייט. אַ שמאָלער פאַס ליכט האָט זיך אַריינ־געריסען דורך דעם קליינעם פענסטערעל פון קלויז־לאָמפּ, וואָס מ'האָט ערשט אָנגעצונדען, און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קרומער וואַנט. מיר האָבען אַלע אויפגעוואַכט ווי פון שלאָף. אין דער פינסטערניש האָט זיך דער פאַס ליכט געטראָגען אויף דער וואַנט הין און צוריק, ווי דער אומרוה פון אַ זייגער. פּלוצים האָט זיך די טיר געעפענט מיט אַ געפּילדער, די מאַמע אין אַריין מיט אַ טאָרבע ברויט, הערינג, צוקער און טיי, און ס'איז געוואָרען לעבעדיג.

נאָכ'ן עסען האָט די מאַמע דערצעהלט דעם טאַטען, אַז יואל דער שרייבער האָט פאַר איר אָנגעשריבען אַ בריף צו איר ברודער אין אַמעריקע מיט אַ געבעט אַז ער זאָל אַרויסנעמען צו זיך, כאָטש דעם עלטערען בחור.

אין אַ רעדעל האָבען מיר זיך, מיט די באָרוויסע פיס, אוועק־געלאָזט אין אַ טאַנץ מיט אַ געזאַנג: מיר פאָרען קיין אַמעריקע! פאָרען קיין אַמעריקע!

דעם ערשטען טאָג פּסח, האָט די זון אַזוי שעהן געשיינט אויף די קליינע, איינגעבויגענע שטיבלאַך, וועלכע האָבען איצט אויס־געזעהן פון דרויסען אָפּגעקאַלעכט מיט אַ ליכטיג בלויען שאָטען. די קרומע פענסטערלאַך און טירען זענען געווען אַרומגעשמירט מיט גרינע, בלויע און געלע פּאַסקלאַך, און פאַר די טירען זענען געווען צושפּרייט קאַוויאָרען פון געלען און ווייסען זאַמד. אויף די קרומע פענסטערלאַך זענען געהאַנגען פאָרהענגלאַך פון גרינע און רויטע פּאַפּירען מיט קליינע שפּיצלאַך אויסגעשניטען. דאָס אַלעס האָט דער אָדימער געטאָ צוגעגעבען אַזוי פיל חן און יום־טוב'דיגקייט,

אַז דאָס אָרימקייט איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען. דאָס קלאַפּען און קלינגען פון די אָרימע וואַרשטאַטען איז אינגאַנצען אָפּגעשטעלט, און אויף זייער פּלאַץ האָט זיך צושפּרייט דער יום־טוב — אַ יום־טוב וואָס האָט געבראַכט אויף זיינע פליגל רוה צו דעם אָרימען אַר־בייטער.

די קלינגענדע קול'עכלאַך פון די קליינע קינדער, וועלכע זענען געווען אָנגעטאָן אין די יום־טוב'דיגע קליידער, וואָס מ'האָט איבער־גענעהט פון אַלטע שמאַטעס, האָבן זיך אויסגעמישט מיט'ן געזאַנג פון די פייגעלאַך, וועלכע זענען געקומען צוזאַמען מיט דעם שעהנעם, ליכטיגען פרילינג.

ווען די עלטערע מענטשען האָבן זיך נאָכ'ן עסען צושפּרייט אויף די פּיל־פאַרביגע פריזבעס, האָט זיך באַוויזען דער בריוון־טרעגער מיט אַ פּאַק בריוו אין האַנט. די צוויי רייען גאָלדענע קנעפּ אויף זיין מאַנטעל און דאָס גאָלדענע קנעפּעל אויפ'ן היטעל האָבן צוגעצויגען די קינדערלאַך, און זיי האָבן אים נעגלעט איבער די בליאַסקענדיגע, קעגען דער זון, קנעפּ. די עלטערע אידען האָבן זיך אויפגעהויבען און געצויגען זייערע היטלען פאַר'ן פּריץ, און יעדער באַזונדער האָט געפרעגט פאַר אַ בריוו און אויסגערופען זיין נאָמען:

— צו משה וואַסערמאַן?

— צו לייב קאַשניר?

— צו בערעל שניידער?

כאָטש זיי האָבן אַלע געוואוסט, אַז זיי האָבן ניט פון וועמען צו ערוואַרטען אַ בריוו.

— ניין! — האָט דער בריפענטרעגער געענטפערט מיט אַ שמייכעל. — וואו וואוינט גערשקאָ שמש? האָט ער ביי זיי געפרעגט.

— ר' הערש! ר' הערש! אַ בריוו פאַר אייך!

מיר זענען אַלע אַרויס פון שטוב, און דער בריוון־טרעגער האָט דערלאַנגט אַ בריוו פון אַמעריקע. מיין טאַטע האָט אים געבעטען אַז ער זאָל אויפרייסען דעם בריוו, און דערפאַר האָט מען אים גע־

געבען אַ גלאָז ווייַן מיט אַ האַלב קעזעל. אין דעם בריף איז געווען אַ שיפסקאַרטע פאַר מיין ברודער מיט אַן אָנווייזונג אויף אַ ביסעל געלט פאַר דער רייזע. דער גליקליכסטער טאָג אין אונזער לעבען איז געווען דער ערשטער טאָג פסח.

באַלד נאָך פסח איז מיין ברודער אָפּגעפאָרען קיין אמעריקע און מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער אַרויסגענומען מיין שוועסטער, און אַזוי האָט שוין איינער געצויגען דעם צווייטען. ווען ס'איז געקומען מיין רייזע, האָט אויסגעבראָכען די גרויסע וועלט־מלחמה און איך בין געבליבען אין דער היים.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען מיך גענומען פאַר אַ סאָל־דאַט און איך בין געווען אויפ'ן שלאַכט־פעלד דריי יאָר. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט און איך בין אַהיים געקומען, האָב איך מיינע עלטערען שוין נישט געטראָפען צווישען די לעבעדיגע. איך האָב זיך אַרומגעדרעהט אַן עלענדער, אַן פריינט און אַן אייגענע. ס'האָט זיך מיר אונטערגערוקט אַ מיידעל און איך האָב חתונה גע־האַט. צו מיינע אייגענע אין אמעריקע האָב איך נישט געשריבען, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אַדרעס.

אין אַ געוויסען טאָג איז אָנגעקומען אַ בריף פון מיין ברודער צו אונזערען אַ שכן, מיט אַן אָנפראַגע — וואו איך בין. ווען איך האָב געקראָגען דעם בריף האָב איך אים באַלד געענטפערט, און נאָך אַ לאַנגע איבערשרייבעניש האָבען זיי מיך מיט מיין פרוי און אַ קליין קינד וואָס מיר האָבען אָפּגעשפּאַרט, אַרויסגענומען קיין אמעריקע.

מיינע ברידער און שוועסטער זענען דאָ געווען רייך, אָבער מיר אַרויסהעלפען האָט זיך יעדער אָפּגעזאָגט; מ'האָט מיך געשיקט אַרבייטען אין אַ פאַבריק, אָבער פאַר אַ פאַבריק בין איך געווען צו שוואַך. איך בין געווען ווי מיין פאָטער — קליין און אויסגעדאַרט, און דורך די מלחמה־יאָרען — קראַנק און אויסגעמוטשעט.

איך האָב פאַרמאָגט צען דאָלאַר. בין איך אַוועק אין מאַרק, איינגעהאַנדעלט פרוכט, און זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ שטעלכעל.

אָבער קיין לעבן האָב איך נישט געמאַכט. מיינע אייגענע האָבן אַלע געוואוינט אין רייכטום, און איך — אין אָרימקייט. זיי זענען אַלע געווען זאַט, און איך — הונגעריג. זיי האָבן געלאַכט, און איך האָב געוויינט. יעדן זונטאָג פלעג איך קומען צו זיי, אָבער זיי האָבן מיך צוגענומען פאַר אַ קליינעם גאַסט.

איינמאָל אין אַ זונטאָג, זענען מיר אַלע געווען ביי מיין שוועס־טער. נאָכ'ן עסען האָבן זיי מיך געפרעגט: ווי געהט'ס משה'לע?

— ניט גוט, האָב איך געענטפערט.

— פאַרוואָס? האָבן זיי נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ווייל איך האָב נישט קיין געלט פאַר מיין האַנדעל.

— מיט וואָס האַנדעלסטו?

— איך פאַרקויף באַנאַנעס, האָב איך געענטפערט, און איך מוז אָנקומען צו אַ צווייטען, ער זאָל מיר אויסבאָרגען אַ ביסעל סחורה, און איך מאַך ביי דעם גאָרניט, נאָר יענער מאַכט. ווען איך וואָלט געהאַט אַ ביסעל געלט וואָלט איך געקענט מאַכען אַ שעהן לעבען, אָבער וואו נעמט מען געלט? . . . האָב איך עטליכע מאָל געפרעגט. קיין ענטפער איז נישט געקומען. איך האָב גערעדט און זיי האָבן געשוויגן. איך האָב גערעדט און זיי האָבן געשאָקעלט מיט די קעפ אַראָפ און אַרויף.

אזוי האָב איך זיך ווייטער געמאַטערט און קיין לעבען נישט געמאַכט, ביז מיינער אַ פריינד האָט אויף מיר רחמנות געהאַט און מיר געראַטען צו לייען אין אַ פלאַץ אַ ביסעל געלט, און ער האָט פאַר מיר גוט געזאָגט.

ס'איז אוועק אַ יאָר און איך האָב אָפגעצאָלט דאָס געליהענע געלט און נאָך אָפגעשפאָרט אַ פאָר הונדערט דאָלאַר. פון דאַן אָן איז אוועק פינף יאָר. דורך דער צייט האָב איך פאַרדינט עטליכע טויזענט דאָלאַר און איך בין געוואָרען אַ גרויסער פרוכט־הענדלער.

ווען אין וואָל סטריט האָט אַלעם אָנגעהויבען פאַלען, באַנקען האָבען זיך געשלאָסען און הייזער האָט מען צוגענומען, זענען מיינע ברידער און שוועסטער אויך געפאַלען און פאַראָרימט געוואָרען.

ו. דיקער

איינמאָל אין אַ זונטאָג, דאָס ערשטע מאָל זינט איך בין אין אַמעריקע, האָט זיך די טיר געעפֿענט און מיינע ברידער און שוועסטער זענען אַלע אריין. איך האָב דאָן שוין געוואוינט אין אַ שעהן הויז, פֿינף ליכטיגע און גרויסע צימערען.

נאָכ'ן שעהנעם מאָלצייט וואָס איך האָב זיי געגעבען, האָב איך זיי געפרעגט: נו, ווי געהט'ס?

— ניט גוט, האָבען זיי געענטפערט, מיר האָבען אַלעס פֿאַרלוירען, אָרים ווי די נאַכט. ווען מיר וואָלטען געהאַט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, וואָלטען מיר געמאַכט אַ לעבען, האָבען זיי ווייטער פֿאַרגעזעצט.

אָבער קיין ענטפֿער האָב איך זיי נישט געגעבען. זיי האָבען גערעדט און איך האָב געשוויגען.

זי איז זיין ערשטע און דריטע ווייב

1

"אוי" — דאָס איז דער אייביגער אידישער זיפץ. ווען אַ איד דאַווענט מוז ער גיבען אַ פאַרגלענץ מיט די אויגען, אַ פּלעסק מיט די הענט און ס'רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ אַ זיפץ: — "אוי, טאַטע זיסער". דאָס זעלבע טוט ער ווען ער בענטשט, אָדער ווען ער זיצט ביים רבינ'ס טיש און מ'זינגט אַ ניגון. אפילו ווען ער זיצט אויף אַ שמחה דערמאָנט ער זיך אין אַן אַלטע צרה און ניט ווילענדיג, רייסט זיך ארויס פון זיין הארץ אַן "אוי".

ביי מר. צימער איז היינט געווען אַ פרייליכער שבת. מאָרגען פירט ער זיין יונגסטען זון צו דער חופּה. ער איז געזעסען מיט זיינע בעסטע פריינד ביי אַ שעהן סערווירטען טיש, די בעסטע וויינען, פאַרשידענע קענדים און פרוכט זענען געווען אָנגעשטעלט און יעדער האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן. ביי אַ צווייטען טיש איז געזעסען דער חתן מיט זיינע יונגע פריינד און האָבען אויך גאַנץ פיין פאַרבראַכט. פּלוצים האָט דאָס יונגוואַרג אָנגעהויבען קלאַפּען אין די גלעזער; זיי האָבען געוואָלט אַז פאָטער און מוטער זאָלען זיך צוקושען. ווען מר. צימער האָט זיך צוקושט מיט זיין פרוי, האָט זיך ביי אים ארויסגעריסען אַ שווערער זיפץ פון זיין הארצען.

— וואָס אַזאַ שווערער זיפץ? האָט אים מר. גאָלד, וואָס איז געזעסען נעבען אים, געפרעגט שטילערהייד.

— ס'איז גאָרניט, — האָט אים מר. צימער געענטפערט.

— איך האָב היינט באַמערקט, ווי איר האָט אַ פּאָר מאָל גע־זיפצט, פּונקט ווי אַ שווערער שטיין דריקט אייער הארץ. אין אַ טאָג ווי היינט דאַרפט איר זיין אויפגעלעגט און איר זיפצט גאָר. אויב איר זענט אין אַ פאַרלעגענהייט און דאָס איז ניט קיין סוד פאַר מיר, וואָלט איך אייך בעטען מיר זאָגען די סיבה פון אייער זיפצען, פיליכט וועל איך אייך קענען העלפען.

— איר ווייסט גוט, אַז איך האָב פאַר אייך קיין סודות ניט, — האָט אים מר. צימער געענטפערט — און חוץ דעם איז דאָס קיין סוד ניט, ווייל פילע מענטשען ווייסען וועגען דעם; נאָר ביי אַ גע־

לענענהייט וועל איך אייך דערציילען.

מר. גאָלד איז געווען מר. צימער'ס לאָיער פאַר די לעצטע זעקס יאָר. קיין זאַך האָט ער ניט געטאָן, ביז ער האָט זיך ניט בעראַטען מיט אים; און דערפאַר האָט זיך מר. גאָלד גענומען דאָס רעכט אים צו פרעגען פאַרוואָס ער זיפצט און דערצו נאָך אין א טאָג, ווען ער דאַרף זיך פרעהן.

מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער איז מר. צימער'ן אויסגעקומען צו זיין ביי זיין לאָיער אין אָפיס וועגען געשעפט. צו ענדע האָט מר. צימער געפרעגט ביי מר. גאָלד, אויב ער האָט נאָך פרייע צייט. און ווען ער האָט אים געענטפערט "יעס" האָט ער אים געזאָגט: איך בין אייך שולדיג אַן ענטפער, וועלכען איך האָב אייך ניט געקענט גיבען שבת ביי מיר אין הויז.

— איך בין גרייט אויסצוהערען און אויב ס'וועט מעגליך זיין, וועל איך אייך גיבען מיין הילף, — האָט מר. גאָלד אים געענטפערט.

און מר. צימער האָט אָנגעהויבען:

2

ס'איז שוין אין דעם צען יאָר. מיין מילטאָן, דער איצטיגער חתן, איז דאַן בר־מצוה געוואָרען. אויך דעמאָלט בין איך, ווי אַצינד, געזעסען מיט מיינע פריינט ביים טיש און מיר האָבען פאַרבראַכט. און אין יענעם טאָג האָט זיך ביי מיר אויך אַרויסגעריסען א שווערער זיפץ פון מיין הארצען, פונקט ווי אין יענעם שבת. נעבען מיר איז דאַן געזעסען מיינער א גוטער פריינד און ער איז צו מיר צוגעשטאַנען, איך זאָל אים דערצעהלען פאַרוואָס איך זיפץ אַזוי. איך האָב זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען און בין מיט אים אוועק אין א צווייטען צימער און אים אָנגעהויבען דערצעהלען מיין געשיכטע, פונקט ווי איך דערצעהל אייך אַצינד. און דערצעהלט האָב איך אים אָט וואָס:

מיט פופצען יאָר צוריק בין איך געפאָרען קיין אַמעריקע און האָב איבערגעלאָזט אין דער היים א פרוי מיט צוויי קליינע קינדער:

א אינגעלע פון צוויי און א מיידעלע פון פיר יאָר. אוועקפאָרענדיג פון מיין פאַמיליע האָב איך זיי געשוואוירען, אז איך וועל נאָר אַנפאַנגען פאַרדינען וועל איך זיי באלד אַריבערנעמען קיין אַמעריקע. ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך באַקומען א דזשאָב אין א דרעס־פאַבריק אַלס אָפּערייטער. די צווייטע מאַשין פון מיר האָט פאַרנומען א מיידעל ״סעלמא״; און אַזוי ווי איך בין געווען א גרינער און די אַרבייט האָב איך ניט געקענט, האָט זי מיך געלערענט און א דאַנק איר בין איך געוואָרען א גוטער אָפּערייטער. סעלמא האָט אָבער שפּעטער פון מיר געוואָלט צו א גרויסען פּרייז פאַר איר לערנען מיך, און איך האָב איר געמוזט באַצאָלען...

סעלמא איז געווען זעהר א שעהן מיידעל און זי איז מיר אַריינגעקראָכען מיטביידע פיס אין האַרצען. וויפיל איך האָב זי געבעטען, זי זאָל מיך צורוה לאָזען און האָב איר געזאָגט, אז איך האָב א פרוי מיט צוויי קינדער אין דער אַלטער היים, האָט זי ניט געוואָלט וויסען פון דעם. איך האָב איר געמוזט נאָכגעבען, שיקען מיין פרוי א גט און מיט איר חתונה האָבען; און כ׳האָב אינגאַנצען פאַרגעסען אין מיין פרוי מיט די קינדער.

א יאָר נאָך אונזער חתונה האָט סעלמא געבוירען א אינגעל — דעם איצטיגען בר־מצוה בחור — מילטאָן.

פון דאַן אָן איז שוין אַוועק פערצען יאָר. דורך דער צייט האָב איך זיך אַרויפגעאַרבייט און געמאַכט א קליידער־פאַבריק און בין נענוג רייך, — ווי דיר איז באַוואוסט. אין דער ערשטער צייט האָב איך אָפּגענומען גרוסען פון מיין ערשטער פרוי און קינדער, אז זיי זענען אָרים און הונגעריג, און כ׳האָב זיי א פּאָר מאָל געשיקט עטליכע דאָלער, אָבער אין דער לעצטער צייט האָב איך אינגאַנצען פאַרגעסען אין זיי. אַצינד, ביי מיין מילטאָן׳ס בר־מצוה, זענען זיי אַרויפגעשוואומען פאַר מיינע אויגען מיט זייער גאַנץ אָרימקייט: אָפּגעריסענע, הונגעריגע און מידע. מיין זון פון דער ערשטער פרוי איז שוין זיבעצען יאָר אַלט; ער איז בר־מצוה געוואָרען אָן א טאַטען. זיין בר־מצוה, ווי איך שטעל זיך פאָר, איז געווען אין גרויס אָרימ־

קייט און זיין מאמע האָט אודאי גענוג טרערן פאַרגאָסען, טרערן מיט בלוט, — האָב איך מיט א שווערען זיפץ פאַרענדיגט.

3

נאָך א לאַנגען שטילשווייגען האָט ער ווייטער אָנגעהויבען:

— אָבער די טרערען פון מיין ערשטער פרוי און מיינע צוויי קינדער, וואָס זיי האָבען פאַרגאָסען, זענען געפאַלען אויף מיין סעלמא׳ס קאָפּ. דעם אורטייל וואָס מיין פריינד האָט מיר ארויס־געגעבען איז געווען א גאַנץ ערליכער, אָבער ער איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין א טויט־אורטייל. און ניט וויסענדיג, אז פון זיין גוטען אורטייל קען ארויסקומען א טויט־אורטייל, וועלכער איז אזוי אומדערוואַרטעט דורכגעפירט געוואָרען, האָט ער מיך צוגעאיילט אים דורכצופירען.

דעם אורטייל האָט מיין פריינד אָנגעהויבען מיט די ווערטער:

— דו ביזט באַגאַנגען א גרויסען פאַרברעכען קעגען דיין ערשטער פרוי און קינדער; דו האָסט זיי ניט געטאָרט לאָזען פאַלען. האָסט זיי געדאַרפט שטיצען מיט געלד, אָדער זיי ארויסנעמען קיין אַמעריקע, און די קינדער וואָלטען דאָ געמאַכט א לעבען פאַר זייער אָרימער מוטער, ניט איינגאַנצען פאַרגעסען אין זיי, אז זיי זאָלען זיך מאַטערען אין אָרימקייט. אָבער דו קענסט נאָך — האָט ער מיר ווייטער געזאָגט — גוטמאַכען דיין פאַרברעכען קעגען זיי: דו דאַרפסט פאָרען אין דיין שטעטעל וואָס שנעלער און דיין זון זאָלסטו גיבען געלט ער זאָל זיך מאַכען א קרעמעל און קענען אויס־האַלטען זיין אומגליקליכע מוטער, אָדער זאָלסט זיי אַלע ברענגען קיין אַמעריקע. און דערמיט וועסטו אפשר אויסקויפען דיינע זינד, וואָס ביזט קעגען זיי באַגאַנגען.

זיינע ווערטער האָבען מיר קיין רוה ניט געגעבען .ביז איך האָב באַשלאָסען צו פאָרען צו זיי.

מיין סעלמאַן האָב איך געזאָגט, אז איך וויל פאָרען קיין פאַריז וועגען געשעפט און זי האָט מיר געגלויבט. פאַר מיין אוועקפאָרען האָב איך איר איבערגעלאָזט אַן אדרעס פון א פאַריזער האָטעל, וואָס

/

זי איז זיין ערשטע און דריטע ווייב

איך האָב גענומען ביי דער שיפס־קאָמפּאַני, וואוהין זי זאָל מיר אַדרעסירען בריוו. ביים געזעגענען זיך מיט איר האָב איך זי גע־בעטען, זי זאָל יעדען טאָג זיין אין אונזער פאַבריק און זי האָט מיך פאַרזיכערט אין דעם.

ווען איך בין געקומען קיין פאַריז האָט מען מיר אין האָטעל דערלאַנגט אַ טעלעגראַם אין וועלכער מ'האָט מיר געלאָזט וויסען, אַז מיין פרוי סעלמאַ איז טויט. איך בין שוין צו מיין ערשטער פרוי און קינדער ניט געפאָרען, נאָר מיט דער ערשטער שיף געפאָרען צוריק אַהיים.

אַהיים קומענדיג האָב איך געטראָפען מיין מילטאָן קראַנק און מיין סעלמאַ איז געליגען אונטער אַ בארג ערד. זי איז גע־טויטעט געוואָרען פון אַ מאַשין געהענדיג אין פאַבריק אריין.

יאָ, זי האָט באַצאָלט מיט איר לעבען פאַר צוברעכען לעבענס פון דריי נפשות. . . איר מר. גאָלד, מעגט לאַכען פון מיר, אָבער איך בין אין אַזוינע זאַכען פון דאַן אָן זעהר אַ גלויביגער.

ס'איז אוועק דריי מאָנאַטען, ביז איך מיט מיין מילטאָן זענען געקומען צו זיך, און איך האָב באַשלאָסען צו פאָרען ברענגען מיין ערשטע פרוי מיט די קינדער.

געבראַכט האָב איך זיי אין מיין הויז אריין און מיט פיר וואָכען שפּעטער האָב איך געשטעלט אַ חופּה מיט מיין ערשטער פרוי, וועלכע איז אַצינד אויך מיין דריטע.

ס'איז אוועק פיר יאָר און מיר האָבען חתונה געמאַכט אונזער טאָכטער און באַלד נאָך איר — אונזער זון.

פון דאַן אָן איז שוין צוועלף יאָר. אַצינד, אויף מיין מילטאָן'ס חתונה, ווען איך האָב זיך צוקוקט מיט מיין ערשטער, אָדער בעסער געזאָגט, דריטער פרוי, האָב איך זיך דערמאַנט אין דעם טראַגישען טויט פון מיין צווייטער פרוי און אַ שווערער זיפץ — האָט ער מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ פאַרענדיגט — האָט זיך יענעם שבת אַרויסגעריסען פון מיין האַרץ.

ער איז געבליבען זיצען ווי אַ שולדיגער פאַר'ן ריכטער און גע־

ווארט אויף זיין צווייטען אורטייל; א אורטייל ניט פאר זיך אליין, נאר פאר זיינע ווייבער אויך.

מר. גאלד האט אויך א שווערען זיפץ געטאן און געזאגט:

— יא, דאס איז זעהר אינטערעסאנט, אבער זעהר טראגיש. אייער צווייטע פרוי האט געבויט איר גליק אויף די צרות פון אייער ערשטער פרוי און די ערשטע, אדער די דריטע — ווי איר רופט זי — בויט איר לעבען אויפ'ן אומגליק פון אייער צווייטער פרוי. יעדענפאלס, איז די לעצטע מער בארעכטיגט צו איר גליק.

דער לעבעדיגער מת

— אזוי מאן ווי מיין דייוויד איז, דארף מען זוכען צווישען טויזענטער און טויזענטער יונגעלייט, — האט אסתר געזאגט צו איר שכנ'טע, וואס וואוינט מיט איר שוין באלד א יאר צייט, א טיר נעבען א טיר. זי איז געזעסען א פארטראכטע ביים בעטעלע פון איר מאנ'ס נאר וואס איינגעשלאפען קינד, און געקוקט אויף דעם מיט א מוטערליכער צערטליכקייט. — פונקט ווי איר מוטער, — האט זי, ווי צו זיך געזאגט.

— דו האסט דען געקאנט איר מוטער? — האט די שכנ'טע זי געפרעגט.

— ניין, איך האב בלויז געזעהן איר פאטאגראפיע, וואס דעם קינד'ס באבע טראגט אויפ'ן האלדז, איינגעפאסט אין א קליין־פארמאכטען מעדאליאן, — האט זי געענטפערט.

— מיך וואונדערט, וואס איר באבע וואוינט מיט אייך, און זי קאן צוזעהן ווי אן אנדער פרוי פארנעמט איר פארשטארבענער טאכטער'ס ארט. און אויך וואונדערט מיך, וואס דיין מאן האלט זי; נאך אלעמען, איז זי דאך איצט גארניט צו אים.

— טאקע אין דעם זעהט מען מיין מאנ'ס פיינקייט. ערשטענס, וואלט זי נים איבערגעטראגען, ווען זי וואלט זיך דארפען צעשיידען מיט'ן קינד פון איר טאכטער; צווייטענס, האט זי אזוי ליב מיין מאן, אז זי האלט אים פאר אן איינענעם זון, און טאקע דערפאר רופט ער זי — מאמע — און האלט זי ווי אן אייגענע מוטער.

— האט ער ליב געהאט זיין ערשטע פרוי? — האט איר פריינדינע נאך אמאל איבערגעפרעגט.

— זעהר ליב געהאט.

— ווי זשע קומט עס, וואס ער האט מיט דיר חתונה געהאט אזא קורצע צייט נאך איר טויט, אויב ער האט די ערשטע אזוי ליב געהאט?

— דאס איז מיין שולד, ווייל איך האב זיך אזוי אין אים פארליבט, און מיין ליבע האט אים אזוי פאר'שכור'ט, אז ער האט

זיך אין מיר אויך פאַרליבט.

— וואו האָט איר זיך באַקאַנט?

— אויפ׳ן בית־עולם, און טאַקע דאָרט, ביי זיין פרוי׳ס קבר איז געשלאָסען געוואָרען דער שידוך.

— דאָס מוז זיין זעהר אינטערעסאַנט.

— יאָ, אינטערעסאַנט, אָבער זעהר טראַגיש; ווייל צו באַקאַנען זיך מיט א יונגעמאַן אויפ׳ן בית־עולם מיט איינעם, וואָס קומט יעדען זונטאג צום קבר פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי, און זיך פאַרליבען אין אים, אין דער צייט ווען ער שטעהט א צובראָכענער, מיט טרערען אין די אויגען, דאָס איז נישט אַזוי לייכט.

— דו האָסט מיר קיינמאָל נים דערצעהלט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

— וועגען דעם איז דאָ זעהר פיל צו ריידען, ווייל איך וועל דאַרפען אָנפאַנגען פון מיינע קינדער־יאָרען.

— איך האָב צייט גענוג, און ביז נאַכט, איז נאָך ווייט.

— גוט, — האָט אסתר געזאָגט.

ביידע פריינדינעס זענען ארויס פון קינד׳ס שלאָפצימער און זיי האָבען זיך פאַרקליבען אין א ווינקעל פון דער ווייכער סאָפע. אסתר האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

ווען מיין מוטער איז געשטאָרבען, בין איך געבליבען איינע אַליין, אָן שוועסטער, ברידער, און אָן א פאָטער. מיין פאָטער האָב איך נים געקאַנט. ער האָט פאַרלאָזט מיין מוטער, ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר. פון דאַן אָן האָבען מיר אים קיינמאָל נישט געזעהן; ער איז ווי אין וואַסער אריין!

מיין מוטער האָט אָנגעהויבען אַרבייטען און געמאַכט א לעבען פאַר אונזביידען. פון דאַן אָן זענען אַוועק צוואַנציג יאָר. מיין מוטער איז געוואָרען אַלט און קראַנק; זי איז נים געווען אַזוי אַלט אין די יאָרען, ווי די צרות האָבען זי פאַרעלטערט. נאָכדעם ווי זי איז אָפגעלעגען קראַנק ארום צען וואָכען, איז זי געשטאָרבען. יעדען זונטאַג פלעג איך געהן אויפ׳ן בית־עולם און פאַרבראַכט א פאַר

שעה אויף מיין מוטער׳ס קבר.

איינמאָל האָב איך באַמערקט, ניט ווייט פון מיין מוטער׳ס קבר, איז געשטאַנען א יונגערמאַן נעבען א מצבה, מיט א געבויגענעם קאָפּ. ער איז אַזוי געשטאַנען אַרום א האַלבע שעה און איז אַוועק.

איינמאָל, זיצענדיג נעבען מיין מוטער׳ס קבר מיט א געבויגענעם קאָפּ און מיט פאַרגאָסענע אויגען, האָב איך ניט באַמערקט, ווי עס רוקט זיך אָן א שטורעם. ווען איך האָב זיך געלאָזט לויפען אין גאַס־רעגען, האָט מיך דער יונגערמאַן אַנגעיאָגט און אויף מיר אַרויפגעוואָרפען זיין מאַנטעל. אויפ׳ן צווייטען זונטאָג, ווען איך בין געקומען צו מיין מוטער׳ס קבר, האָב איך שוין דעם יונגענמאַן דאָרט געטראָפען. ווען איך האָב זיך שפּעטער געלאָזט געהן אַהיים, האָט ער מיך אָפּגעשטעלט. נאָכדעם, ווי איך האָב אים דערצעהלט צו וועמען איך קום, האָב איך אים געפרעגט, ווער עס ליגט אין דעם קבר, וואָס ער פאַרברייננגט דאָרט יעדען זונטאָג? ער האָט מיט א זיפץ אָנגעשטעלט זיינע אויגען אויף יענער מצבה און מיר געזאָגט:

— דאָרט ליגט מיין פרוי; זי איז א לעבעדיגער מת.

— וואָס מיינט איר? — האָב איך אים געפרעגט א דערשראָקענע.

— אין דער ווירקליכקייט איז זי טויט, אָבער ביי מיר לעבט זי.

— אַזוי ליב האָט איר זי געהאַט, וואָס נאָך איר טויט לעבט זי פאַר אייך?

— פאַר מיר וועט זי קיינמאָל נישט זיין טויט; איר געשטאַלט און איר נשמה איז נעבען מיר און מיט מיר.

מיט קליינע טריט האָבען מיר זיך געלאָזט געהן, ביידע מיט געבויגענע קעפּ, אָן ווערטער, יעדער פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען.

עס זענען אַוועק עטליכע מאָנאַטען, און יעדען זונטאָג האָבען מיר זיך געטראָפען אויפ׳ן בית־עולם און מיר פלעגען צוזאַמען געהן אַהיים.

מיר זענען געוואָרן אַזוי צוגעוואוינט זיך דאָרט צו טרעפען, אַז ווען עמיצער פון אונז האָט פאַרשפּעטיגט, האָט דער צווייטער אייבערגעטראַכט; דאָס הייסט, מיר האָבען זיך אויסגעפּעהלט איינס

דעם צװייטען. איינמאָל האָב איך אים געזאָגט:

— מיר זענען שוין אַזוי לאַנג באַקאַנט, און איר האָט מיר קיין איין װאָרט נישט דערצעהלט װעגען אייער פרוי; אפשר װעל איך זיך אָפּלערנען און אויך קאָנען זיין אַזוי גוט צו מיין צוקונפטיגען מאַן...

ער האָט געגעבען אַ קוק אויף דער מצבה, װי ער װאָלט זיך אַנגעפרעגט ביי זיין פארשטאָרבענער פרוי, צי זאָל ער דאָס טאָן. נאָך אַ קורצען שטילשװייגען, פונקט װי ער װאָלט זיך מיט זיך אַליין באַראָטען, האָט ער מיר געענטפערט:

— איר זענט װירקליך מיין איינציגער פריינד, און איך האָב שוין לאַנג געװאָלט פאַר אייך אויסדערצעהלען מיין ביטער הארץ, און אויך װעגען לעבען פון מיין פארשטאָרבענער פרוי, אָבער איך האָב נישט געהאַט די געלעגענהייט. איצט, אַז איר בעט מיך, װעל איך אייך דערצעהלען.

מיר האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן ראַנד פון זיין פרוי'ס קבר און ער האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

נאָכדעם, װי איך בין אַמאָל אַרומגעגאַנגען עטליכע שעה אויף די גאַסען און געזוכט אַ צימער פאַר זיך, האָב איך ענדליך באַמערקט אַ בלעטעל צוגעקלעפּט צו אַ פענסטער מיט פאָלגענדען אויפשריפט: "אַ צימער מיט מעבעל צו פארדינגען". װען איך האָב אָנגעקלונגען אין טיר־גלעקעל, האָט מיר געעפענט די טיר, אַ פרוי פון אַ יאָר פופציג. אַ לייכטער שמייכעל איז געװען אויסגעשפרייט אויף איר טונקעל־מאַט פנים, איר שניי־װייס־געקרויזטער קאָפּ־האָר האָט אַ ביסעל אָפּגעשלאָגען דאָס טונקעלקייט פון איר פנים, צוליב װעלכען עס האָבען זיך אַרויסגעזעהן אירע שװאַרצע, װי טינט, אויגען.

— איר װילט אװדאי זעהן דעם צימער? — האָט זי מיט דעם זעלבען שמייכעל, אין װעלכען מען האָט געזעהן פיל אומעט, מיך געפרעגט.

— יאָ, האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכעל. װען מיר זענען אַריין אין ערשטען צימער, דורך װעלכען מיר האָבען געדאַרפט

דורכגעהן צו זעהן דעם צימער וואָס מ'פאַרדינגט, איז דאָרט געזעסען א מיידעל פון א יאָר פינף און צוואנציג.

— דאָס איז מיין טאָכטער, דינה, האָט די פרוי מיר געזאָגט.

איך האָב זי באַגריסט און זי האָט מיר געענטפערט אויף א קלינגענדיגער שטימע. ווען איך האָב געגעבען א קוק אויף איר, האָב איך דערזעהן א לעבעדיגע פאָטאָגראַפיע פון איר מוטער'ס יוגענד. אירע שווארצע, גלאַנצענדיגע אויגען וועלכע זענען געווען אַנגעשטעלט אויף איין פונקט, זענען מיר אריין אין הארצען, ווי צוויי שפּיזען. זיי האָבען געקוקט מיט אזוי פיל אומעט און טרויער, אז א פחד איז אויף מיר געפאַלען. פון איר טונקעל קאַשטאַנעווע געקנייטשטען קאָפּ־האָר זענען ארונטערגעהאנגען קליינע, געדרעהטע בינטלעך האָר און האָבען זיך געשפּילט אויף איר שניי־קלאָרען שטערען. זי איז געזעסען אומבאוועגליך און האָט מיט א פיינליכען שמייכעל געקוקט אין דער ווייטקייט.

ווען איך בין ארויס אין גאַס, נאָכדעם ווי איך האָב געדונגען דעם צימער, האָב איך געפילט אויף זיך אירע שווארצע, אומבאַוועגליכע אויגען.

עפּעס האָב איך געפילט א מורא פאַר אירע שעהנע, און אין דער זעלבער צייט, קאַלטע אויגען, וואָס האָבען טיף אריינגעדרונגען אין מיין הארצען. איך האָב שוין חרטה געהאַט, וואָס איך האָב גענומען דעם צימער, און געוואָלט איבערלאָזען דאָס האנט־געלט, וואָס איך האָב געגעבען, אָבער איך האָב זיך באַלד איבערגערעכענט:

פאַרוואָס זאָל איך ניט נעמען דעם צימער? האָב איך זיך אַליין געפרעגט. נאָך אַלעמען, זעהט די מוטער אויס זעהר א פיינע פרוי, און פון דער מיידעל האָב איך אויך קיין שלעכטס ניט געזעהן; טאָמער זיצט זי פארטראַכט, וואָס געהט דאָס מיר אָן? אויב מיר וועט ניט געפעלען, וועל איך דאָ אָפּוואוינען א מאָנאַט און דערנאָך זוכען א נייעם צימער.

אויפ'ן צווייטען טאָג, אין אָוונט, האָב איך פארנומען דעם צימער. אין הויז איז געווען שטיל און רוהיג. דאָס פאַרטראַכטע

מיידעל האָב איך ניט געזעהן. איך האָב גענומען אין צימער מאַכען אַן אָרדנונג. עפּעס בין איך פּלוצים געוואָרען אומרוהיג און עס האָט מיך אָנגעהויבען צו ציהען צו די שווארצע, פארטראכטע אויגען. וואו קען זי איצט זיין? האָב איך זיך אַליין געפרעגט.

איך בין אריין אין צווייטען צימער און ביי איר מוטער זיך נאָכגעפרעגט אויף פארשידענע זאכען. איך האָב ביי זיך געטראכט, אפשר וועל איך איר טאָכטער אזוי ארום דערזעהן. אָבער זי איז ניט געווען.

אויפ'ן צווייטען טאָג בין איך אהיים געקומען פון מיין ארבייט פריהער ווי אַלע מאָל. יעדען טאָג, נאָך מיין ארבייט, פלעג איך געהן פארברייננגען מיט מיינע פריינט, אָבער דאָס מאָל האָט מיך געצויגען אהיים.

ווען איך בין אריין אין ערשטען צימער, איז די מיידעל געזעסען אזוי אומבאוועגליך, ווי אין דעם ערשטען טאָג ווען איך האָב זי דערזעהן. אירע שווארצע, אומעטיגע אויגען זענען געווען אָנגע־שטעלט אויף איין פונקט, און זי האָט געקוקט אזוי טרויעריג ווי דאן. איך האָב זי באגריסט און בין אריין אין מיין צימער, אָבער איך האָב דאָרט לאַנג ניט געקאָנט זיצען. ווען איך בין צוריק אריין אין דעם גרויסען צימער, וואו זי איז געזעסען, האָב איך זי געטראָפען זיצען אין דער זעלבער פּאָזיציע, נאָר מיט עטוואָס אַ פרעהליכע מינע.

— גאַנץ אַליין? האָב איך זי געפרעגט.

—יא, האָט זי געענטפערט און זיך געשמייכעלט.

— איז אייך נישט אומעטיג, איינע אַליין?

— אויב איר דענקט, אז זייענדיג אַליין איז מען אומעטיג, וואָלט איך אייך בעטען זיצען, אויב אייך וועט ניט לאַנגווייליגען.

— אין דער אנוועזענהייט פון אַ פרוי לאַנגווייליג איך זיך נישט, און בפרט ווען מ'זעהט נאָך אַזעלכע שעהנע אויגען, זיכער ניט.

זי האָט געגעבען אַ לייכטען שמייכעל און איבערגעזאָגט מיינע ווערטער ''שעהנע אויגען''. — זיצט, האָט זי דערנאָך געזאָגט, אָנ־ווייזענדיג אויף אַ שטול וואָס איז געשטאַנען נעבען איר.

ווען איך האָב זיך געזעצט אויף דער שטול, האָב איך זי גע־פרעגט, וואָרום זי האָט אַזוי איראָניש נאָכגעזאָגט "שעהנע אויגען".

— ווייל אַט די שעהנע אויגען, ווי איר רופט זיי, זענען פּונקט ווי פאַלשע דימענטען, וואָס בלאַנקען שעהן און נאַרען אָפּ מענטשען; אָבער אין אמת׳ן זענען זיי פּראָסטע שטיקלעך גלאָז...

— איך פאַרשטעה נישט וואָס איר רעדט, האָב איך גע־ענטפערט.

— איך מיין, אַז מיינע אויגען זענען אַזוי טויט ווי די פאַלשע דימענטען, ווען עס ווערט פון זיי אָפּגעריבען דער פּאָליר.

— איר מיינט צו זאָגען אַז איר...

— אַז איך זעה ניט אויף זיי, האָט זי פאַרענדיגט מיינע ווערטער.

— מיין גאָט! — האָט זיך פון מיין הארצען אַרויסגעריסען, — אַט די שעהנע אויגען זעהען ניט די ליכטיגע שיין?

— ניין, האָט זי מיט אַ שווערען זיפץ אַרויסגעקרעכצט, און אַרונטערגעלאָזט די קאָפּ, אַז איך זאָל נישט קאָנען אַריינקוקען אין אירע אויגען.

איך בין געבליבען זיצען שטיל, מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. מיין קאָפּ האָט זיך ביסלעכווייז געבויגען צו דער ערד. זי האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז איך האָב אַרונטערגעלאָזט מיין קאָפּ. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און צערטליך, ווי אַ מוטער, האָבען זיך אירע פינגער געפּלאָנטערט אין מיינע האָר.

ווען איך האָב דערפילט די וואַרימקייט פון איר האַנט אויף מיין קאָפּ האָב איך אַ ציטער געגעבען, פּונקט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט מיך אָנגערירט.

זי האָט דאָס דערפילט און אַרונטערגענומען איר האַנט. איך האָב זי אָבער באַלד אָנגעכאַפּט און זי אָנגעהויבען קושען, ניט וויסענדיג וואָס איך טהו.

— וואָס קושט איר אַ לעבעדיגען מת? — האָט זי געפרעגט.

— פאַרוואָס רעדט איר אַזוי? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל ביי מיר איז ניט קיין חילוק פון דעם ליכטיגען, זוניגען טאָג ביז דער פינסטערער, פאַרוואָלקענדיגער נאַכט... וואָס ביי יעדען איז ווייס איז ביי מיר שוואַרץ. דער אונטערשייד פון מיר ביז אַ מת איז, וואָס ער קאָן זיך נישט באַוועגען, און איך באַוועג זיך. אָבער מיר איז פּונקט אַזוי פינסטער ווי דעם מת אין קבר.

— רעדט ניט אַזוי, האָב איך זי געבעטען, אָננעמענדיג זי ביי די הענט, וועלכע זענען געווען הייס ווי פייער, אין דער זעלבער צייט האָבען זיי געציטערט ווי אין פיבער. פּערעלדיגע טרערען האָבען אָנגעהויבען פליסען פון אירע שוואַרצע אויגען, און אירע בריסט האָבען זיך געהויבען אַרויף און אַראָפּ. מיט אירע הענט האָט זי פאַרדעקט איר פּנים און איז געבליבען זיצען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטען קאָפּ.

אין שטוב איז געוואָרען שטיל, פּונקט ווי אַ טויטער וואָלט געלעגען אויף דער ערד. נאָך אַ לענגערער שטילקייט האָט זי אַ זיפץ געטאָן מיט דער באַגלייטונג פון "אוי, מאַמע מיינע, טייערע!"

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איר אָרט, שטאַרק געדריקט מיין האַנט, געוואונשען אַ גוטע נאַכט, און מיט געציילטע טריט האָט זיך איר שעהן געשטאַלט קוים באַוועגט גלייך צו דער טיר פון איר צימער.

אַ צעבראָכענער בין איך אַריין אין מיין צימער און זיך אַריינגעוואָרפען אין מיין בעט. אַ גאַנצע נאַכט איז זי פאַר מיר געשטאַנען אין חלום, די אויגען פאַרדעקט מיט אירע הענט. זי איז געשטאַנען ווי אַ נימפע, מיט די האָר צעלאָזט. איך האָב אַרונטערגענומען אירע הענט פון אירע אויגען און זי איז אַלץ געשטאַנען אַזוי אומבאַוועגליך. אירע שוואַרצע, אומעטיגע אויגען זענען געווען אָנגעשטעלט אויף מיר. פּלוצים האָט זי אויסגעשריען: — ווי שעהן דו ביזט! — און מיך אַרומגענומען.

ווען איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענט זי אַרומצונעמען, האָבען זיי זיך אָנגעקלאַפּט איינס אין צווייטען און איך האָב געעפענט מיינע אויגען.

א גאַנצען טאָג בין איך געזעסען ביי מיין אַרבייט ווי דול. איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך טהו. ווען איך בין אַהיים געקומען האָב איך זי געטראָפען זיצען אויפ'ן זעלבען אָרט. איר פּנים האָט געשיינט ווי די זון. אַ פרעהליכקייט האָט געשטראַלט פון איר פּנים, ווי ביי אַ הונגעריגען, ווען ער דערוואַרט אַ גוטען מאָלצייט.

איך האָב זי באַגריסט און זי האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט צו מיר. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטול וואָס איז געשטאַנען נעבען איר, און האַלטענדיג אירע הענט אין מיינע, האָב איך געפרעגט, ווי זי איז געשלאָפען די פאַרגאַנגענע נאַכט?

— איך שלאָף אַלע מאָל גוט, האָט זי מיר געענטפערט. ווען איך שלאָף איז מיר זעהר גוט, האָט זי צוגעגעבען; ווייל אין חלום קערט זיך צו מיר צוריק דאָס ליכט און איך זעה אַלעס וואָס איך פלעג אַמאָל זעהן... — יאָ, מיין פריינד, האָט זי זיך אָנגערופען, מיין איינציגע טרייסט איז דער שלאָף.

— האָט איר אַמאָל געזעהן אויף אייערע אויגען? האָב איך געפרעגט.

— יאָ, האָט זי געענטפערט.

— שוין לאַנג אַז איר זעהט ניט?

— שוין פופצען יאָר.

— פון וואָס איז דאָס אייך געקומען?

זי האָט אַרויסגענומען אירע הענט פון מיינע און געזאָגט: קומט אָט דאָרט, אויף דער סאָפע איז בעסער און באַקוועמער צו זיצען, וועל איך אייך דערצעהלען מיין גאַנצע ביאָגראַפיע.

איך האָב זי אָנגענומען פאַר'ן אָרעם און זי צוגעפירט צו דער סאָפע.

איך האָב זיך אַנידערגעזעצט נעבען איר, האַלטענדיג איר האַנט אין מיינער. זי האָט אויסגעדרעהט איר פּנים צו מיר, פונקט ווי זי וואָלט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגען. נאָך אַ קורצער צייט שטיל־שווייגען, ווי זי וואָלט זיך אָנגענומען מיט מוט, האָט זי אָנגעהויבען דערצעהלען איר ביאָגראַפיע:

ו. דיקער

מיט פופצען יאָר צוריק, ווען די פּאָגראָמען האָבען אויסגע־בראָכען אין רוסלאַנד, האָבען מיר געוואוינט אין א קליין שטעטעל אין אוקריינע. באַלד, ביים ערשטען פּאָגראָם, האָט מען דער׳הרג׳עט מיין פאָטער. איך מיט מיין מוטער האָבען זיך געראַטעוועט, ארויס־לויפענדיג דורך א פענסטער. דאָס איז געווען ביינאַכט. א גאַנצע נאַכט זענען מיר געלאָפען איבער די פעלדער אָן אָפּשטעל. אין פרימאָרגען זענען מיר אָנגעקומען אין א וואַלד. מיר זענען אריין טיף אין וואַלד, ווייט פון וועג. מיר האָבען דאָרט אויסגעפונען א טיפע גרוב און מיר האָבען דאָרט אָנגעוואָרפען א סך טרוקענע בלע־טער פון ביימער, און פון איוועון האָבען מיר די גרוב פארדעקט מיט צווייגען. מיר האָבען זיך דאָרט באַזעצט. עס האָבען זיך צו אונז דערטראָגען דאָס קלאַפּען פון די קאָפּיטעס פון די לויפענדע פערד און דאָס הירזשען פון די כוליגאַנעס. מיר זענען געזעסען אין דער פינסטערער גרוב מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, מורא האָבענ־דיג, אז אָט, אָט, וועלען זיי אָנפאַלען אויף אונז. צייטענווייז האָבען מיר געהערט ווי מענטשען לויפען און וויינען; דאָס האָבען זיי אוודאי געזוכט אָן אָרט, וואו זיך אויסצובאהאַלטען פון די ווילדע מערדער.

אזוי זענען מיר אָפּגעלעגען אין גרוב פיר טעג. מיר האָבען געגעסען פארשידענע טרוקענע אָפּפאַלען פון ביימער. ווען עס איז געוואָרען שטיל זענען מיר ארויס פון גרוב. איך בין געווען אזוי שוואַך אז איך בין קוים געגאַנגען אויף מיינע פיס. פון צייט צו צייט איז מיר געוואָרען טונקעל אין מיינע אויגען.

ווען מיר זענען צוריק געקומען אין אונזער שטעטעל איז קיין דאקטאר ניט געווען, ווייל מ׳האָט אים גע׳הרג׳עט; און פאָרען צו א דאָקטאר אין א ווייטער שטאָט האָט מען ניט געקאָנט, ווייל מ׳איז געווען איינגעשטעלט מיט׳ן לעבען זיך צו לאָזען אין וועג אריין. אזוי איז מיר געוואָרען ערגער און ערגער אויף מיינע אויגען, ביז איך בין אינגאַנצען בלינד געוואָרען.

ווען מיר זענען געקומען קיין אמעריקע, וואו מיין מוטער האָט

געהאַט אַ ברודער, זעהר אַ רייכען, און ער האַלט אונז אויס ביז היינטיגען טאָג, האָט ער מיך געפירט צו די גרעסטע פּראָפעסאָרען; אָבער זיי האָבען אַלע געזאָגט, אַז עס איז צו שפּעט און מ'קאָן גאָר־ניט העלפען...

ביי די ווערטער האָט זי אויסגעבראָכען אין אַ היסטערישען געוויין, אַז מיין האַרץ איז מיר צוריסען געוואָרען פון רחמנות. איך האָב ניט געהאַט קיין ווערטער זי צו טרייסטען אין איר גרויסען צער, און אויפ'ן אָרט פון דעם, בין איך צוגעפאַלען מיט מיינע ליפּען און געקושט אירע הענט. ווען איך האָב אויפגעהויבען מיין קאָפּ, זענען אירע אויגען געווען פייכט פון טרערען. איך האָב זי פּאַטער־ליך ארומגענומען און זי געדריקט צו זיך.

עס זענען אַוועק טעג און איך האָב קיין אָרט פאַר זיך ניט געפונען. איך בין געווען ווי פון זינען. ווען איך בין געזעסען ביי דער ארבייט איז דינה'ס געשטאַלט פון מיינע אויגען ניט אָפּ־געטראָטען.

יעדען אָוונט, ווען איך בין אהיים געקומען פון דער ארבייט, בין איך געזעסען נעבען איר. מיין האַרץ האָט מיר וועה געטאָן, ווען זי האָט זיך געצוויגען צו מיר. איך האָב זי ליב געהאַט און נאָך מער — רחמנות געהאַט אויף איר — און אין דער זעלבער צייט האָב איך זיך געוואָלט דערווייטערען פון איר...

זי איז בלינד, האָב איך ביי זיך געטראַכט. ווי קאָן איך זיך פאַרבינדען מיט אַ בלינדער פרוי? מיינע פאַרדינסטען וועלען מיר ניט דערלויבען צו האַלטען אַ דינסט נעבען איר; און איינע אַליין וועט זי ניט קאָנען זיין...

ווען מיר זענען איינמאַל אין אַן אָוונט ביידע געזעסען האָט זי צו מיר געזאָגט:

— ווען ניט מיין מוטער, וואָלט איך שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף צו מיין לעבען; אָבער צוליב איר קאָן איך עס ניט טאָן. איך בין איר איינציגע טרויעריגע טרייסט. אַ חוץ מיר האָט זי קיינעם ניט און זי לעבט נאָר צוליב מיר. טאָ ווארום זשע זאָל איך ניט

לעבען צוליב איר? זי זאָגט, אַז זי האָט נאָך ניט פאַרלוירען איר האָפנונג, אַז די שיין וועט זיך נאָך אומקערען צוריק צו מיינע אויגען און זי וועט נאָך דערלעבען נחת אין מיר.

איך האָב איצט אַזוי שטאַרק רחמנות געהאַט אויף איר, אַז דאָס איז געווען נאָך פיל שטאַרקער פון מיין ליבע צו איר. איך האָב באַשלאָסען, וואָס עס וועט זיין זאָל זיין, איך מוז מיט איר הייראַטען!

— יאָ, יאָ, האָב איך געזאָגט, אָננעמענדיג זי פאַרביידע הענט. דיין מאַמע וועט נאָך האָבען פיל נחת אין דיר... איך האָב זי צוגעצויגען צו זיך און מיט צערטליכע קושען האָב איך באַשאָטען אירע טונקעלע אויגען. זי האָט מיך צוגעדריקט ווי אַ קינד און מיט אירע ליפען געזוכט מיינע.

— מיין טייערער, האָסט מיך טאַקע ליב? האָט זי מיך גע־פרעגט מיט טרערען אין די אויגען.

— אויב מ׳קאָן אויסדריקען דורך ווערטער די העכסטע און שענסטע ליבע, איז מיין וואונש, אַז איך זאָל זיין אומשטאַנד דיר דאָס איבערגעבען אין ווערטער...

זי האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפ אויף מיין ברוסט און ווי אַ קינד, געגלעט מיין פנים.

עס זענען אַוועק וואָכען, און מיין ליבע צו איר איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג. איר טרויער איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען; איר פנים האָט געבליט ווי אַ בלום.

יעדען טאָג, ווען איך בין געקומען פון מיין אַרבייט, האָט זי מיך באַגעגענט אַ ליכטיגע, אַ שטראַלענדע. — מיין ליבער, האָט זי איינמאָל געזאָגט, ווען די שיין קערט זיך איצט צוריק צו מיר וואָלט איך ניט געווען אַזוי גליקליך, ווי איך בין גליקליך מיט דיר.

נאָך אונזער חתונה איז די ליבע צווישען אונז געוואָרען נאָך הייסער. יעדען פרימאָרגען פלעגט זי מיך באַגלייטען צו מיין אַרבייט, ביז אין גאַס, און יעדען פאַרנאַכט האָט זי געוואַרט אויף מיר אין דרויסען, ביי דער טיר. זי האָט שוין דערקאַנט מיינע טריט

פון ווייט אוועק. זי פלעגט מיך אָנרופען ביים נאָמען, ווען איך בין נאָך געווען אַ דרייסיג שפאַן פון הויז. ווי אַ מוטער װאַרט אויף איר קינד פון חדר און באוואָרפט עס מיט הייסע קושען ווען עס קומט אָן, אזוי האָט זי געוואַרט אויף מיין קומען און מיך באוואָרפען מיט צערטליכע ליבע־ווערטער. ביי מיין האַנט פלעגט זי מיך אַריינפירען אין הויז אַריין, מיין הוט און מאַנטעל אַרונטערגענומען, מיר געהאָלפען זיך אַרומוואַשען, דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר אויף דער סאָפע, אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף מיינע און מיך געפרעגט, — ווי איך האָב היינט געפילט, צי מיין אַרבייט איז מיר ניט געווען שווער, און צי בין איך מיד?

איינמאָל אין אַן אָוועגט, ווען מיר זענען געזעסען אויף דער סאָפע, האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז זי וועט אינגיכען ווערען אַ מוטער. מיין פרייד איז דאַן געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב זי גענומען אויף מיינע הענט און זי אַרומגעטראָגען איבער'ן שטוב, ווי אַ קינד.

ווען עס איז געקומען די צייט פון קינד־געבוירען האָב איך זי אָפגעפירט אין שפיטאָל. צוויי טעג האָט זי זיך געראַנגעלט אין אַנגסטען און אויפ'ן דריטען טאָג האָט זי געבוירען אַ מיידעלע. איך בין באַלד אַריין אין איר צימער; ווען איך בין צו צו איר בעט האָט זי געעפענט אירע אויגען און אויסגעשריגען: — מיין טייערער, איך זעה דיך, ווי שעהן דו ביזט! זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צו מיר און זיי זענען צוריקגעפאַלען. אירע אויגען־דעקלעך האָבען זיך צוריק פאַרמאַכט און זיך מער קיינמאָל ניט געעפענט...

דאָס קינד איז געבליבען לעבען, און מיר וואוינען צוזאַמען מיט מיין פרוי'ס מוטער. די אַלטע מוטער זאָגט: ווען ניט דאָס קינד פון מיין קינד וואָלט איך די צרות ניט איבערגעטראָגען.

ער איז פלוצים געוואָרען שטיל און אַרונטערגעלאָזען זיין קאָפּ אין די הענט.

— ווען איר האָט חתונה מיט אַ צווייטער, וואָלט איר אויך געוואוינט מיט איר מוטער? האָב איך אים געפרעגט, אַריינקוקענדיג אים טיף אין די אויגען.

— אזוי לאַנג ווי זי וועט לעבן וועט זי זיין ביי מיר, האָט ער געענטפערט.

מיר זענען ביידע געבליבן זיצן מיט געבויגענע קעפּ און פאַרזונקען, יעדער אין זיינע געדאַנקען.

פּלוצים האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף, און געזאָגט:

— אסתר, דו וואָלסט מיט מיר חתונה געהאַט?

אַ זיסע וואַרימקייט האָט אַרומגענומען מיין לייב; אין דער זעלבער צייט האָט מיר אָנגעהויבן האַמערן אין קאָפּ, און מיין האַרץ האָט זיך געטראָגן ווי אַ שטורעם־ווינט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס מיט מיר טוט זיך. מיין קאָפּ איז צוגעפאַלן צו זיין ברוסט און איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט...

ווען מיר האָבן אויפגעוואַכט האָט דער רויטער פלעק פון דער פאַרגאַנגענער זון שוין אַריינגעצויגן די גאָלדענע פעדעם, וועלכע זענען געווען צעוואָרפן איבער די מצבות, און אַ טונקעל־בלויער שאָטן האָט זיך שוין צעשפּרייט איבער זיי. די פייגעלעך האָבן שוין געגעבן זייערע סיגנאַלן און זיך פאַרקליבן אין זייערע נעסטען.

ווי איינער צוגעקאָוועט צום צווייטן, האָבן מיר, מיט שטילע טריט, פאַרלאָזט דעם בית־עולם, פּונקט ווי מיר וואָלטן מורא געהאַט, מיר זאָלן ניט אויפוועקן די מתים פון די קברים...

אַ דינסט־מיידעל קען אויך ווערן אַ דאָקטאָר

בײלע איז געווען דרײַצן יאָר אַלט, ווען אירע עלטערן האָבן זי אָפּגעגעבן צו דער אברהם־חיים'קע פֿאַר אַ דינסט־מיידעל. ביילע'ס פֿאָטער, מאָשקע דער שוסטער, אָדער מאָשקע דער שקראַב־ניק, ווי מ'פֿלעגט אים רופֿן, האָט נאָך פֿון זינט ער האָט געפֿירט אַ ווארשטאַט, קיין נייע פּאָר שיך נישט געמאַכט. ניט חלילה, ווייל ער האָט זיך געפּוילט, נאָר פּשוט, ווייל ער האָט ניט געקאָנט.

ווען מאָשקע, זיצענדיג אויף זיין ווארשטאַט, פֿלעגט דערזעהן דורכ'ן פֿענסטער, אַז מען טראָגט צו אים אַ פּאָר אַלטע שיך צו פֿאַררעכטן, פֿלעגט ער אויסדרייען דעם דאַשעק אויף אַ זייט און אַ געשריי טאָ[ן] צו זיין ווייב: — שיינע גיטעל, אַריין אין קיך אַריין, אַ "זאַקאַזטשיק" געהט! אַליין, פֿלעגט ער נעמען אַן אַלט שטיקעל לעדער, אַרויפֿלייגען עס אויפ'ן קלאָפּ־אייזן, דאָס צוציהען מיט'ן פּיטיאַש, און קלאַפּען מיט'ן האַמער איבער דעם מיט זיין גאַנצען כח. ווען דער "זאַקאַזטשיק" איז אַריינגעקומען, פֿלעגט מאָשקע זאָגען: — צופֿיל אַרבייט, נישטאָ קיין אַרויסהעלפֿער, כאָטש שריי געוואַלד! ער האָט מיט דעם געוואָלט ווייזען, אַז ער איז זעהר אַ פֿאַרנומענער מענטש, כדי אַרויסצוציהען מער מיט אַ פּאָר גראָשען פֿאַר דער "פֿאָטשינקע".

ווען דער "זאַקאַזטשיק" איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מאָשקע נאָך מער פֿאַררוקט דעם דאַשעק אויפ'ן זייט און איז געבליבען זיצען מיט גדלות אויף זיין דריי־פֿוסיגען בענקעלע וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ טיפּע שיסעל און מיט גרויסקייט האָט ער אַריינגעשריגען אין קיך אַריין: — שיינע גיטעל, קום אַריין! דו זעהסט, פֿלעגט ער זאָגען צו זיין ווייב, פֿון דער גאַנצער וועלט קומט מען צו מיר, איך האָב אַ נאָמען ווי אַ גוטער־איד; מיין לאַטקעלע אָדער רובטשינקעל, וואָס איך לייג אויף אַ פּאָר שיך, מעג מען שטעלען אויף אַ "וויסטאַווקע". מענטשען זענען משוגע, מיינסטו? אויף אַ גוט שטיקעל אַרבייט איז יעדער אַ מבין, האָט ער מיט שטאָלץ פֿאַרענדיגט.

— און פֿון דיינע אַלע גליקען האָסטו ניט אויף שבת, און אויף

דירה־געלט אוודאי נישט! — האָט זיין ווייב אים אריינגעזאָגט.

— דו, שעהנע קעצעלע, האָט ער אויסגערופען, פארשנורעווע נאָר דיין שוך, ווייל איך וועל דיר באלד ארויסרייסען דיין פאָדעשווע פון צווישען דיינע ציינער; זעה נאָר ווי זי האָט זיך א ביסעל צו־לאָזט, — דרך ארץ פאר מאָשקע דעם שוסטער!

שיינע גיטעל האָט געגעבען א שווערען זיפץ באגלייט מיט די ווערטער: — אז אָך און אז וועה צו מיינע יונגע יאָרען, וואָס איך דארף אזוי ביי דיר אָפּפינסטערען א וועלט!

זי איז אריין אין קיך און זיך ביטער צעוויינט. ווען מאָשקע איז אריין אין קיך אָנוויקען דאָס אלט שטיקעל לעדער־זויל אינ'ם צעבער־וואסער, וואָס ער האָט אָפּגעזוכט אונטער'ן ווארשטאט, האָט ער א ברום געטאָן אונטער'ן נאָז: — וואו איז די מויד?

— די מויד — האָט זיין ווייב, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ נאָכגעזאָגט, — א קינד פון צען יאָר איז ביי אים א מויד...

— ביי לייטען גיט מען שוין אזא מויד אוועק פאר א ניאנקע, און ביי איר איז זי נאָך א קינד, האָט ער גערעדט מער צום צעבער וואסער ווי צום ווייב. אין דער זעלבער צייט האָט ער געבויגען דאָס אלט שטיקעל זויל אין דרייענדיג מיט'ן קאָפּ האָטער צו זיך אליין גע־זאָגט: — איי, איז דאָס א טייער שטיקעל לעדער! ער האָט גע־געבען א לאנגען פייף, וואָס דאָס האָט געזאָלט מיינען באגייסטערונג.

— און דו וואָלסט באשטאנען, אז איך זאָל אונזער קינד אוועק־געבען פאר א ניאנקע? האָט שיינע גיטעל אים איבערגעשלאָגען זיינע טיפע געדאנקען, וואָס זענען איצט געווען מער אריינגעטאָן אין שטיקעל לעדער ווי אין זיין קינד.

— פארוואָס ניט? — האָט מאָשקע געענטפערט, ביז ווען דארף מען זי האָדעווען? ביז איר חתונה? אזא מויד מעג שוין אריינברענגען אויף דירה־געלט, ניט איך זאָל ארבייטען אזוי שווער.

אזעלכע געשפּרעכען פלעגען פאָרקומען צווישען מאָשקען און זיין ווייב א פּאָר מאָל אין וואָך.

ביז דרייצען יאָר איז ביילע ארומגעלאָפען אין גאס, נאקעט און

באָרוועס. זי האָט אויף זיך נישט געהאט קיין פּאָר שיך און קיין לייטיש קלייד.

שיינע גיטעל האָט איינגעזעהן, אז קיין אנדער ברירה האָט זי נישט, און זי האָט איר קינד געמוזט אוועקגעבען פאר א דינסט. פונקט אין יענער צייט האָט די אברהם־חיים׳קע געזוכט א מיידעל ארויסצוהעלפען אין שטוב און אין קיך. שיינע גיטעל האָט איר אוועקגעגעבען ביילע׳ן פאר פופצען רובעל א יאָר, מיט עסען און שלאָפען.

די באַלעבאָסטע איז געווען א גוטע, און זי האָט ביילע׳ן ניט שלעכט באהאנדעלט. זי האָט געהאט אן אייגענע טאָכטער, שרה׳לע, אויך אין ביילע׳ס יאָרען, און זיי פלעגען זיך ביידע שפּילען אין ביילע׳ס פרייער צייט.

צו שרה׳ן פלעגט יעדען טאָג אריינקומען א לערער, איר לערנען שרייבען און לייענען. ביילע פלעגט איר זעהר מקנא זיין. ווען זי פלעגט אריינברייננגען דעם לערער א גלאָז טיי, פלעגט זי א ביסעל שטעהן הינטער שרה׳ס פלייצעס און זיך איינקוקען ווי זי שרייבט.

— דו קענסט שרייבען? האָט איר דער לערער געפרעגט.

— ניין, האָט ביילע געענטפערט.

— פארוואָס לערנסטו זיך נישט? האָט ער איר געפרעגט.

— ווייל איך האָב נישט קיין געלט צו צאָלען, האָט זי גע־ענטפערט.

איינמאָל, אין א שבת, ווען ביילע איז אהיים געקומען זעהן אירע עלטערען, האָט זי זיי דערצעהלט, ווי שרה׳לע לערנט זיך לייענען און שרייבען. — איך בין איר מקנא מער ווי מיט איר ניי קליידעל, וואָס דער שניידער האָט איר אָפּגעבראַכט אויף שבת, האָט זי געזאָגט צו די עלטערען. איך וואָלט זיך אויך געוואָלט לערנען, האָט זי געזאָגט אין דער שטיל, מער צו זיך ווי צו זיי.

— וואָס זשע, דו ווילסט ווערן א דאָקטאָריצע? האָט איר פאָטער זי געפרעגט מיט געלעכטער. — דיין טאַטע־מאַמע קענען נישט לייענען און שרייבען, און דו דאַרפסט אויך נישט קענען. דו

וועסט קענען אויסוואַשען די טעפּ ביי דיין באַלעבאָסטע, ניט קע־נענדיג שרייבען; און דער שוסטער־יונג, וואָס דו וועסט מיט אים חתונה האָבען, וועט אויך ניט קענען מער ווי אַ דראָטווע דרייען...

ביילע איז אַוועק פון אירע עלטערען מיט פאַרדרוס. איר יונג הערצעל האָט אין איר געוויינט פאַר די באַליידיגטע ווערטער, וואָס איר פאָטער האָט איר אַזוי געוואָרפען אין פּנים אריין.

ביילע האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך צו לערנען, אָבער זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלען. איר פאָטער פלעגט אָפּנעמען ביי דער באַלעבאָסטע אירע פאַרדינסטען, אויף דירה־געלט, און ביילע האָט אפילו ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו קויפען אַ קליידעל אָדער אַ פּאָר שיך. אַ גליק איז געווען, וואָס איר באַלעבאָסטע האָט איר געשאָנקען פון צייט צו צייט, שרה'ס אַן אַלט קליידעל אָדער אַ פּאָר שיך.

איינמאָל האָט שרה פאַרגעלייענט פאַר ביילע'ן אַ מעשה'לע פון איר בוך. ביילע איז געבליבען זיצען אַ פאַרטראַכטע.

— וואָס ביזטו אַזוי פאַרטראַכט? האָט שרה ביי איר געפרעגט.

— ס'איז אַזוי גוט צו קענען לייענען, האָט זי איר געענטפערט.

— ביילע, אויב דו ווילסט, וועל איך דיך לערנען לייענען און שרייבען, האָט שרה געזאָגט.

— אוודאי וויל איך, האָט ביילע נאַאיוו געענטפערט.

זיי האָבען זיך טאַקע באַלד גענומען צו דער ארבייט. יעדען טאָג פלעגען זיי זיצען אַ שעה און לערנען.

עס איז אַוועק אַ יאָר, און ביילע האָט שוין געקענט לייענען און שרייבען פּונקט ווי שרה. יעדען טאָג, אין איר פרייער צייט, פלעגט ביילע זיצען איבער אַ בוך און פּאַפּירען; זי האָט דאָס מער ליב געהאַט ווי שפּילען זיך.

איינמאָל, אין אַ שבת, איז ביילע געקומען צו אירע עלטערען מיט אַ בוך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מחזור? האָט איר פאָטער געפרעגט.

— דאָס איז נישט קיין מחזור, נאָר אַ בוך, האָט זי געענטפערט.

— דו האַלטסט עס מיט׳ן קאָפּ אראָפּ, האָט ער געזאָגט מיט חוזק.

— איך האַלט עס ניט מיט׳ן קאָפּ אראָפּ, האָט זי געענטפערט, איך ווייס בעסער פון דיר, ווי צו האַלטען א בוך, האָט זי צוגעגעבען.

— זעה נאָר, זי איז דאָך א גאַנצע דאָקטאָריצע, האָט איר פאָטער געזאָגט מיט געלעכטער.

— איך וועל נאָך זיין... — האָט זי געענטפערט, רויט ווע־רענדיג. — מאַמע, האָט זי זיך געווענדעט צו איר מוטער, דו ווילסט הערען, וועל איך דיר פאַרלייענען א מעשה.

— וואָס זשע, דו קענסט דען? האָט איר מוטער ווייך געפרעגט.

— אוודאי קען איך, האָט זי געענטפערט מיט שטאָלץ.

— ווען און וואו האָסטו געלערענט? האָט די מוטער געפרעגט.

— שרה׳לע דער באַלעבאָסטע׳ס לערענט מיט מיר שוין פון א יאָר צייט, און איצט קען איך שוין בעסער פון איר.

— זעה נאָר, מיין געבילדעוועטע מויד! — האָט מאַשקע דער שקראָבניק ארויסגעהירזשעט מיט געלעכטער.

ביילע האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיין געלעכטער, האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איר מוטער און פאַר איר פאָרגעלייענט א מעשה. די מוטער האָט זי ארומגענומען און זי אָנגעהויבען קושען. דער פאָטער איז געבליבען זיצען א פארשעהמטער פאַר זיין טאָכ־טער, וואָס ער האָט פון איר געלאַכט, און צום סוף קען זי בעסער פון אים.

פון יענעם שבת אָן פלעגט ביילע יעדען שבת קומען אהיים מיט א ביכעל און פאַרלייענען פאַר איר מוטער. דער פאָטער פלעגט זיצען פון וויטענס מיט אָן אָנגעבויגענעם קאָפּ און זיך איינהערען. איצט האָט מאָשקע דער שוסטער באַקומען רעספּעקט פאַר זיין קליינער טאָכטער, ווי ער האָט זי אָנגעהויבען רופען אין דער לעצ־טער צייט.

ביילע׳ס מוטער האָט געהאַט א שוועסטער אין אַמעריקע, און אזוי ווי ביילע האָט איצט געקענט שרייבען, האָט זי אָנגעהויבען

שרייבן געבעט־בריוו צו איר מומען, זי זאָל זי אריבערנעמען קיין אַמעריקע. אַ לענגערע צייט איז ניט אָנגעקומען קיין ענטפער, אָבער ביילע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און האָט געהאַלטען יעדע וואָך אין איין שרייבן צו איר מומען.

ענדליך איז אָנגעקומען אַ בריוו פון איר מומען, אין וועלכען זי האָט געשריבען, אַז באַלד נאָך פסח וועט מען זי אריבערנעמען קיין אַמעריקע.

ווען ביילע האָט איבערגעלייענט דעם בריוו צו אירע עלטערען האָט איר מוטער געוויינט און דער פאָטער איז געבליבען זיצען אַ טרויעריגער.

— זאָרגט נישט, האָט ביילע נעזאָגט צו אירע עלטערען, איך וועל אין אייך ניט פאַרגעסען.

ווען ביילע איז געקומען קיין אַמעריקע האָט זי באַלד אָנגעהויבען געהן אין אָווענד־שול. בייטאָג האָט זי געאַרבייט און אין אָווענט האָט זי געלערענט. אין אירע עלטערען האָט זי נישט פאַרגעסען; יעדען חודש האָט זי זיי געשיקט אַ ביסעל געלט.

— איי, שיינע גיטעל, האָט מאָשקע איינמאָל געזאָגט צו זיין ווייב, דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר אַ טייער קינד מיר האָבען...

— איצט איז זי ביי דיר געוואָרען אַ טייער קינד — ניט קיין מזיד — ווען זי אַרבייט דאָרט אַזוי שווער און שיקט אונז אָוועק דאָס לעצטע געלט

— יאָ, מיין ווייב, איך האָב זי פריער אויך ליב געהאַט, און דאַן איז זי אויך געווען מיין קינד פונקט ווי איצט, נאָר דאָס אָרימקייט האָט אַזוי מיטגעבראַכט...

שיינע גיטעל איז געבליבען זיצען אַ פאַרטראַכטע און געקוקט ווייט, ווייט איבער ימ׳ען און דורך פאַרטראַכטע אויגען האָט זי געזעהן איר קינד זיצען ערגעץ ביי אַ מאַשין איינגעבויגען, ביי דער שווערער אַרבייט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, שיינע גיטעל? האָט איר מאַן זי געפרעגט.

— גאָט ווייסט, צי מיר וועלן נאָך אַמאָל זעהן אונזער קינד, האָט זי געענטפערט מיט טרערען אין די אויגען.

— מיר וועלן זי נאָך זעהן, האָט איר מאַן זי געטרייסט; זי וועט אונז נאָך אריבערנעמען קיין אַמעריקע.

— פון דיין מויל אין גאָט'ס אויערען, זיסער גאָט אין הימעל! האָט זי מיט טרערען אין די אויגען געענטפערט.

עס זענען אוועק צען יאָר, און דורך דער גאַנצער צייט האָט ביילע קיין איין חודש נישט פאַרפעהלט צו שיקען אירע עלטערען געלט. אין צייטען ווען זי האָט ניט געהאט, פלעגט זי ערגעץ וואו לייען און שיקען, ווייל זי האָט געוואוסט און געפילט דאָס אָרימקייט וואָס האָט געהערשט ביי אירע עלטערען. כאָטש איר פאָטער איז ניט געווען גוט צו איר אין איר יוגענד, דאָך איז זי אויף אים ניט געווען ברוגז, ווייל ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען, אז דאָס אָרימקייט האָט דאָס מיטגעבראַכט. — ניטאָ, האָט זי געקלערט, קיין שלעכטער פאָטער; ער וויל אַלע מאָל זעהן גוטס אין זיינע קינדער.

ביילע האָט די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען אין אַמעריקע, געלערנט. זי האָט געענדיגט היי־סקול און איז אריין אין אוני־ווערסיטעט. זי האָט אין זינען געהאט בלויז איין זאַך, און דאָס איז געווען: צו ווערען א "דאָקטאָריצע", ווי איר פאָטער האָט זיך אַמאָל אויסגעשפּראָכען.

ווען ביילע האָט געענדיגט אויף דאָקטאר האָט זי צוגעשיקט איר פאָטאָגראַפיע צו אירע עלטערען און זיי געשריבען:

היינט האָב איך געענדיגט — דאָקטאָר. דאָס איז געווען מיין איינציגער וואונטש. איך האָב אייך געוואָלט צייגען, אַז א שוס־טער'ס א טאָכטער מוז ניט זיין נאָר א דינסט־מויד; אויב זי האָט די מעגליכקייט, קען זי לערנען און ווערען א דאָקטאָר אויך.

דאָס אינגעל פון גאַליציע

נאָכדעם ווי איך האָב פאַרבראַכט מיט מיין פריינד ביי אים אין הויז אַ פּאָר שעה, האָבען מיר באַשלאָסען צו נעמען אַ שפּאַציר. געהענדיג, האָבען מיר זיך פאַרטיפט אין אונזער געשפּרעך און ניט באַמערקט, אַז מיר האָבען אַריינגעשפּאַצירט אין אַ מאַרק, וואו פּעדלערס זענען געשטאַנען מיט זייערע פּושקאַרטס סחורה. צווישען די אַלע אָנגעלאָדענע פּושקאַרטס מיט סחורה איז געשטאַנען אַ קליין שטעלכעל אויף וועלכען ס'איז געלעגען אויסגעלייגט איינינע זאַכען צום פאַרקויפען. ביים שטעלכעל איז געזעסען אַ מאַן מיט אַ ווייסער קאָפּ האָר ווי שניי. עס האָט אויסגעזעהן ווי ער דרימעלט, און ווי פון שלאָף, האָט ער שטיל אויסגערופען זיין סחורה מיט צוצויגענע ווערטער: — שיך־בענדלאך, נאָדלען, שפּילקעס — — —

ער איז אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבען און דערנאָך ווידער אַמאָל גענומען אויסרעכענען זיין סחורה. אין זיין קול האָט זיך געהערט אַזוי פיל טרויער, אַז דאָס הארץ האָט פאַר אים אָנגעהויבען וועה טאָן. מיר האָבען זיך ביידע אָפּגעשטעלט און באַטראַכט דעם אומגליקליכען מענטשען, וואָס דאַרף אויף זיינע אַלטע יאָרען זיצען דאָ און פאַרקויפען שיך־בענדלאך מיט שפּילקעס.

מיין פריינד האָט אויף אים געקוקט און באַדויערענדיג גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דו קענסט אים? — האָב איך אים געפרעגט.

— דאָס איז דאָך דאָס אינגעל פון גאַליציע, האָט ער גע־ענטפערט.

— איך האָב פון אים קיינמאָל נישט געהערט.

— עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו הערען זיין לעבענס־גע־שיכטע, האָט מיין פריינד שטיל ווי צו זיך אַליין גערעדט.

— דו האָסט מיך שוין פאַראינטערעסירט צו וויסען האָב איך באַמערקט.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם אַלטען, און נאָך די שטריכען פון זיין פּנים האָב איך באַמערקט, אַז ער איז ניט אַזוי אַלט ווי זיינע

שניי־ווייסע האָר ווייזען אָן.

מיר האָבען זיך געלאָזט צוריקגעהן צו מיין פריינד'ס הויז, און די שטימע פון דעם אַלטען האָט נאָך אַלץ געקלונגען טרויעריג אין מיינע אויערען: שיך־בענדלאך, נאָדלען, שפּילקעס — — — —

ווען מיר זענען אריין אין הויז האָב איך געבעטען מיין פריינד אַז ער זאָל מיר דערצעהלען די געשיכטע פונ'ם אַלטען.

זיין פרוי האָט אריינגעבראַכט טיי און מיר האָבען זיך אוועק־געזעצט ביים טיש.

— די טיי איז נאָך צו הייס, האָט מיין פריינד באַמערקט, און אָפּרוקענדיג די גלאָז טיי פון זיך האָט ער געזאָגט: — ביז די טיי וועט זיך אויסקילען וועל איך דיר דערצעהלען די געשיכטע פונ'ם אַלטען.

— דאָס אינגעל פון גאַליציע מיינסטו? — האָט די פרוי, אוועקזעצענדיג זיך ביים טיש, געפרעגט.

— יאָ, האָט ער געענטפערט.

— איך וויל דאָס אויך הערען, האָט זי געזאָגט, און זיך באַ־קוועמער אריינגעזעצט אין דער ווייכער שטול.

— מיט אַ יאָר פינף און דרייסיג צוריק, האָט מיין פריינד אָנגעהויבען, איז געקומען פון אַ קליין גאַליציאַנער שטעדטעל קיין אַמעריקע, אַ בחור'ל פון אַ יאָר אַכצען. אין דער אַלטער היים איז דאָס בחור'ל, אָדער בעסער געזאָגט, לייבעלע, געזעסען אין שול ביים לערנען פון פרימאָרגען ביז שפּעט אין אָווענט.

זיין מוטער, אַן אָרימע אַלמנה, האָט געוואָלט, אַז איר איינציג זונדעלע זאָל אויסוואַקסען אַ גרויסער לערנער און אַ פרומער איד, האָט זי אים ניט געלאָזט געהן אַרבייטען. זי האָט אַלעס געטאָן כדי זי זאָל אויסהאַלטען איר קינד ביים לערנען.

לייבעלע איז געווען זעהר פרום, פיל געלערענט און געפאַסט תעניתים. זיין לאַנגע, שוואַרצע קאַפּאָטע איז שטענדיג געווען ווייס פון קאַלך אויף דער פּלייצע, ווייל ער פלעגט זיך רייבען אין שול ביי דער רובע. זיין שוואַרץ, פּליושען קאַפּעלושעל האָט האָרמאָ־

נירט מיט זיינע לאַנגע, שוואַרצע, געקרייזעלטע פּאות, און זיין נאָר־וואָס אַרויסגעשפּראָצט שיטער בערדעל איז געווען אַזוי שוואַרץ ווי זיין פּליושען קאַפּעליושעל.

צוזאַמען מיט לייבעלע'ן האָט אין שול געלערענט נאָך אַ בחור'ל, משה, אויך אין די זעלבע יאָרען. לייבעלע פלעגט אים אָפט אַרויס־העלפען ביים לערנען, פאַרוואָס משה האָט אים זעהר געשעצט און געאַכטעט.

משה'ס פאָטער איז געווען אין אַמעריקע און ער האָט זיך גע־פליבען פאָרען אַהין. ווען משה איז געקומען זיך געזעגענען, האָט זיך לייבעלע צעוויינט:

— דו, האָט ער אים געזאָגט, פאָרסט אַוועק אין אַ נייער וועלט, וואו מענטשען לעבען רייך און ווערען גליקליך; און איך וועל דאָ אין שול אויסגעהן פון אומעט און אָרימקייט.

— לייבעלע, האָט משה אויסשטרעקענדיג זיין האַנט געזאָגט: איך גיב דיר מיין האַנט, אַז באַלד ווי איך וועל נאָר אָנפאַנגען אַרבייטען און פאַרדינען וועל איך פאַר דעם ערשטען אָפּגעשפּאָרטען געלט דיר שיקען אַ שיפס־קאַרטע, דו זאָלסט קומען קיין אַמעריקע.

די צוויי יוגענט־פריינט האָבען זיך האַרציג צוקושט און משה האָט פאַרלאָזען זיין פריינד.

לייבעלע איז געבליבען זיצען איבער זיין אָפענעם ספר אַ טרויעריגער און עס האָט אים אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען. דאָס ספר האָט זיך אַוועקגעטראָגען ווייט פון זיינע אָנגעגאָסענע מיט טרערען אויגען, און דורך די טרערען האָט דאָס ספר אויסגע־זעהן ווי אַ גרויסע שטאָט, און די אותיות — ווי גרויסע הייזער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזען, אַז ער איז אין אַ גרויסער אַמערי־קאַנער שטאָט און ער זיצט מיט זיין יונגער פרוי און שעהנע קינ־דערלאַך אין זיין רייכער היים...

אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך צושפּילט אויף זיין פּנים. ער איז געווען אַזוי פאַרטראָגען אין זיין חלום, אַז ער האָט ניט באַ־מערקט ווי זיין מוטער איז אַריינגעקומען. ווען זי האָט אויף אים

אַרויפגעלייגט איר האַנט, האָט ער אַ ציטער געטאָן און זיין חלום איז צושטערט געוואָרען.

— איך האָב דיר געבראַכט עפּעס עסען, מיין קינד, האָט זיין מוטער געזאָגט, דערלאַנגענדיג אים דאָס שיסעלע זופּ פון קאַרטאָפּעל איינגעוויקעלט אין אַ האַנטוך.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָנגעקומען פון משה'ן אַ שיפס־קאַרטע און לייבעלע האָט זיך געקליבען קיין אַמעריקע.

ביים געזעגענען זיך, האָט זיין מוטער פאַרגאָסען פיל טרערען.

— אויף וועמען לאָזטו מיך איבער? האָט זי, אַ וויינענדיגע, אים געפרעגט.

— וויין ניט, מאַמע, האָט ער זי געטרייסט, איך וועל דיך נישט פאַרגעסען; דאָס ערשטע געלט וואָס איך וועל פאַרדינען וועל איך דיר שיקען, און אַזוי שנעל ווי איך וועל האָבען גענוג געלט וועל איך נאָך דיר שיקען.

ווען לייבעלע איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט אים זיין פריינד משה אויסגעהאַלטען אַ וואָך צייט און נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען זוכען אַרבייט. אין דער פאַבריק וואו ער איז אַריין אַרבייטען האָט ער זיך לאַנג נישט געהאַלטען, ווייל ער האָט געמוזט אַרבייטען שבת; און חוץ דעם, האָבען די מיידלאַך דאָרט געלאַכט פון אים און פון זיינע לאַנגע פּאות און אים גערופען — דאָס אינגעל פון גאַליציע.

אים האָט אָנגעהויבען ציהען אין גאַס, ער האָט געוואָלט זיין אַ פרייער מענטש, און אויף דער גאַס האָט ער טאַקע געפונען אַ באַשעפטיגונג: ער האָט פאַרקויפט ציימונגען. אַ גאַנצען טאָג פלעגט ער אַרומלויפען מיט די ציימונגען, און פאַרנאַכט האָט אים געצויגען אין שול אַריין. יעדען פאַרנאַכט האָט ער אַוועקגעלייגט זיינע ציימונגען און איז געלאָפען אין שול אַריין דאַווענען. פון צייט צו צייט האָט ער נאָכ'ן דאַווענען אַריינגעקוקט אין אַ ספר אַריין.

לייבעלע האָט אין זיין אָרימער מוטער נישט פאַרגעסען. ער פלעגט זיינע פאַרדינסטען אָפט אַוועקשיקען צו איר, און אַליין האָט ער געלעבט מיט אַ שטיקעל ברויט מיט טיי.

ו. דיקער

עס זענען אוועק צוויי יאָר און לייבעלע האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסעל געלט אריבער צו ברייגגען זיין מוטער. אָבער פּונקט אין דער צייט האָט זיך אים אונטערגערוקט אַ צייטונג־סטענד צו קויפען און ער האָט זיין מוטער ניט אריבערגענומען, נאָר ער האָט געקויפט דעם צייטונג־סטענד. זיין מוטער האָט ער אָבער ניט פארגעסען און פון צייט צו צייט האָט ער איר געשיקט אַ ביסעל געלט.

ס'זענען אוועק עטליכע יאָר, און לייבעלע האָט אָפּגעשפּאָרט פון די צייטונגען אַ פּאָר הונדערט דאלאר. יעדער איינער האָט געוואוסט, אז אַ צייטונג אָדער אַ זשורנאַל דארף מען קויפען ביים אינגעל פון גאליציע. דער גאַנצער געגענד האָט אים ליב געהאט. מען פלעגט פארבייגעהן אַ סך צייטונג־סטענדס און ניט געקויפט קיין צייטונג, ווייל מ'איז געגאַנגען צום אינגעל פון גאליציע.

אזוי האָט לייבעלע פארדינט געלט פון דעם צייטונג־סטענד, און זיין מוטער אריבערנעמען האָט ער אַלץ אָפּגעלייגט. זיין געשעפט האָט זיך אזוי ארויפגעארבייט, אז פילע מענטשען האָבען זיך אָנ־געשלאָגען אים צו קויפען, און ער האָט עס ענדליך פארקויפט פאר אַ גוטער פרייז.

אין יענער צייט איז געוואָרען אַ גרויסער "בום" אויף הייזער, און לייבעלע האָט מיט זיין ביסעל געלט זיך אריינגעלאָזט אין ריעל־עסטייט און ס'האָט אים אָפּגעגליקט. ער האָט געקויפט און פאר־קויפט, לאַנג האָט ער עס ניט געהאלטען, יעדען טאָג האָט ער גע־קויפט און פארקויפט.

ער האָט ניט ליב געהאט צו האלטען לאַנג די געקויפטע הייזער. איך גלייך די מזומנים, פלעגט ער זאָגען. און אזוי האָט ער גע־מאַכט אַ סך געלט. ער איז רייכער געוואָרען פון טאָג צו טאָג. ער איז געוואָרען אזוי פארטיפט אין זיינע געשעפטען און אין געלט, אז דאָס האָט אים געמאכט פארגעסען אין זיין גלויבען, אין זיין מאמע'ן און אין זיינע חלומות וואָס ער האָט אמאָל געטרוימט אין שול ביים לערנען.

געלט האָט צו אים געשטראָמט פון אַלע זייטען. די מאַשין

פון געלט־מאַכערייַ האָט אים געמאַכט צו פאַרגעסען, אַז עס עקזיס־טירט גאָר אַזאַ זאַך, ווי פירען אַ פאַרהייראַט לעבען, האָבען אַ פרוי מיט קינדער; ער האָט אויך פאַרגעסען אַז ערגעץ אין זיין אַלטער היים געפינט זיך זיין אַלטע, אָרימע מוטער, וועלכע וואַרט יעדען טאָג כאָטש אויף אַ טרוקען בריוועל פון איר לייבעלע'ן. ער האָט נאָר געוואוסט איין זאַך, און דאָס איז געווען די גרינע פּאַפּירלאַך, וואָס מענטשען רופען געלט.

דורך די גרינע בלעטלאַך ווערט מען דערוויטערט פון טאַטע־מאַמע, פון שוועסטער און ברידער און פון גוטע פריינט. וואָס מער מען קריגט זיי, אַלץ מער יאָגט מען זיך נאָך זיי. מען רוהט ניט, מען לעבט ניט, מען שלאָפט ניט, מ'האַלט זיך אין איין יאָגען נאָך די גרינע פּאַפּירלאַך.

ווען עס איז אין יענע יאָרען געקומען דער קראַך: הייזער און בענק זענען געפאַלען, איז דאָס אינגעל פון גאַליציע געשטאַנען אויף אַ פעסטען באָדען. זיין געלט איז געווען אין זיכערע בענק, ניט אין קיין הייזער, ווייל די הייזער וואָס ער פלעגט קויפען פלעגט ער אָפּהאַלטען עטליכע טעג און פאַרקויפען. דער קריזיס האָט דאַן אָנגעהאַלטען ניט קיין לענגערע צייט, און לייבעלע האָט דורך דער צייט געמאַכט נאָך מער געלט ווי פריער און זיין נאָמען — דאָס אינגעל פון גאַליציע — איז געווען ביי יעדען אויף די ליפּען.

יאָרען זענען געלאָפען און לייבעלע איז אַלץ געווען פאַרטאָן אין זיינע גרויסע אונטערנעמונגען. דאָס שעהנע, רייכע, גרויסע הויז וואו ער האָט געוואוינט, איז געווען פוסט און קאַלט; קיין מענטשליך קול האָט מען דאָרט ניט געהערט. די פּאָר שעה דורך דער נאַכט, וואָס ער פלעגט דאָרט רוהען איז אַ חוץ אַ דינער, דאָרט קיינער ניט געווען. זיינע געשעפטען האָבען אים געמאַכט שטרענג און קאַלט. זיין הארץ איז געווען הארט ווי שטיין. יענעמ'ס פאַר־לוסטען האָבען אים געמאַכט צו געווינען, און די טרערען פון די געפאַלענע מענטשען האָבען אים נישט גערירט. ער האָט געהאַט זיין שפּראַך־וואָרט: ווען איינער געהט פאַרלוירען ווערט דער צוויי־

טער געבוירען.

א סך יאָרען זענען דורכגעלאָפען, און לייבעלע איז נאָך אַלץ געווען א בחור. זיין קאָפּ האָט שוין אָנגעהויבען גרוי ווערען און ער האָט אַלץ קיין צייט ניט געהאַט א טראַכט צו טאָן וועגען זיך. זיין רייכטום האָט אים געמאַכט צו פאַרגעסען אין אַלעס, אין אַלעמען.

די נאַטור טוט אָבער אירס: זי שליידערט צוריק דעם מענטשען, פון וואַנען זי האָט אים אויפגעהויבען.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכען דער לעצטער קריזיס האָט לייבעלע געהאַלטען אין מיטען פון זיינע גרויסע אונטערנעמונגען. ער איז געווען פאַרטאָן אין וואָל סטריט מיט גרויסע סומען געלט, א גאַנצער בלאָק הייזער האָט באַלאַנגט צו אים; און א חוץ דעם האָט ער גע־האַלטען אין פאַרענדיגען א ריזיגע געביידע.

ווען דער ערשטער קראַך איז געקומען האָט לייבעלע געזאָגט: — ניט מיך מיינט מען. ווען ס'האָט אָבער אָנגעהויבען פאַלען פון טאָג צו טאָג און זיינע שערס אין וואָל סטריט זענען אַרונטער ביז צו דער נידריגסטער שטופע, ער האָט געדאַרפט צוטראָגען גרויסע סומען געלט, האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס בויען, ווייל די בענק האָבען אויפגעהערט לייען געלט. ער האָט געוואָלט פאַרקויפען א טייל פון זיינע הייזער איז ניט געווען וועמען; און א חוץ דעם, איז זייער ווערט געפאַלען פון טאָג צו טאָג, פּונקט ווי זיינע שערס.

דאָס אינגעל פון גאַליציע איז איצט געשטאַנען ווי אויף א ברענענדער שיף אין מיטען ים. אַלע מאָל איז אָפּגעפאַלען א ברע־נענדיגער שטיק און ער האָט ניט געהאַט ביי וואָס זיך אָנצוהאַלטען, צוצושווימען צום ברעג.

אַזוי איז לייבעלע צוגעקומען צוריק צו דער שטופע, פון וועלכער ער האָט אָנגעהויבען זיין קאַריערע. ער איז געבליבען אָרים און עלענד. איצט, האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט, וואָלט איך געדאַרפט האָבען א ווייב אַז זי זאָל מיך טרייסטען: — ניט אַלעס איז געלט, האָסט פריער ניט געהאַט און דערנאָך געהאַט; האָסט פאַרלוירען

און קענסט נאָך צוריק האָבען. — ער האָט ביי זיך געטראַכט — קינדער דאַרף איך האָבען, זיי זאָלען מיך אַרומנעמען, מיר אויס־ווישען די טרערען פון די אויגען און מיר זאָגען: — טאַטע, וויין ניט, איך האָב דיך אַזוי ליב! אַ מאַמע׳ן דאַרף איך איצט האָבען, זי זאָל מיך צודריקען צו איר האַרץ, ווי זי פלעגט דאָס אַמאָל טאָן, און זאָגען: — וויין ניט, לייבעלע, איך וועל דיר עפּעס געבען...

דריי טעג איז ער איינער אַליין אָפּגעלעגען ביי זיך אין צימער און געקלאָגט, ביז מ׳האָט אים געפונען אַ פאַר׳חלש׳טען. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער געוואָרען אַזוי ווילד, אַז מ׳האָט אים געמוזט, אַ געבונדענעם, אַוועקנעמען אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיג־קראַנקע.

דריי יאָר איז ער דאָרט אָפּגעלעגען ביז ער איז געקומען צו זיין באַוואוסטזיין. און איצט פאַרקויפט ער שיך־בענדלאַך און שפּילקעס.

— פון וואַנעט ווייסטו זיין געשיכטע? האָב איך געפרעגט ביי מיין פריינד.

— דאָס אַלעס האָט מיר דערצעהלט זיין פריינד, משה, וועלכער שטעהט נאָך איצט אין אַ גרויס געשעפט און פירט אַ שעהן פאַ־מיליען־לעבען.

— פאַרוואָס העלפט ער אים ניט אַרויס? האָב איך געפרעגט.

— ער וויל פון קיינעם קיין הילף. — אַזוי לאַנג ווי איך קען נעהן אויף מיינע פיס, זאָגט ער, וועל איך נאָך פאַרדינען פאַר מיר אויף אַ שטיקעל ברויט.

— און וואו איז איצט זיין מוטער? האָב איך ווידער געפרעגט מיין פריינד.

— זי איז שוין לאַנג טויט, האָט ער מיט אַ שווערען זיפץ גע־ענטפערט און איז געבליבען זיצען אַ טרויעריגער מיט אַ געבויגע־נעם קאָפּ .

— ריכטיג, זעהר אינטערעסאַנט, אָבער זעהר טרויעריג, — האָב איך געזאָגט צו מיין פריינד. די נאַטור האָט אים ווירקליך געבראַכט צו דער זעלבער שטופע, וואו זי האָט אים געפונען.

וו. דיקער

מיין פריינד האָט גענומען זיין גלאָז טיי און געזאָגט: — איצט איז די טיי גוט צום טרינקען, ניט הייס. אַז דו וועסט ניט טרינקען קיין צו הייסע טיי, וועסטו זיך נישט אָפּבריהען און וועסט הנאה האָבן...

רייזעלע

רייזעלע איז געווען א קליין וואוקסיג מיידעל, אָבער שעהן ווי די זון. אירע שווארצע האָר גלאַט ווי סאַמעט, פאַרקעמט מיט א ברייטען ווייסען שרונט אין מיטען קאָפּ, גרויסע שווארצע אויגען און א קליין פאַררי סען נעזעל, אונטער וועלכען עס זענען געווען ווי אָפּגעמאָלען צוויי קליינע ווי וויינשעל ליפּלעך; און ווען ס'האָט זיך באַוויזען א שמייכעל אויף איר שעהן קינדערש פּנים'על, האָט זיך פון איר מויל באַוויזען צוויי רייען קליינע, ווייסע ציינדלעך, ווי צוויי שנירלעך פּערל. דאָס אַלעס האָט איר צוגעגעבען אזוי פיל חן, אַז יעדער איינער האָט זי באַוואונדערט.

רייזעלע'ן האָב איך באַגעגענט אין די בערג. ווען איך בין אַריין אין עס־צימער פון האָטעל צום ערשטען מאָלצייט, האָט מיך דער קעלנער צוגעפירט צו א טישעל, וואו רייזעלע איז געזעסען און האָט מיך פאַר איר פאָרגעשטעלט.

— מיך רופט מען רייזעלע, האָט זי צו מיר געזאָגט.

— און מיך רופט מען דוד, האָב איך איר געענטפערט.

די גאַנצע צייט האָב איך ניט געקאָנט אַראָפּנעמען מיינע אויגען פון איר, אזוי בין איך באַצויבערט געוואָרען פון איר ליכטיג־שעהן און גאַאיוו פּנים'על. נאָכ'ן עסען איז רייזעלע אַרויס פון צימער און איך בין איר נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטען. ווען זי האָט זיך פאַרקליבען אונטער א גרויסען בוים, האָב איך זי געבעטען, זי זאָל מיר ערלויבען צוזאַמען מיט איר דאָרט פאַרברענגען.

— אזוי איז אייך אַנגענעמען צו זיין נעבען מיר? האָט זי מיט א שמייכעל מיך געפרעגט.

— נאָך מער ווי דאָס, האָב איך איר געענטפערט.

— אויב דאָס פאַרשאַפט אייך אזוי פיל פאַרגעניגען, וויל איך דאָס ביי אייך ניט אוועקרויבען, האָט זי מיר געזאָגט.

נאָכדעם ווי מיר האָבען פאַרבראַכט א פּאָר שעה זענען מיר אזוי באַפריינדעט געוואָרען, גלייך ווי מיר וואָלטען זיך שוין גע־קענט מאָנאַטען לאַנג. נאָך סאַפּער זענען מיר אַריין אין טאַנץ־זאַל

און מיר האָבן געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווען איך בין שפּעט נאָכ'ן טאַנץ אַריין אין מיין צימער בין איך געווען ווי פאַר'שכור'ט. רייזעלע איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן מיט איר שמייכעלדיג פּנימ'ל. איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט נעבען פענסטער פאַרטראַכט, און ניט ווילענדיג, האָט זיך ביי מיר אַרויס־געריסען: „רייזעלע, איך ליב דיר!"

פּלוצים איז ליכטיג געוואָרען אין אַ פענסטער קעגענאיבער מיין צימער און איך האָב דאָרט דערזעהן רייזעלע'ן. אַזוי ווי אין מיין צימער איז געווען פינסטער, האָט זי מיך ניט געקענט זעהן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן ראַנד פון איר בעט און זיך פאַר־טראַכט. אַזוי איז זי געזעסען אַ קורצע צייט, דערנאָך האָט זיך באַוויזען אַ שמייכעל אויף איר פּנים, פּונקט ווי זי וואָלט צופרידען געווען מיט עפּעס. איר ראָזעווע פּנים האָט אַצינד געשיינט, ווי אַ בלום קעגען דער זון, וואָס האָט זיך ערשט געעפענט. ווען ס'איז פינסטער געוואָרען אין איר צימער בין איך נאָך לאַנג, לאַנג גע־שטאַנען ביים פענסטער ווי צוגעשמידט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפען און רייזעלע'ס געשטאַלט האָט ניט אָפּגעטראָטען פון מיינע אויגען. איך בין געלעגען מיט אָפענע אויגען, ביז ס'האָט אָנגעהויבען ליכטיג ווערען.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען איז שוין געווען נאָך צוועלף. איך בין אַרוים אין דרויסען און מיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען אַרומזוכען רייזעלע'ן. איך האָב זי דערזעהן אַ פאַרטראַכטע אויף דעם זעלבען פּלאַץ, וואו מיר האָבען נעכטען פאַרבראַכט. מיט קליינע טריט האָב איך זיך צוגעלאָזט צו איר. ווען זי האָט מיך דערזעהן האָט זי אויפגעוואַכט און אַ שמייכעלדיגע מיך באַגעגענט.

— גוט מאָרגען, רייזעלע! ווי זענט איר געשלאָפען?

— זעהר גוט, האָט זי מיר געענטפערט.

— קען איך זיצען? האָב איך געפרעגט.

רייזעלע האָט ניט געענטפערט, נאָר אָנגעוויזען מיט איר קליין הענטעלע אַ פּלאַץ נעבען זיך.

— ווילט איר גענן שפאצירען נאך מיטאג? האב איך גע־פרעגט.

— ס׳איז צו היים, האט זי געענטפערט.

— איך וועל אייך פירען אין א פלאץ וואו ס׳איז לופטיג, האב איך געזאגט

— גוט, האט זי געענטפערט נאך א לאנגען טראכטען.

שפעט נאך דינער זענען מיר אוועק ווייט פון האטעל. מיר האבען זיך פארקליבען אויף א בארג, וואו די בוימער זענען גע־שטאנען אין א רינג. ווען מיר האבען זיך ארונטערגעלאזט אויפ׳ן גראז, האט די זון אנגעהויבען פארגעהן. גאלדענע פאדים פון דער פארגאנגענער זון האבען זיך דורכגעשניטען דורך די געדיכטע צווייגען און זיך געפלאנטערט אין רייזעלע׳ס שווארצע האר, וואס האבען אצינד אויסגעקוקט ווי קאשטאנעווע, פון דער פייערדיגער זון. איך האב זי ארומגענומען און איר געוואלט גיבען א קוש, אבער זי האט מיך לייכט אפגעשטויסען. איך בין געבליבען פאר־שעהמט, ווי א חדר־אינגעל. רייזעלע איז געבליבען זיצען פאר־טראכט און אירע שווארצע, גרויסע אויגען זענען געווארען אנגע־פילט מיט טרויער און מיט א שטאלענער קאלטקייט האט זי גע־קוקט אין דער ווייטקייט.

א היפשע צייט האבען מיר ביידע קייןווארט ניט ארויסגע־רעדט, אלעס ארום איז געווען שטיל, נאר פון צייט צו צייט האט זיך געהערט ווייט אוועק א פרויען־געלעכטער.

— וואס אזוי פארטראכט? האב איך געפרעגט; איר האט זיך פארבענקט אהיים?

— איך האב ניט קיין היים, האט זי טרויעריג געשאקעלט מיט׳ן קאפ און אירע שווארצע, טרויעריגע אויגען האבען זיך אנ־געפילט מיט טרערען.

— איר זענט ניט צוזאמען מיט אייערע עלטערען? האב איך זי נאכאמאל געפרעגט.

— ניין, האט זי געענטפערט

איך בין צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל מיר זאָגען, פאַרוואָס זי וויינט און וואו אירע עלטערען זענען.

— איך בעט אייך, האָב איך געזאָגט, פאַרטרויט זיך אין מיר; פיליכט וועל איך אייך קענען העלפען.

— איר וועט מיר גאָרניט קענען העלפען, האָט זי געענטפערט.

— איך וועל טאָן אַלעס אין דער וועלט כדי אייך לייכטער צו מאַכען, ווייל איך ליב אייך ווי מיין לעבען!

— ניין, האָט זי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, קיין מענער גלויב איך ניט, ווייל זיי זענען גרויסע באַטריגערס.

— פאַרוואָס זאָגט איר אַזוי, רייזעלע?

— ווייל איך זאָג וואָס איך ווייס.

— זענט איר שוין געווען פאַרליבט און מ'האָט אייך אָפּ־גענאַרט?

— ניין, האָט זי געענטפערט

— רייזעלע, האָב איך איר נאָכאַמאָל געזאָגט: איך שווער אייך ביי אַלעס וואָס מיר איז הייליג, אַז איך וועל אָנווענדען מיינע לעצטע קרעפטען, כדי אייך גרינגער צו מאַכען.

נאָך אַ לאַנגען שטיל שווייגען, האָט זי געענטפערט:

— גוט, איך וועל אייך מאָרגען דערצעהלען; נאָר גיט מיר אייער עהרען־וואָרט, אַז אַלעס וועט בלייבען ביי אייך.

— רייזעלע, האָב איך איר געזאָגט: אייער סוד איז מיין סוד.

— גוט, האָט זי נאָכאַמאָל געענטפערט: מאָרגען, אַלעס מאָרגען, און איצט קומט, ווייל עס ווערט שפּעט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און מיר דערלאַנגט די הענט, איך זאָל זיך אויפשטעלען.

ווען איך האָב זיך אויפגעהויבען האָב איך זי אַרומגענומען און זי האָט מיך מער ניט אָפּגעשטויסען, נאָר זי האָט אַרויפגעלעגט איר קאָפּ אויף מיין אַקסעל און זיך צעוויינט.

איך האָב אַריינגענומען איר פּנים אין מיינע הענט און מיינע ליפּען האָבען דערפילט אירע טרערען.

דעם צווייטען טאָג, באַלד נאָך דינער, זענען מיר אַוועק צום זעלבען פּלאַץ. דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער, אָבער דאָ אויפ'ן פרייען פעלד האָט געבלאָזען אַ ווינטעל, וואָס האָט געמאַכט צו בויגען די צווייגען אַראָפּ און אַרויף. קיין מענטשענ'ס קול האָט מען ניט געהערט. די פייגעלעך אויף די בוימער האָבען זיך צו־לאָזען מיט זייער זיסען טריל, און די בלעטלעך פון די בוימער האָבען געשאָרשעט צום טאַקט פון די פייגעלעכ'ס געזאַנג.

— רייזעלע, האָב איך זיך אָפּגערופען: דו זעהסט ווי די צווייגען מיט זייערע בלעטלעך באַדעקען אונזערע קעפּ ווי אַ חופּה? די פייגעלעך זענען אונזער מוזיק און די זון שיקט אונז דורך די בוימער אירע גאָלדענע פאָדים, כדי אונז צו פאַרבינדען אויף אייביג.

— יעס, האָט זי מיט אַן אַראָפּגעלאָזענער קאָפּ געענטפערט.

דאָס ווינטעל האָט אָנגעהויבען שטאַרקער בלאָזען און וואַרפען מיט די צווייגען, און בלעטלעך זענען געפאַלען אויף אונז, פּונקט ווי מ'באַוואַרפט חתן־כלה, ווען מ'פירט זיי צו דער חופּה.

ביי רייזעלען האָט זיך אַרויסגעריסען אַ זיפץ. זי האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ אויף איר ברוסט און מיט שטילע ווערטער געזאָגט:

— אַזוי האָסטו געזאָגט, דוד? "מיין סוד איז דיין סוד".

— ריכטיג, רייזעלע, האָב איך איר געענטפערט.

מיר האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט אויפ'ן גראָז און רייזעלע האָט אָנגעהויבען:

ווען איך בין געווען צען יאָר אַלט האָט מען מיין פאָטער צו־גענומען אין דעם וועלט־קריג. מיר האָבען דאַן געוואוינט אין אַ רומעניש שטעטעל. די ערשטע פּאָר מאָנאַטען האָבען מיר יעדע וואָך געקראָגען אַ בריף, און שפּעטער — איין מאָל אין צוויי אָדער אין דריי וואָכען; האָבען מיר געדענקט, אַז ער איז אויפ'ן שלאַכט־פעלד.

עס זענען אַוועק נאָך זעקס מאָנאַטען און מיר האָבען אינגאַנצען ניט געקראָגען קיין בריף. וויפיל מיין מוטער האָט ניט געשריבען,

איז קיין ענטפער ניט געקומען, האָבן מיר געדענקט אַז דער פֿאָטער איז טויט. מיין מוטער האָט יעדן טאָג פֿאַרגאָסן פֿיל טרערן און איך האָב איר אונטערגעהאָלפֿן. אַזוי זענען אַוועק צוויי יאָר און די מלחמה האָט זיך געענדיגט. ווער ס׳האָט זיך אומגעקערט אַ געזונטער, ווער אַ קריפּעל, און ווער ס׳האָט געקראָגן זיין אייביגע רוה אונטער אַ באַרג ערד אויפֿ׳ן שלאַכט־פֿעלד; און מיין פֿאָטער האָבן מיר פֿאַררעכנט צווישן די לעצטע.

מיין מוטער האָט ניט אויפֿגעהערט וויינען אויף איר ביטער מזל. זי האָט זיך קוים אַרומגעשלעפּט אויף אירע פֿיס.

ס׳איז אַוועק אַ יאָר נאָכ׳ן קריג, איך געדענק דאָס פּונקט ווי היינט. איך מיט מיין מוטער זענען געזעסןביים פֿענסטער און האָבן אַרויסגעקוקט אויף דעם רעגן, וואָס האָט געגאָסן צוויי טאָג אָן אַן אויפֿהער. אַ בייזער ווינט האָט אַלע מאָל אונטערגע־כאַפּט דעם רעגן און אים אויסגעגאָסן אויף אונזער פֿענסטער, פּונקט ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט אונז אָנזאָגן די טרויעריגע בשורה, וואָס דאַרף אונז אָנקומען...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. מיין מוטער האָט געעפֿנט און דער בריוו־טרעגער האָט דערלאַנגט אַ בריוו. מיין מוטער האָט אים געעפֿנט מיט ציטעריגע הענט און אָנגעהויבן לייענען.

פּלוצים האָט זי געגעבן אַ געשריי און איז אומגעפֿאַלן. איך האָב זי קוים אָפּגעמונטערט און זי אַריינגעלייגט אין בעט. ווען זי איז איינגעשלאָפֿן, האָב איך זיך דערמאָנט אינ׳ם בריוו און האָב אים גענומען לייענען:

״צו מיין ליבער פֿרוי פֿייגע! זיי מיר מוחל, איך האָב אַנדערש ניט געקאָנט. איך בין ניט שולדיג, איך האָב אָנגעווענדעט מיינע אַלע קרעפֿטן, אָבער זי איז שטאַרקער פֿון מיר און פֿון מיין ליבע צו דיר. זי איז שעהן ווי אַ מלאך און פֿאַרפֿירעריש ווי אַ טייפֿעל. זי, דיין שוועסטער־פֿרוי, איך האָב פֿאַר איר געוויינט ווי אַ קינד, זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל רחמנות האָבן, אויב ניט אויף דיר,

איז כאַטש אויף אונזער קינד, אָבער זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם. וואָס מער איך לויף פון איר, אַלץ מער בין איך נעבען איר. איך האָב אַלע מאָל באשולדיגט מענער אין אזא צופאַל, אָבער אַצינד זעה איך, אַז שולדיג איז די פרוי, ניט דער מאַן. איך שיק דיר אַ גט״.

מער האָב איך ניט געקאָנט און ניט געוואָלט לייענען. פאַר צרות איז מיין מוטער קראַנק געוואָרען און נאָך זעקס מאָנאַטען איז זי געשטאָרבען. איך בין געבליבען איינע אַליין, אָן אַ מוטער און אָן אַ פאָטער. דאָס איינציגע וואָס מיר איז געבליבען — מיין מוטער׳ס אַ פריינדינע; האָט זי, מיט איר מאַנ׳ס צושטימונג, מיך גענומען צו זיך.

ס׳איז אוועק אַ יאָר און זיי האָבען זיך געקליבען קיין אַמעריקע און איך בין מיט זיי מיטגעפאָרען. איך האָב אַלעס אויספאַרקויפט פון הויז און האָבען געהאַט גענוג געלט אויף דער רייזע. ביז זעכצען יאָר האָבען זיי מיך געהאַלטען, כאָטש זיי האָבען געהאַט זייערע אייגענע צוויי מיידלעך. ווען איך האָב אָנגעפאַנגען אַר־בייטען האָב איך זיי אָפּגעגעבען מיין פאַרדינסט. ווען איך בין אַכצען יאָר געוואָרען, האָבען זיי ביי מיר מער ניט געוואָלט נעמען מיינע פאַרדינסטען, ווייל איך בין שוין אַ כלה־מיידעל, האָבען זיי מיר געזאָגט. אַצינד בין איך שוין ניינצען יאָר אַלט און דו ביסט דער ערשטער וואָס איך האָב דיך ליב. און ווייל מיין פאָטער האָט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט מיך מיט מיין מוטער, האָב איך דיר געזאָגט אַז איך גלויב ניט קיין מענער.

מיט צוויי וואָכען שפּעטער זענען מיר צוזאַמען אהיים גע־פאָרען. ס׳זענען אוועק אַ פּאָר טעג און איך האָב געבראַכט רייזעלען צו אונז אין הויז. איך האָב זי פאָרגעשטעלט פאַר מיינע עלטערען און זיי געבעטען זי ליבען ווי מיין כלה. ס׳איז ניט אוועק אַ טאָג, אַז רייזעלע זאָל ניט זיין ביי אונז. ס׳איז מיר געווען אַזוי גוט און פרעהליך אויפ׳ן הארצען ווען רייזעלע איז געווען ביי אונז אין הויז, אַז איך האָב מער גאָרניט באַדאַרפט. מיינע עלטערען האָבען

זי זעהר געליבט און האָבען זי גערעכענט פאַר אַן אייגען קינד.

איין מאָל בין איך מיט רייזעלען אוועק אויף אַ באַל. מיר האָבען דאָרט זעהר גוט פאַרבראַכט, פיל געטאַנצט און געשטיפט. מיין רייזעלע האָט געשיינט ווי די זון, זי איז געווען אַזוי שעהן, אַז ווען מ'וואָלט אויסגעטיילט פּרייזען פאַר שעהנקייט, וואָלט זי געקראָגען דעם ערשטען פּרייז. זיצענדיג מיט איר, איז צו אונז צוגעקומען מיינער אַ פריינד מיט אַ יונגענמאַן און דער ערשטער האָט דעם צווייטען פאַר אונז פאָרגעשטעלט:

— דאָס איז מיינער אַ פריינד, מר. ראָזען, האָט ער געזאָגט; ער איז זעהר אַ גוטער מאָלער.

מר. ראָזען איז געווען אַ שעהנער יונגערמאַן און רייזעלע האָט צופיל געקוקט אויף אים. ווען די מוזיק האָט אָנגעפאַנגען שפּילען, האָט מר. ראָזען גערופען רייזעלען טאַנצען און ער האָט זי שוין ניט אָפּגעלאָזט ביז דער ענדע פון באַל.

ווען מיר האָבען זיך געקליבען אַהיים איז מר. ראָזען צו־געשטאַנען, מיר זאָלען געהן מיט אים ערגעץ איבערבייסען, און רייזעלע האָט באַלד צוגעשטימט, כאָטש איך בין ניט געווען צו־פרידען.

עס זענען אוועק צוויי טעג און דער מאָלער איז אויסגעוואַקסען ביי אונז אין הויז און ער האָט פאַרבראַכט מיט רייזעלען דעם גאַנצען אָוועט. צום סוף האָט ער איר פאָרגעלעגט מאָלען איר פּאָרטרעט, און זי האָט דאָס אָנגענומען מיט פרייד.

אויף דעם צווייטען טאָג איז רייזעלע צו מיר שוין ניט גע־קומען, נאָר זי איז אוועק צו מר. ראָזען. ווען זי איז געקומען מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַרוואָס זי איז נעכטען ניט געווען. דאָס ערשטע מאָל, האָט זי געזאָגט, האָט גענומען צו לאַנג, אָבער שפּעטער וועט ניט נעמען אַזוי פיל צייט. יעדען טאָג וועט זי דאַרפען פאַרברענגען ביי אים נאָר איין שטונדע, און איך האָב געגלויבט.

טעג זענען אוועק, און רייזעלע איז ניט געקומען. יעדער טאָג

איז ביי מיר געווען א יאָר. איך בין ניט געשלאָפען גאַנצע נעכט. יעדען פרימאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען מיט אַן האָפענונג: אפשר וועט זי היינט קומען, אָבער מיינע האָפענונגען זענען צורונען געוואָרען.

זונטאָג נאָכמיטאָג איז זי געקומען. איך בין צו איר צוגעפאַלען מיט טרערען אין די אויגען:

—רייזעלע, וואו ביזטו געווען? פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט?

זי האָט געשוויגען. זי איז געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

— רייזעלע, וואָס שווייגסטו? האָב איך זי נאָכאַמאָל געפרעגט.

— איך האָב ניט וואָס צו ריידען, דוד, האָט זי געענטפערט.

— האָסט מיך שוין מער ניט ליב, רייזעלע?

— טאַקע וועגען דעם בין איך אַצינד געקומען, האָט זי געענטפערט.

— הער אויס, דוד, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, מר. ראָזען איז אין מיר פאַרליבט און איך אין אים אויך. מיין האַרץ טוט מיר וועה פאַר דיר, אָבער איך קען זיך ניט העלפען. איך בין דיר געקומען זאָגען, אַז צווישען אונז איז אַלעס אויס...

איך בין געפאַלען צו אירע פיס און האָב געוויינט ווי אַ קליין קינד.

— רייזעלע, וואָס האָסטו געמאַכט פון מיר? פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי אָפּגענאַרט? דו געדענקסט ווי דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו גלויבסט ניט קיין מענער?

— יעס, איך געדענק, אָבער אַצינד גלויב איך שוין צופיל, האָט זי געענטפערט.

— געדענק, רייזעלע, דיין צופיל־גלויבען וועט דיך טרייבען אין אָפּגרונט.

— וואָס די ענדע זאָל ניט זיין, אָבער איך האָב אים צופיל ליב.

— געדענק מיינע ווערטער, רייזעלע, מר. ראָזען נאַרט דיך,

ער וועט דיך אויסנוצען און אוועקוואַרפען; ניט דו ביזט פאַר אים און ניט ער איז פאַר דיר.

— וואָס ס׳זאָל ניט פּאַסירען, האָט זי געזאָגט, אָבער איך ליב אים צופיל און מיר וועלען חתונה האָבען. זיי געזונד, דוד, פאַרגעס אין מיר, און זי איז אוועק.

נאָכדעם ווי זי איז אוועק, בין איך געבליבען ווי צוגעשמידט צום פּלאַץ. איך האָב זיך ניט געקענט באַרוהיגען, בין אַרומגע־גאַנגען ווי משוגע, מיט קיין מענטשען ניט געקענט ריידען. מיינע עלטערען האָבען צו מיר גערעדט ווי צו אַ קליין קינד, מיך געבעטען איך זאָל זיך נעמען אין די הענט אריין, זיך באַרוהיגען, און זיי האָבען מיך געטרייסט: זי וועט זיך באַרעכענען און נאָך צוריק קומען. אָבער זייערע ווערטער זענען ביי מיר געווען ווי אַ ווינט וואָס לויפט פאַרביי.

ס׳זענען אוועק וואָכען און מאָנאַטען, און איך בין אַרומגע־גאַנגען ווי אַ קלאָג־מוטער.

איין מאָל אין אַ שבת, מיינע עלטערען זענען אין הויז ניט געווען, בין איך געזעסען מיט רייזעלע׳ס בילד אין האַנט און זי באַ־טראַכט. פּלוצים האָט זיך די טיר געעפענט שטיל און לאַנגזאַם, און רייזעלע איז אַריינגעקומען, ווי אַ שולדיג קינד מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטען קאָפּ. דאָס פּנים פאַרשוואַרצט און די אויגען אריינגע־זונקען אין קאָפּ. איך האָב זי גאַרניט דערקענט.

— רייזעלע! האָב איך אויסגעשריגען, וואָס איז פון דיר געוואָרען?

זי איז געשטאַנען, זיך ניט גערירט פון פּלאַץ, די אויגען אַרונ־טערגעלאָזט צו דער ערד און קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ווען איך האָב זי אַרומגענומען און זי צוגעצויגען צו מיר, האָב איך דערפילט, אַ מאָדנע רונדקייט פון איר פיגור... מיינע הענט האָבען זיך צוריק אַרונטערגעלאָזט. איך בין געבליבען שטעהן ווי פאַרגליווערט. רייזעלע האָט דאָס באַמערקט און זי האָט נידריגער אַרונטערגעלאָזט איר קאָפּ און טרערען זענען געפאַלען פון אירע

אויגען. שטיל, אָן ווערטער, זענען מיר ביידע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, פּונקט ווי מ'שטעהט איבער אַ טויטען, וועלכער איז אונז געווען טייער און ליב.

איך האָב זיך דער ערשטער בארוהיגט, צוגעפירט רייזעלען צו אַ שטול און זי אַוועקגעזעצט. ווען זי איז געקומען צו זיך האָב איך זי געבעטען מיר דערצעהלען אַלעס, וואָס ס'האָט מיט איר פּאַסירט. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען פול מיט געבעט, און מיט שטילע ווערטער אָנגעהויבען דערצעהלען וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען דורך דער צייט:

— ראָזען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מיר וועלען חתונה האָבען. ער האָט גענומען אַ שעהנעם אַפּאַרטמענט אין לאָנג־איילענד און מיר האָבען זיך אַהין ביידע אריינגעקליבען. ווען ס'זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכען, האָב איך אים געזאָגט וועגען אַ חופּה שטעלען, האָט ער מיר געענטפערט: אַצינד בין איך פארנומען, איך וועל אָפּ־ארבייטען אַ שטיקעל צייט און וועל אָנקלייבען גענוג געלט, וועלען מיר שטעלען אַ חופּה און מיר וועלען פאָרען אויף אונזער האָניג־חודש, און איך האָב אים געגלויבט.

אַזוי זענען אַוועק פינף מאָנאַטען און יעדעס מאָל, ווען איך האָב אים דערמאָנט וועגען חתונה האָבען, האָט ער מיר געענטפערט דאָס זעלבע. איין מאָל אין אַ זונטאָג, ווען מיר האָבען זיך אומ־געקערט פון אַ שפּאַציר, האָב איך אים געזאָגט: לעאָנאַרד, איך בין שוין אין דריטען מאָנאַט און מיר דאַרפען זיך צואיילען חתונה האָבען. דערהערענדיג דאָס, איז ער געוואָרען רויט ווי אַ פייער און מיר געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב אים דאָס באַלד ניט געזאָגט.

— ביזט ניט צופרידען? האָב איך אים געפרעגט.

— דו דאַרפסט פאַרשטעהן, אַז אַצינד איז ניט די פּאַסיגע צייט פאַר דעם, האָט ער מיר געענטפערט.

פון דעם טאָג אָן, האָט ער אָנגעהויבען אַהיים קומען שפּעט, און פון דעם שעפּעלע איז געוואָרען אַ ווילדע חיה. ער האָט אויפ־געהערט ריידען, נאָר געברומט אונטער דער נאָז. איך האָב זיך

דערפילט דערשלאָגען, אָבער איך האָב אַלעס געמוזט אַרונטער־שלינגען. איך האָב זיך דערמאָנט אין דיינע ווערטער: איך בין ניט פאַר אים און ער איז ניט פאַר מיר.

איין מאָל איז ער געקומען דריי אַזייגער אין דער פרי און האָט מיך געטראָפען זיצען אין בעט אַ וויינענדיגע. ער איז אַזוי בייז געוואָרען, אַז ער איז אַריין אין אַ צווייטען צימער שלאָפען. אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער אַוועק און איז מער ניט געקומען. צען טעג בין איך געווען אַליין אין הויז און געוואַרט אויף אים, אָבער אומ־זיסט, — ער איז ניט צוריקגעקומען. נאָך דעם האָב איך באַשלאָ־סען צו פאַרלאָזען דאָס הויז. צו דיר בין איך געקומען ווי צו אַ ברודער אויסדערצעהלען מיין שווער האַרץ. אַצינד זעה איך, אַז אַלעס וואָס דו האָסט געזאָגט האָסטו געמיינט ערנסט, אָבער ס'איז צו שפּעט... זי האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט: איך געה צו אַ דאָקטאָר, ווייל אין אַזאַ צושטאַנד קען איך ניט בלייבען. וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירען, אָבער אַ מוטער פון זיין קינד וועל איך ניט ווערען. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועסטו קריגען פון מיר אַ בריף און אויב דו וועסט וועלען, וועסטו קומען צו מיר, און איז אַרויס. איך האָב זי געוואָלט אָפּהאַלטען, אָבער זי איז שוין פאַרשוואונדען.

ווען זי איז אַוועק בין איך געבליבען צוגעשמידט צום פּלאַץ. מיינע אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טרערען און מיין האַרץ האָט מיר וועה געטאָן פאַר איר. ער האָט זי אַזוי אָפּגענאַרט, זיך אָנגעזעטיגט מיט איר און זי אַוועקגעוואָרפען.

צוויי טעג זענען אַוועק, צוויי לאַנגע יאָר זענען דאָס געווען. אויפ'ן דריטען טאָג האָב איך געקראָגען אַ בריף פון איר. איך בין באַלד אַוועק נאָך דעם אַדרעס. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטער האָספּיטאַל אין אַ זייטיגער גאַס. ווען איך בין אַריין אין רייזעלע'ס צימער איז אויף מיר געפאַלען אַ שרעק: דער טרויער איז גע־האַנגען אין דער לופטען און דאָס מעסער פון טויט האָט זיך לאַנג־זאַם אַראָפּגעלאָזט איבער רייזעלע'ס בעט. אויף אַ טיש נעבען איר בעט זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט פלעשלעך מיט רעצעפּטען,

אויפ'ן דיל נעבען טישעל זענען געווען אָנגעוואָרפענע לײלעכער, העמדער, שטיקער וואַטע און אַנדערע זאַכען. אַ נוירס מיט אַ בלייך פּנים איז געשטאַנען נעבען רייזעלען, זי געהאַלטען ביי די הענט און אַ פאַרשטיקט קול האָט זיך געריסען פון רייזעלע'ס האַרץ. ווען זי האָט מיך דערזעהן האָט זי אויסגעשריגען:

— דוד! איך בין ניט שולדיג, זיי מיר מוחל! ער האָט מיך גענאַרט און איך האָב אים געגלויבט. זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר אירע, מער טויטע ווי לעבעדיגע, הענט און איך האָב זי פאַטערליך אָנגענומען.

אַ שווערער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון איר האַרץ, זי האָט פאַרמאַכט די אויגען און צוריק געעפענט, זי האָט אָנגעהויבען שטאַרק דריקען מיינע הענט, געדרעהט מיט'ן קאָפּ און אַ קאַלטער שוויים האָט באַדעקט איר פּנים.

— דוד, דוד! האָט זי אָנגעהויבען שרייען צווישען די ציין; ראַטעווע מיך!

— דאָקטאָר, דאָקטאָר! האָב איך ניט מיט מיין קול געשריגען.

און ווען אַ דאָקטאָר איז געקומען איז שוין געווען צו שפּעט. רייזעלע האָט אַרויסגעלאָזט מיינע הענט און מיט צונויפגעקלעמטע ציין איז זי צוריקגעפאַלען אין קישען...

פון יענער זייט ים

דער איד האָט מיך אָפּגענאַרט

מענדעל פילשטינער איז געווען פאררעכענט ביי אונז אין שטאָט פאַר אַ פיינעם און אָרענטליכען מענטשען. זיין קלוגשאַפט האָט געהאַט אַ נאָמען איבער דער גאַנצער שטאָט. אַלע זיינע יאָרען האָט ער געדינט אין אַ ברויט־קאַנטאָר אַלס איינקויפער, און זיינע באַלעבאַטים האָבען געהאַלטען פון אים אַ וועלט.

מענדעל פילשטינער פלעג אַרומפאָרען איבער די דערפער איינקויפען ברויט ביי די פּריצים און פויערים. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאָרען אין וועג אריין, האָבען זיינע באַלעבאַטים אים מיטגעגעבען גרויסע סומעס געלט אויף איינקויפען. אַ גאַנצע וואָך איז ער אַרומגעפאָרען איבער די דערפער, און אויף שבת פלעג ער אַהיים קומען.

ניט איין מאָל האָט ער געהאַט איבערפאַלען אויפ'ן וועג צוליב דעם געלט, וואָס ער פלעג מיט זיך מיטפירען, און אַ דאַנק זיין קלוגשאַפט, האָט ער זיך אַלע מאָל אַרויסגעדרעהט. יעדעס מאָל, ווען ער איז געשטאַנען פנים־אל־פנים מיט'ן מלאך־המות, האָט ער זיך ניט פארלוירען און זיין קאָפּ האָט אָנגעהויבען שנעל אַר־ בייטען און אַרומגעזוכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהן פון טויט. אויך דאָס מאָל איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרעהן פון דערמאָרדעט צו ווערען צוליב דעם געלט, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך. זיין קלוגשאַפט האָט אים דאָ אויך ניט פאַרלאָזען, און אים אַרויסגעהאָלפען.

איין מאָל אין אַ פרייטאָג, ווען מענדעל פילשטינער האָט פאַר־ ענדיגט זיין אַרבייט איבער אַ רייע דערפער, איז ער געווען אין אַ דאָרף ניט ווייט פון זיין שטאָט און ער האָט זיך געקלויבען אַהיים פאָרען אויף שבת. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער'ן דאָרף זוכען אַ פויער, ער זאָל אים אָפּפירען אַהיים. נאָך אַ לאַנגען אַרומגעהן האָט ער זיך דערמאָנט אָן מאַקסים'ען. מאַקסים, ווי ער האָט גע־ וואוסט, איז געווען אַן ערליכער גוי. ווען מענדעל פילשטינער איז

אַריינגעקומען צו מאַקסים'ען האָט ער אים צוגענומען פאַר אַ גאַסט, ווייל ניט איין מאָל האָט ער צו אים פאַרקויפט זיין ברויט.

ער האָט אים געבעטען זיצען, געמאַכט פאַר אים טיי און אים געגעבען צובייסען פוטער און קעז. נאָך אַ לאַנגען אַרומרעדען וועגען האַנדעל, האָט מענדעל פילשטינער אים געפרעגט אויב ער וועט אים אָפּפירען אין שטאָט אַריין. מאַקסים איז באַשטאַנען, נאָר ער האָט געבעטען ביי אים אַ גוטע פרייז, און מענדעל פיל־שטינער האָט אים ניט אָפּגעזאָגט.

פאַר'ן אַוועקפאָרען האָט דער פויער געמאַכט עסען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, זיך גענומען צייט און פּאַוואָליע געגעסען מיט אַפּעטיט. ווען ער האָט געענדיגט זיין עסען האָט ער גענומען איינ־שפּאַנען די פערד, זיי געגעבען טרינקען און אָנגעשמירט די רעדער. יעדער זאַך האָט ער געטאָן ניט געאיילט, נאָר זיך גענומען צייט. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען און זיין פאַרשוין איז שוין געזעסען אויפ'ן וואָגען, האָט ער אַרונטערגענומען זיין קאַפּעליוש, געגעבען אַ טרייסעל מיט זיין טשופּרינע, זיך דריי מאָל איבערגע'צלמ'ט און איז אַרויף אויפ'ן וואָגען.

— מאַקסים, האָט זיך מענדעל פילשטינער אָפּגערופען, זעהסטו, מיט דיר וואָלט איך אפילו אין מיטען נאַכט אין וואַלד ניט מורא געהאַט, ווייל דו ביזט זעהר אַ פרומער מענטש. דיין איבער'צלמ'ען זיך פאַר'ן פאָרען צייגט מיר, אַז דו האָסט מורא פאַר גאָט, און אַזוי דאַרף זיין. יעדער מענטש דאַרף וויסען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ער דאַרף אים דאַנקען פאַר, און נאָך זיין אַרבייט, און דערפאַר העלפט ער אים.

— איך דענק אויך דאָס זעלבע וואָס דו... האָט אים מאַקסים געענטפערט און האָט געגעבען אַ דרעה מיט דער בייטש איבער די פערד און זיי האָבען זיך גערירט פון פּלאַץ.

די פערד זיינען געגאַנגען טריט ביי טריט און דער פויער האָט ניט געפּרואווט זיי אונטערטרייבען.

— מאַקסים, היינט איז פרייטאַג, און איך מוז זיין פרי אין

דער היים, און דיינע פערד געהען קוים, האָט אים מענדעל פּיל־שטינער געזאָגט.

— מיר האָבען נאָך גענוג צייט, די זון איז נאָך גאַנץ הויך, האָט מאַקסים געענטפערט און האָט געלאָזט די פערד געהן לאַנגזאַם, כאָטש זיי זענען געווען געזונטע פערד און האָבען געקענט צוטראָגען דעם וואָגען אויף שטיקלעך.

ווען זיי זענען אָפּגעפאָרען א האַלבען וועג, האָט דער גוי גע־געבען א דרעה מיט דער בייטש איבער די פערד און זיי האָבען אָנגעהויבען לויפען מיט א דראַבנעם שפּאַן. פּלוצים האָט דער פויער זיך פאַרדרעהט אָן א זייט און זיך געלאָזט פאָרען צום וואַלד צו. מענדלען איז געווען גוט באַקאַנט דער וועג און ווען ער האָט געזעהן, אז דער פויער פאַרדרעהט זיך אָן א זייט, האָט ער אים געפרעגט:

— מאַקסים, וואוהין פאָרסטו?

— איך מוז אַרומפאָרען דעם וועג, ווייל דאָ זענען פאַראַן גרויסע גריבער, האָט ער געענטפערט.

ווען זיי זענען אריין אין וואַלד האָט מאַקסים אָפּגעשטעלט די פערד, זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ, זיך צוגערוקט צו זיין פאַרשוין און אים געזאָגט:

— מענדעל, איך מוז דיך הרג'ענען און צונעמען ביי דיר דיין געלט.

מענדעל האָט זיך צולאַכט און געזאָגט צום פויער: דו ביזט אַרונטער פון זינען, מאַקסים!

— איך בין ניט אַרונטער פון זינען, האָט ער געענטפערט, אָבער איך מוז דאָס טאָן.

— ווען איך האָב געזעהן, אז דו האָסט זיך איבערגע'צלמ'ט פאַר'ן אַרויספאָרען, האָב איך געדענקט, אז דו ביזט א פרומער מענטש, און צום סוף ווילסטו מיך הרג'ענען, האָט זיך מענדעל אָנגערופען.

— איך בין טאַקע א פרומער מענטש און גלויב אין גאָט, נאָר

איך האָב אים געבעטען, ער זאָל מיר העלפען אין מיין גוטער אַרבייט, וואָס איך געה טאָן, האָט דער פּויער געענטפערט.

— צו וואָס דאַרפסטו מיך הרג'ענען? נעם ביי מיר דאָס געלט וואָס איך האָב און לאָז מיך אָפּ, איך וועל שוין אָנקומען אין שטאָט, האָט מענדעל מיט געבעט אים געזאָגט.

— איך קען דאָס ניט טאָן, איך מוז דיך הרג'ענען, האָט דער גוי געענטפערט.

— אויב דו מוזט, מוזטו! האָט מענדעל פּילשטינער געזאָגט, אָבער ער האָט זיך ניט פאַרלוירען און זיין קאָפּ האָט שנעל גע־אַרבייט און צוגעטראַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרעהן פון מערדער'ס הענט.

— הער אויס, מאַקסים! מיר אידען מוזען זאָגען וידוי פאַר'ן טויט און אַזוי ווי דו ביזט מיר אַ גוטער פריינד, וויל איך דיך בעטען, דו זאָלסט מיר דאָס ערלויבען.

— דאָס וועל איך דיר ערלויבען, ווייל איך בין אַ פרומער מענטש, האָט דער פּויער געענטפערט.

— אָבער, האָט מענדעל פּילשטינער זיך נאָך אַמאָל אָפּגערופען, ווען מ'דאַרף ביי אונז זאָגען וידוי טאָר קיינער ניט שטעהן פון דער נאָהענט. וויל איך דיך בעטען, דו זאָלסט אַרונטערגעהן פון וואָגען, און איך וועל קענען אומגעשטערט זאָגען מיין וידוי.

— יאָ, האָט דער גוי געענטפערט, פאַר דיר וועל איך אַלעס טאָן, און האָט גענומען אַרונטערקריכען פון וואָגען.

אין דער זעלבער צייט האָט מענדעל פּילשטינער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ זילבערען קערבעל און דאָס געגעבען אַ שליידער אויף דער ערד.

דער פּויער, דערהערענדיג אַ קלונג פון געלט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, ווי אַ זילבערען קערבעל קאַטשעט זיך אַוועק, האָט ער אָנגעהויבען נאָכיאָגען דאָס צו כאַפּען. אין דער זעלבער צייט האָט מענדעל פּילשטינער געכאַפּט די בייטש און אָנ־געהויבען טרייבען די פערד. די פערד, דערפילענדיג די בייטש,

האָבען זיך צולאָזט, ווי פייל פון בויגען. ווען דער פויער האָט דערזעהן, ווי דער איד איז אוועק מיט די פערד, האָט ער אים אָנגעהויבען נאָכלויפען, אָבער די פערד זענען געלאָפען שטאַרקער פון אים.

ווען ער איז מיד געוואָרען לויפענדיג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרונטערגעריסען זיין קאַפּעליוש, אים געגעבען אַ שלײדער צו דער ערד, פּונקט ווי ער וואָלט שולדיג געווען אין זיין שוואַכען שכל. ער האָט זיך אָנגעהויבען קראַצען אין זיין פּעטילניצע און באַ־דויערענדיג געזאָגט צו זיך:

— נו, דער איד האָט מיך אָפּגענאַרט...

איך געדענק

ליבל איז צו פופצען יאָר אריין אין אַ וועב־פאַבריק. די ערשטע צייט האָט ער געקערט דעם דיל, געטראָגן פעקלאך און גענעהט זעק. ווען ער האָט ניט געהאט וואָס צו טאָן, פלעגט ער צוגעהן צו יאָסעל דעם שפּינער און אים בעטן, ער זאָל אים איבערגעבן דאָס רעדעל פון דער שפּין־מאַשין.

ליבל האָט זעהר ליב געהאט די שפּין־מאַשין. אין זיין פרייער צייט האָט ער זיך געפּאָרעט אַרום איר. ער פלעגט באַטראַכטן יעדער רעדעלע, פון וועלכן עס האָט זיך געצווינגען אַ שנירעל צו דער שפּילקע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אַ שפּול, וואָס ס'האָט זיך אויף אים אַרויפגעוויקעלט די אויסגעשפּינטע פאָדים. יעדער נעסט האָט ער באַטראַכט, ווי ס'האָבן זיך אריינגעפּאַסט די וואָלעכלאַך מיט סטענגעס וואָל, פון וועלכע די פעדים האָבן זיך געצווינגען און געשפּינט. אפילו די ציינדלעך פון די רעדלעך, וועלכע האָבן זיך אַזוי פיין אַריינגעפּאַסט און איינס האָט דאָס צווייטע געשלעפּט, האָט ער איבערגעצעהלט.

באַטש אין פאַבריק זענען געווען פאַרשידענע מאַשינען, ווי למשל: אַ מאַשין וואָס צורייסט און טרייבט אַרויס דעם שטויב פון דער רויער וואָל און מאַשינען, וועלכע אַרבייטען אויס פון די קליינע שטיקלעך וואָל איין גאַנץ, גרויס שטיק, ווי אַ טוך־וואָל. אַזעלכע מאַשינען זענען פאַראַן דריי. איינע גיט איבער צו דער צווייטער דאָס שטיקעל וואָל און עס ווערט אויסגעאַרבייט פיינער און פיינער. פון דער לעצטער מאַשין קומען אַרויס דינע סטענגעס וואָל, וועלכע וויקלען זיך אַרום אויף וואָלעכלעך און זיי געהען אַוועק צו דער שפּין־מאַשין און פון זיי ווערט אויסגעשפּינט די פאָדים. אויך וועב־וואַרשטאַטען, אויף וועלכע עס געהען אַרויף די אויס־געשפּינטע פאָדים און ס'וועבט אויס דעם טוך. אָבער פון די אַלע מאַשינען האָט לייבעל ניט געהאַלטען, נאָר די שפּין־מאַשין איז אים געפעלען געווען.

לייבל איז אויסגעוואַקסען נעבען דער שפּין־מאַשין. ווען ער

וו. דיקער

איז געוואָרען אַ בחור פון צוואַנציג יאָר, איז ער געוועזן פון די בעסטע שפּינערס.

ווען לייבל האָט חתונה געהאַט, האָט זיין באַלעבאָס אים גע־העכערט זיינע פאַרדינסטען מיט אַ האַלבען רובעל אויף דער וואָך. ער האָט זיך געשטעלט קעגען אים און פאַרלאַנגט אַ גאַנצען רובעל; אָבער זיין באַלעבאָס האָט אים אָפּגעזאָגט. ווען לייבל האָט ביי אים געפרעגט, צי זיין ווייב האָט מער ניט די ווערט אָדער זי דאַרף מער ניט אויפעסען ווי פופציג קאָפּיקעס אַ וואָך, האָט זיך זיין באַלעבאָס צולאַכט און אים געגעבען אַ העכערונג פון פינף און זיבעציג קאָפּיקעס אַ וואָך.

פאַר די הונדערט רובעל נדן, וואָס לייבל האָט געקראָגען פון זיין יונג ווייבעל, האָט ער איינגעקויפט גאַנץ פיינע מעבעל, און זיי האָבען אויסגעפּוצט שעהנע צוויי צימערען אין אַ זייטיגער גאַס.

דאָס פּאָר פאָלק האָט זיך געלעבט צופרידען. לייבל האָט געאַרבייט זעהר געטריי זיין באַלעבאָס, און דער לעצטער איז גע־ווען צופרידען פון אים.

ס'איז אַוועק צען יאָר און זיין ווייב האָט דורך דער צייט געבוירען פיר קינדער.

די קליינע פאַרדינסטען האָבען קוים געטראָגען דורכצושטופּען די וואָך. לייבל פלעגט קריכען פון דער הויט און אַרבייטען ווי אַ שקלאַף, כדי דער באַלעבאָס זאָל אים העכערען עטוואָס זיינע פאַרדינסטען, אָבער ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

פאַר דער לעצטער צייט האָט לייבל זיך געמוזט אָפּזאָגען פון בעסערע עסענס. צוויי מאָל אַ וואָך האָט ער געגעסען אַ שטיקעל פלייש און די איבעריגע טעג האָט ער זיך דורכגעשטופּט מיט וואָס ניט איז, אַבי די קישקעס זאָלען ניט זיין ליידיג.

דאָס שווערע אַרבייטען און ווייניג עסען האָט זיך אָפּגערופען אויף לייבל'ס געזונד: ער האָט אָנגעהויבען אונטער־הוסטען און דאָס האַרץ האָט אים פון צייט צו צייט געבראָכען צו ביסלעך. ווען עס פלעגט קומען שבת פלעגט ער אָפּליגען דעם גאַנצען טאָג

אין בעט. דאָ האָט אים געשטאָכען אַ זייט, דאָ האָט אים געבראָכען דאָס האַרץ און דאָ האָט אים געמוטשעט דער הוסט. צובראָכען איז געווען זיין יונג לעבען און טרויעריג איז געווען זיין יונג ווייבעל. די אָרימע פיר קינדערלעך האָבען ניט פאַרשטאַנען זייער טרויעריגען לעבען און געפּאָדערט זייערס, און זייער פאָטער׳ס פאַרדינסטען האָבען ניט געטראָגען אויף דעם.

אין דער לעצטער צייט האָט לייבל מיט זיין פאַמיליע זיך אַריינגעצויגען אין אַ קעלער פון דריי פינסטערע גריבער. די ווענט פון די פינסטערע צימערלעך האָבען געוויינט, אַפּנים אויף דעם ביטערען שיקזאַל פון זייערע אָרימע איינוואוינער, און די ליכטיגע זון האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצושיקען אין דעם פינסטערען קעלער אַ פּאָר פון אירע ליכטיגע שטראַלען.

די שווערע אַרבייט אין פאַבריק, די נאַסע און קאַלטע צימערלעך און דאָס ווייניג עסען, האָט איינגאַנצען געוואָרפען לייבלען פון די פיס. ער איז געבליבען ליגען אַ קראַנקער, אָן שום מיטלען. זיינע קינדער האָבען געפּאָדערט עסען, ער האָט געדאַרפט אַ דאָקטאַר, און אויף דעם אַלעמען איז ניט געווען. אַזוי איז דער יונגער און קרעפטיגער לייבל געבליבען ליגען ווי אַ סנאָפּ שטרוי.

קיין הילף, קיין רעטונג. דער באַלעבאָס צאָלט ניט, ווייל קיין קראַנקע, זאָגט ער, קען ער ניט אויסהאַלטען.

די קינדערלעך וואַלגערען זיך אין שטוב נאַקעטע און באָרוויסע, און פון הונגער און קעלט ווערען זיי געשוואָלען. די מוטער פאַרגיסט שטילערהייט טרערען אויף איר ביטער מזל, און קיין טרייסטוואָרט קומט ניט פון קיינעם. זי האָט איינגעזעהן, אַז פון זיצען אין שטוב וועט גאָרניט ווערען. זי האָט אָנגעהויבען אַרויסגעהן אין גאַס און געזוכט עפּעס צו פאַרדינען, כדי צו קענען אונטערהאַלטען די הונגעריגע קינדער און דעם קראַנקען מאַן. דאָס איינציגע וואָס זי האָט געקאָנט טאָן, איז פאַרקויפען בייגעל.

מיט אַ קויש בייגעל איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען אין רעגען און אין קעלט. דאָ האָט מען זי געטריבען און דאָרט האָט

מען איר ניט געלאָזט שטעהן. ווען זי האָט אויספּאַרקויפט די בייגעל איז זי, אַ מידע, אַ צובראָכענע, אהיים געקומען מיט ברויט, טיי און צוקער, וואָס דאָס האָט געהייסען אַ יום־טוב ביי די קינדער, ווייל צייטענווייז פלעגט די מוטער אהיים קומען נאָר מיט אַ שטיקעל ברויט, ווייל זי האָט געהאַט אַ שלעכטען טאָג.

איינמאָל, נאָך אזא שלעכטען טאָג, איז זי אַוועק אין אַ איר־דישער אינסטיטוציע בעטען הילף, אָבער מ'האָט איר אָפּגעזאָגט. — נישטאָ קיין געלט, איז געווען דער ענטפער.

האָט זי אָנגעהויבען בעטען, מ'זאָל איר מאַן נעמען אין אַ שפּיטאָל. האָט מען דאָס אויך אָפּגעזאָגט; ווייל ער איז געווען אַן אומהיילבארער. איין זאַך האָט זי יאָ גע'פּועל'ט, אַז מ'זאָל שיקען אַ דאָקטאָר צו איר מאַן איין מאָל אַ וואָך. און דורכ'ן דאָקטאָר'ס רעקאָמענדאַציע האָט מען פון דער אינסטיטוציע גע־שיקט פאַר'ן קראַנקען מילך און אַ ביסעל עסען.

אַזוי האָט זיך לייבל'ס ווייב, ציפּקע, געמוטשעט אַ גאַנצען טאָג אויף דער גאַס מיט די בייגעל, און לייבל מיט די קינדער אין קאַלטען, פינסטערען קעלער.

די קליינע קינדער, ניט וויסענדיג די לאַגע פון זייער קראַנקען טאַטען, פלעגען טאַנצען, ווען די מאַמע איז אהיים געקומען מיט אַ ביסעל אָרים עסען. די אָרימע מאַמע פלעגט פאַרגיסען טייכען טרערען ביים איינשלעפען די קינדער. זי איז געווען די איינציגע, וואָס האָט געוואוסט איר ביטערע לאַגע. זי, נאָר זי האָט געזעהן דעם וועג, וואָס שטעהט איר פאָר, — אַ וועג פון אָרימקייט, נויט און הונגער.

איינמאָל איז ציפּקע אהיים געקומען פון מאַרק שפּעטער ווי אַלע מאָל, אַ געפרוירענע, אַן אויסגעווייקטע פון שניי און רעגען, מיט די איבערגעבליבענע בייגעל. די קינדער, ניט קענענדיג זיך דערוואַרטען אויף זייער מוטער, זענען איינגעשלאָפען ווי די הינט־לעך אויף די ערטער וואו זיי זענען געשטאַנען: איינס איז איינ־געשלאָפען שטעהענדיג אויף די פיסלעך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן פּאַ־

טער׳ם בעט. אַלע מאָל האָט דאָס קינד געביטען די פיסלעך פאַר מידקייט. עס האָט פון צייט צו צייט זיך אויפגעכאַפּט, פאַרוואָר־פען מיט׳ן קעפּעל און איז ווידער איינגעשלאָפען. דאָס צווייטע איז איינגעשלאָפען אויפ׳ן פענסטער, ארויסקוקענדיג נאָך דער מו־טער, מיט׳ן פנים׳ל אָנגעשפּאַרט אין דער שויב; דאָס דריטע, זיי־צענדיג אויפ׳ן בענקעל מיט די פיסלעך אונטער זיך, איין הענטעל פאַררוקט אין פאַזוך און דאָס צווייטע אין קעשענע, פאַר וואַרימ־קייט. און דאָס פערטע איז איינגעשלאָפען פאַר׳ן אויווען אין וועלכען אַ קליין פייערעל האָט שוואַכער און שוואַכער געברענט און באַלויכטען אין דער טונקעל זיין, אויסגעצערט פון הונגער, פנים׳ל. לייבל איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און געקוקט ווייט, ווייט אוועק...

ציפּקע האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען אירע אויסגעווייקטע פון רעגען שמאַטעס און זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן ברעג פון איר מאַנ׳ס בעט.

אין שטוב איז געווען פינסטער, נאָר פון צייט צו צייט האָבען די צונגען פון דעם קליינעם פייערעל, וואָס האָט געברענט אין אויווען, באַלויכטען אַ שטיקעל וואַנט איבער לייבל׳ס בעט, און זיין טויט־בלאַס פנים.

די פייערדיגע צונגען האָבען געוואונקען און גערופען; זיי האָבען געטאַנצט אַ טויטען־טאַנץ, זיך באַוויזען און פאַרשוואונדען.

פלוצים האָט זיך דערהערט מוזיק. איבער׳ן קעלער, ביי הערש דעם שניידער איז געווען אַ חתונה, ער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער. אויבען האָט מען געזונגען, אונטען האָט מען געוויינט; אויבען איז מען געגאַנגען צום לעבען און אונטען איז מען אוועק פון לעבען.

די מוזיק האָט אָנגעהויבען שפּילען אַ פרעהליכס, און ציפּקע האָט זיך דערמאָנט אין דעם טאָג פון זייער חופּה. זי האָט זיך צוגערוקט צו איר מאַן און אים געפרעגט:

— דו געדענקסט, לייבל, פונקט ווי ביי אונז אויף דער חופּה?

לייבל האָט זיך פאַרהוסט און קוים, קוים, מיט אַ שוואַך קול געענטפערט: איך געדענק.

דער בדחן האָט אָנגעהויבען באַזינגען די כלה און יעדער וואָרט האָט זיך אַרונטערגעהערט אין קעלער אַריין.

— פונקט ווי ביי אונז, גלייך ווי נעכטען איז דאָס געווען, דו געדענקסט, לייבל?

— יאָ, איך געדענק, האָט לייבל שוין מיט אַ קרייענדיגען הוסט קוים אַרויסגערעדט.

— דו געדיינקסט, לייבל, ווי גליקליך מיר זענען דאַן געווען?

— איך געדענק, ציפּקע, האָט לייבל שוין מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער געענטפערט.

די פייערדיגע צונגען פון אויווען האָבען אין דער פינסטער געטאַנצט נאָכ׳ן טאַקט פון דער מוזיק איבער לייבל׳ס בעט, געטאַנצט און גערופען, זיך געדרעהט ווי אַ וויכער, גרעסער און קלענער.

לייבל האָט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער שטיל, קוים, קוים אַרויסגערעדט: איך געדענק, איך געדענק...

די פייערדיגע צונגען זענען געוואָרען קלענער און קלענער, און אין הויז איז געוואָרען טונקעלער און טונקעלער. לייבל האָט געשלאָסען זיינע אויגען מיט די ווערטער אויף זיינע ליפּען: איך געדענק...

דער פריזיוו

ס'איז אָנפאַנג אָקטאָבער. אין דרויסען געהט אַ דראָבנער רעגען, און די נאַקעטע ביימער שטעהען ווי פאַרשעמט, מיט אַראָפּגעלאָזענע צווייגען און גיסען מיט טרערען, וואָס מ'האָט זיי באַרויבט פון זייערע זומער־קליידער. מיט געבויגענע קעפּ געהען אויך אַרום יונגעלייט, אָדער ווי מען רופט זיי "רעקרוטען", פאַר וועלען זיי באַרויבען פון מענטשליכע רעכט און זיי פאַרשפאַרען אויף גאַנצע פיר יאָר אין סאָלדאַטסקע קאַזאַרמעס. זיי געהען איבער די גאַסען פאַרטיעס־ווייז און ברומען אונטער דער נאָז פאַרשידענע לידלעך און צווישען זיי אויך דאָס באַקאַנטע לידעל: "פאָני, פאָני גנב, פאָני איז אַ גנב".

"אפשר ווילט איר וויסען צי פאָני איז אַ לייט;

שטיוועלעך מיט שפּאָרען, דאָס היטעל אין דער זייט".

ווען ס'קומט די נאַכט, קומען זיי זיך אַלע צוזאַמען אין טשיינע: מ'טרינקט טיי, מ'עסט הערינג, לימענעס און מ'קנאַקט סעמעטשקעס; מ'זיצט גאַנצע נעכט, כדי מ'זאָל אויסקוקען אויס־געדאַרט און קראַנק. אַזוי מוטשעט מען זיך ביז צום טאָג פון פּריזיוו און אַ טייל פאַרמוטשען זיך, אַז זיי געהען אַוועק אין ווייסען פאָלק "אויף יענער וועלט"...

דעם פופצענטען אָקטאָבער, דער רעגען געהט לאַנגזאַם און דינע פאַסען שנויי באַגלייטען אים.

אויפ'ן הויף פון דער "פּריסוטסטוויע" איז די ערד שוואַרץ פון דער בלאָטע און ביי די זייטען אַרום דעם פּלויט פון הויף ליגט אַ ווייס ברייטמעל שנויי, וואָס קוקט אויס ווי אַ טרויער־פּלאַץ.

צענדליגער מענטשען דרעהען זיך אַרום אונטער דעם פאַלענ־דיגען שנויי און רעגען; זיי כליפּען שטילערהייט, וואָס מען נעמט ביי זיי צו זייער שפּייזער, חתן אָדער ברודער.

נעבען דער טיר פון דער "פּריסוטסטוויע" שטעהט אַן אַלטע מוטער און וויינט. זי רופט צו הילף איר פאַרשטאָרבענעם מאַן און זי פאַרגעסט אויך ניט אירע טויטע עלטערען, אַז זיי זאָלען

דאַרטען, אויבען, אַלע לויפען גאָט בעטען, אַז איר זון זאָל אויס־געלייזט ווערען פון גויאישע הענט.

אין אַ ווינקעל פון הויף שטעהט אַ מיידעל מיט אַ שוואַרצען שאַרף, איר קאָפּ אַרומגעוויקעלט און איבער אַ האַלב פּנים פאַר־דעקט. זי שטעהט ווי אַ קלאָג־מוטער און שלינגט די טרערען, זי בייסט די ליפּען ביז בלוט, זי וויל ניט אַז מ'זאָל זעהן טרערען אין אירע אויגען. זי רעדט צו זיך: חתן מיינער, מ'וויל דיך ביי מיר צונעמען אויף גאַנצע פיר יאָר, וועל איך זיין אומשטאַנד צו וואַרטען אויף דיר אַזאַ לאַנגע צייט? אָדער צי וועסטו מיך ניט אויסבייטען אויף אַ צווייטער אין יענער ווייטער שטאָט, וואו מ'וועט דיך פאַרשיקען?

ניט ווייט פון דער מיידעל שטעהט אַן אַלטע אידענע: קליין, אויסגעדאַרט און איינגעבויגען אין צווייען, מיט אַ גרויסען שאַל אויף איר קאָפּ, וואָס דינט איר פאַר אַ ווינטער־מאַנטעל אויך. איין עק פון שאַל האַלט זי אין האַנט און ווישט מיט אים די אויגען און די נאָז. זי שעפּטשעט: — זיסער גאָט אין הימעל! הער אויס מיין געבעט; זאָל מיין קינד ניט אריינפאַלען אין פאָני'ס הענט.

ניט ווייט פון איר געהט אַרום איר מאַן. אַ הויכער איד, מיט אַ גרויען קאָפּ האָר און אַ ווייס ווי מילך, לאַנגע באָרד. ער האַלטביידע הענט אויף זיין האַרץ, אריינגערוקט טיף אין די אַרבעל. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ געהט ער אַרום פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. פון צייט צו צייט רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ שווערער זיפץ באַגלייט מיט די ווערטער: — אויפגעצויגען אַ זון, פאַר וועמען?

אין דער צווייטער זייט פון הויף אונטער אַ גרויסען בוים שטעהען אַ רעדעל שקצים און אינמיטען זיצט איינער און שפּילט אויף אַ גאַרמאָניע: — "אַך זאַטשעם טי מעניאַ ראַדילאַ", און די איבעריגע זינגען דאָס נאָך.

אַזוי איז יעדער געווען פאַרטיפט אויף זיין אייגענעם שטייגער ביז די טיר פון דער "פּריסוטסטוויע" האָט זיך געעפענט און ס'איז

ארוים א בחור'ל, א קליינטשיקער, אַן אויסגעדאַרטער, קוים וואָס ער האָט געלעבט. זיינע עלטערען זענען צו צו אים מיט א געשריי:

— וואָס הערט זיך, משה'לע?

— אַן „אַסטראַטשקע" (אָפּגעלייגט) אויף א יאָר! האָט ער געענטפערט איבעראַשט.

— ער וועט זיך שוין אויסדרעהן פון פּאָני'ס הענט, האָבען זייטיגע מענשען באַמערקט.

— אַן זיין שאָדען, אויף מיין קינד געזאָגט געוואָרען, האָט זיך א אידענע אָפּגערופען.

באַלד איז ארוים נאָך א בחור מיט א גרויס שמויסען היטעל אריבערגערוקט איבער זיין רעכטען אויער. — נו? האָט זיין פאָטער אויסגעשריגען.

— „נא איספּיטאַניע" — האָט ער געענטפערט.

— אַצינד וועל איך דיך מיט גאָט'ס הילף ארויסשלעפּען, האָט זיך דער פאָטער אָפּגערופען.

דער דריטער איז ארוים — א שלאַנקער בחור, שעהן גע־וואקסען., גלייך ווי א סאָסנע מיט א קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, צוויי רויטע פלעקען האָבען באַדעקט זיין טונקעל־מאַטען פּנים. זיינע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט ווייט, ווייט אַוועק, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלען דאָרט אין דער ווייטקייט זעהן מאַרשירען אין דער ערשטער רייע פון דער ראָטע. זיין פאָטער מיט דער גרויסער ווייסער באָרד און די קליין־איינגעהויקערטע מוטער זענען צו צו אים. זיין פאָטער האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע שוואַרצע, טרויעריגע אויגען און די מוטער האָט אויסגעגלייכט אירע איינ־געבויגענע פּלייצעס און ארויפגעקוקט צו אים. שטום, אָן ווערטער, האָבען די אויגען ווי עפּעס געפרעגט.

— פאַרטיג! איז געוועזן זיין ענטפער.

דער פאָטער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט א זיפץ ארויסגעזאָגט: — אויפגעצויגען, פאַר וועמען?

די מוטער האָט ארויסגעלאָזט א געוויין מיט דעם באַקאַנטען

וו. דיקער

לידעל: — ווער דער מאמען, א וואונד דער מאמען, אפגעקאכט
מיין קינד, מיין אויג אין קאפ...

דער העלד פון דער רעוואָלוציע

(פונ'ם לעבען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין צייט פון דער רעוואָלוציע)

אין א זייטיגער גאַס פון שטעטעל, איז פּערעלע געזעסען אין איר קליין קעמערל און פאַרגעלייענט פאַר א האַלבען טוצען קינדער אין עלטער פון צען ביז דרייצען, קאַפּיטלעך פון דער אידישער געשיכטע.

מיטאַמאָל, האָט זיך די טיר געגעבען אַן עפען אויף מיט אימפּעט און משה דער קאָמיסאַר איז אריינגעקומען.

— איך האָב א רעכט דיך צו אַרעסטירען פאַר קאָונטער־רעוואָלוציע! האָט דער קאָמיסאַר אויסגערופען, אָבער איך וועל דאָס ניט טאָן, ווייל דו ביזט זעהר שעהן און איך האָב דיך צופיל ליב. שוין א לענגערע צייט אַז איך שפּאַניר דיר נאָך, און האָב ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו ריידען מיט דיר וועגען מיין ליבע. איצט, אַז איך האָב דיך געטראָפען ביי אַזאַ גרויסען פאַרברעכען, מוז איך דיך אַרעסטירען. אָבער מיין ליבע צו דיר איז גרעסער און שטאַרקער ווי די געזעצען פון סאָוועטען־פאַרבאַנד.

דאָס ענטבלויזטע ליב, וואָס האָט זיך ערטערווייז אַרויסגעזעהן דורך איר צוריסען קלייד, האָט נאָך שטאַרקער גערייצט זיין ליידענשאַפט צו איר. אין זיינע הונגעריגע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען א פייערעל, וואָס האָט געברים און געבראַטען ווי אָנגעגליטע שטיקער אייזען.

פּערעלע האָט פאַרלייגט אירע הענט אויפ'ן האַרצען, ווייל איר קלייד איז דאָרט געוועזען דורכזיכטיג פון אַלטקייט און האָט כמעט אַנטבלויזט טיילען פון אירע בריסט.

משה דער קאָמיסאַר איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר ווי א צורייצטע חיה; ער איז געווען גרייט אויף איר אַרויפצופאַלען.

די קינדער האָבען זיך דערשראָקען און איינציגווייז זיך אַרויס־

גערוקט פון קעמערל. פערעלע האט זיך געשראקען פאר זיין ווילד־קייט און האט געזוכט מיט עפעס אויפצומונטערען א מאראלישען שטריך אין אים און געזאגט:

— אזוי, טאווארישטש קאמיסאר, צוליב א ליבע צו אן אפ־געריסענער און בארוויסער מיידעל זענט איר גרייט צו באגעהן א פארברעכען געגען דעם סאוועטען־פארבאנד?

— צוליב דיר, פערעלע, בין איך אויף אלעם גרייט, האט ער געענטפערט.

— אויב אזוי, זענט איר דאך דער קאונטער־רעוואלוציאנער, ניט איך, האט זי אים ארייגעלאכט מיט חוזק אין פנים אריין.

— און, האט זי פארגעזעצט; מיט אזעלכע אומגעטרייע סאוועטישע דינער, וועלכע זענען גרייט פאר יעדער נארישקייט צו באגעהן א פארברעכען געגען דער רעגירונג, קען איך זיך ניט פאראייניגען.

— אבער, פערעלע, איך האב דיך אזוי ליב, האט ער א פאר־שעהמטער ארויסגערעדט.

— קיין אבער! האט פערעלע געזאגט און זיך אויסגעצויגען אין איר פולער לענג. זי האט געשפירט, אז זי איז איצט דער זיגער, און מיט א פייערל אין די אויגען האט זי אויסגעשריגען מיט א שטרענג קול: איר זענט געקומען מיך ארעסטירען פאר באגעהן א פארברעכען געגען דער רעגירונג, בין איך גרייט צו געהן!

— פערעלע, האט ער ווידער ארויסגערעדט מיט געבעט:

— אויב איך וועל דיך ארעסטירען וועט דאס זיין נאר דערפאר, וואס דו זאגסט מיר אפ מיין ליבע. און גלויבען וועט מען מיר, ניט דיר, ווייל די גערעכטיגקייט איז מיט מיר. זיי ניט אזוי איינ־געשפארט, נעם אן מיין פארשלאג און מיר וועלען הייראטען...

— דאס קען ניט זיין! האט פערעלע געענטפערט, — טוט אייער פליכט, איך בין גרייט צו געהן.

— פערעלע, האט ער נאך אמאל געזאגט, — זעה ווי דו וואוינסט, ווי אפגעריסען דו ביזט, נאקעט, בארוועס און הונגעריג.

— טאווארישטש קאמיסאר, האט זי נאך אמאל אויסגעשריגען,

— איך בין גרייט צו גהען!

— געדענק, פערעלע, האָט ער נאָך אַמאָל געזאָגט, שוין ניט מיט אַזאַ מילדען טאָן; — אויב איך וועל דיך אַרעסטירען, וועל איך מוזען זאָגען דעם אמת, אַז דו פאַרנעמסט זיך מיט קאָונטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבייט, און דערפאַר קען מען דיך דערשיסען אויך!

— קיינע קוילען פון אייערע רעוואָלווערען שרעקען מיך ניט אָפּ, ווייל איך האָב גאָרניט צו פאַרלירען. מען וועט נאָר בייטען מיין קוואַרטירע. אַט דער קבר, האָט זי אָנגעוויזען אויף איר קע־מערל, איז ניט בעסער און שעהנער ווי יענער, וועלכען איך וועל קריגען נאָך מיין טויט.

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו שטאַרבען, ווען דו קענסט לעבען גליקליך? האָט ער געפרעגט.

— גליקליך קען איך שוין קיינמאָל ניט זיין ווייל די קוילען וואָס מען האָט אַריינגעשאָסען אין מיינע עלטערען'ס הערצער, פיל איך פונקט ווי זיי וואָלטען געליגען איינגעגראָבען אין מיין אייגען האַרץ, אין מיינע לונגען און אין מיינע זייטען, האָט זי טרויעריג פאַרגעזעצט.

— ווער האָט דערשאָסען דיינע עלטערען? איך וועל פון זיי נקמה נעמען!

— איר קענט פון זיי קיין נקמה ניט נעמען, ווייל אייערע הענט זענען צו קורץ פאַר זיי, האָט זי איהם געענטפערט.

— פאַרוואָס? האָט ער איבערגעפרעגט.

— ווייל זיי זענען צו ווייט פון אייך.

— פערעלע, איך בעט דיך, דערצעהל מיר וואָס ס'האָט פאַסירט מיט דיינע עלטערען און פאַרוואָס האָט מען זיי דערשאָסען, האָט ער איר געפרעגט מיט אַ צערטליכער שטימע.

פערעלע איז געבליבען שטעהן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי אירע עלטערען וואָלטען איצט געליגען אויף דער ערד, און טרערען האָבען אָנגעהויבען פאַלען פון אירע אויגען.

אירע טרערן האָבן אים גערירט און ער האָט זיך ביי איר, אַן אומרוהיגער, געבעטען: — פערעלע, בארוהיג זיך... פארגיב מיר וואָס איך בין געווען אזוי שטרענג צו דיר. דאָס אַלעס האָב איך געטאָן נאָר דערפאר, וואָס איך האָב דיך ליב...

זי איז גערירט געוואָרען פון זיינע ווערטער און האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז בארוהיגען. זי האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף איר שטרוי־זאַק וואָס איז געלעגען אויף אַ פּאָר צונויפגעקלאַפּטע ברעטער. די פּאָר ברעטער האָט געדינט פאר אַ בעט, און איז געווען דאָס איינציגע שטיקעל מעבעל אין איר קעמערל. זי איז געבליבען זיצען אַ טרויעריגע און שווערע זיפצען האָבען זיך געריסען פון איר הארצען.

משה דער קאָמיסאר איז געשטאַנען נעבען איר מיט אַ נעבויגענעם קאָפּ און זיין הארץ האָט אים וועה געטאָן פאר איר.

נאָך אַ לאַנגען שטיל־שווייגען האָט פערעלע אויפגעוואכט ווי פון אַ טיפען שלאָף. ווען זי האָט דערזעהן משה'ן שטעהן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, האָט זי אויף אים רחמנות געהאט און צו אים געזאָגט מיט אַ מוטערליכער צערטליכקייט: — זיצט, משה. זי האָט אים אָנגעוויזען אַ פּלאַץ אויפ'ן צווייטען עק פון איר בעט.

ער האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזט אויף דעם אָנגעוויזענעם פּלאַץ און אַ זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון זיין הארץ.

איר מוטערליכער רופען אים "משה" האָט אים געמאַכט פילען היימישער. ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבען בעטען, זי זאָל אים דערצעהלען וועגען דעם ווער עס האָט דערשאָסען אירע עלטערען. זי האָט זיך שוין מער ניט געלאָזען בעטען און אָנגעהויבען דערצעהלען:

—נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז אין אונזער שטאָט פאָרגעקומען אַ סך פּאָגראָמען. יעדע וואָך האָט זיך אריינגעריסען אַ נייע באנדע און האָט רעגירט. יעדע באנדע האָט נעראבעוועט און גע'הרג'עט. איין באנדע איז געווען ערגער פון דער צווייטער. צום לעצטען מאָל, ווען פעטליורא איז געווען מיט זיין באנדע, האָבען זיך צו אונז אין הויז אריינגעריסען פיר באנדיטען

און געפּאָדערט געלט, און אויב מיר וועלן ניט געבען, וועלן זיי אונז דערשיסען. מיין פאָטער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז אַ רב און לעבט דערפון, וואָס די שטאָט גיט אים; און אַזוי ווי איצט איז אַ טרויעריגע צייט, קיינער פאַרדינט ניט, האָט מען אין אים איג־גאַנצען פאַרגעסען. מיין פאָטער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין געלט, אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט איז — אַ פּאָר זילבערנע לייכטער.

— דערלאַנג אהער די לייכטער, האָבען זיי אויסגעשריגען.

ווען מיין מוטער האָט געבראַכט די לייכטער האָט זי זיי ארומגענומען און זיי צוגעטוליעט צום הארצען. דרייסיג יאָר האָט זי פון זיי געבענטשט ליכט, און איצט מוז זי זיך מיט זיי שיידען...

די באַנדיטען, זעהענדיג אַז זי גיט ניט אַזוי שנעל די לייכטער, האָט איינער פון זיי אויסגעשאָסען אויף מיין מוטער און זי איז געפאַלען אַ טויטע; איר לעצטער אויסגעשריי — שמע ישראל — איז פאַרטרוקענט געוואָרען אויף אירע ליפּען...

נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבען פאַרטריבען פּעטליורא'ן מיט זיין באַנדע, זענען זיי געשטאַנען ביי אונז אין שטאָט אַ קורצע צייט, ווייל די פּאָליאַקען זענען באַלד אָנגעקומען און האָבען זיי פאַרטריבען.

די פּוילישע סאָלדאַטען זענען דאַן אָנגעקומען אין שטאָט. ס'איז געוועזען גאַנץ פרי ווען די סאָלדאַטען זענען פאַרביי געגאַנגען אונזער הויז און האָבען באַמערקט ווי מיין פאָטער שטעהט אין טלית און תפילין און דאַווענט. ער האָט געמאַכט מיט די הענט און מיט די אויגען, און זיי האָבען אים אָנגענומען פאַר אַ באָל־שעוויסטישען שפּיאָן. זיי זענען באַלד אריין אין הויז און אים אַרעסטירט. אין זעקס שעה צייט האָט מען אים פאַראורטיילט צום טויט. עס האָט ניט געהאָלפען דאָס בעטען פון די אידישע פאָרשטייער, און באַלד נאָכ'ן אורטייל האָט מען מיין פאָטער דער־שאָסען. נאָכדעם ווי די קוילען פון צען ביקסען זענען אריינגע־שאָסען געוואָרען אין אים, איז ער געפאַלען טויט מיט אַן אויס־

געשריי פון — שמע ישראל!

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די באָלשעוויקעס האָבען צוריק פאַרטריבען די פּאָליאַקען. ווען די באָלשעוויקעס זענען שוין גע־בליבען אין מאַכט, איז מען געקומען צו מיר און מיר געלאָזט וויסען, אַז איך מוז פאַרלאָזען אונזער הויז. עס האָט נישט געהאָלפען קיין געבעט און קיין געוויין, און עס האָט אויך ניט געהאָלפען וואָס מיין פאָטער איז געפאַלען אַ קרבן פון זייער שונא׳ס הענט. מ׳האָט מיר אפילו ניט געוואָלט געבען אַ קליין ווינקעל אין אונזער קיך, אַז איך זאָל האָבען וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגען. אין אָט דעם צוריסענעם קלייד וואָס איך טראָג איצט, האָב איך פאַרלאָזט אונזער הויז, און קיין זאַך האָב איך ניט געטאָרט מיטנעמען. איך האָב ניט געהאַט וואוהין צו געהן און וואו צו זיין. יעדען טאָג האָב איך זיך איינ־געבעטען אין אַן אַנדער הויז, אַז מ׳זאָל מיך לאָזען איבערנעכטיגען. אין יעדען הויז האָט מען צונויפגעטריבען דריי און פיר פאַמיליעס. נאָכדעם ווי איך האָב אַזוי אַרומגעוואַנדערט אַ יאָר צייט, האָט מען אויף מיר רחמנות געהאַט, מענטשען האָבען זיך פאַר מיר איינגע־שטעלט און גע׳פּועל׳ט, אַז מ׳זאָל מיך לאָזען וואוינען אין אָט דעם קעמערל. פאַרדינען האָב איך ניט וואו, מען לאָזט מיך צו קיין ארבייט ניט צו, ווייל איך בין אַ רב׳ס אַ טאָכטער. פאַר דער לעצטער צייט, האָב איך אָנגעהויבען לערנען מיט קינדער אידישע געשיכטע; פון דעם פאַרדין איך אויף אַ גלאָז טיי מיט אַ שטיקעל ברויט וואָס זיי שפּאָרען אָפּ פון זייער אייגענעם ביסען...

איצט, ווי קען איך זיין גוט צו אייך, אַלס באָלשעוויסטישער קאָמיסאַר, ווען איר האָט ביי מיר צוגענומען דאָס לעצטע וואָס מיר איז פאַרבליבען פון מיינע אומגעקומענע עלטערען? דאָס שטיקעלע פלאַץ, וואו מיין מוטער איז געפאַלען אַ קרבן, צודריקענ־דיג די לייכטער צום הארצען, מיט איר לעצטען אויסגעשריי — שמע ישראל! איז ביי מיר פונקט אַזוי הייליג ווי די וואַנט פונ׳ם בית המקדש...

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז זי געבליבען זיצען און טרערען

פול מיט בלוט האָבען געגאָסען פון אירע אויגען.

משה איז גערירט געוואָרען פון איר דערצעהלונג. זיין הארץ האָט אים וועה געטאָן פאר איר. אין זיינע אויגען האָט זי איצט אויסגעקוקט ווי א העלד פון דער רעוואָלוציע.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האנט צו איר און געזאָגט:

— פערעלע, איך גיב דיר מיין האנט, אז דו ביזט ביי מיר טייער, פונקט ווי דו ביזט געווען ביי דיינע עלטערען, און אויב איך זאָל דיך פארלירען, איז ביי מיר גלייך ווי איך וואָלט פארלוירען מיינע אויגען. אויף דיינע פלייצעס האָט מען געבויט די רוסישע רעוואָלוציע, און דו האָסט אלעם איבערגעטראָגען ווי א העלד. פון היינט אָן ביזטו ביי מיר א הייליגטום, און איך בויג מיין קאָפּ פאר דיר...

ווען פערעלע האָט דערהערט ווי ער רעדט פון הארצען, און זיינע ווערטער זענען אמת'ע און ערנסטע, האָט זי צו אים אויסגעשטרעקט איר האנט. ער האָט זיך צוגעצויגען צו איר, און זי איז אַרויפגעפאלען אויף זיין ברוסט און זיך פארגאַנגען אין א קינדערישען געוויין.

יוסי־בער רחמנות

ס'איז חודש טבת. דער ווינטער איז אין פולען גאנג. דער שניי איז אנגעפאלען גאנצע בערג, און די קליינע שטיבלעך, וואס שטעהען צעווארפען אין א קייט ארום דער קלויז, זעהען זיך קוים ארויס. מענטשען וועלכע לויפען איבער די גאסען קוויקען זיך מיט דער קעלט, ווי מיט א גוטען מאראנץ.

מיט א טארבע אין האנט איז אנגעלאפען יוסי־בער רחמנות. ער איז אריין קוים א לעבעדיגער אין קלויז און געציטערט ווי א פיש פאר קעלט.

יוסי־בער רחמנות איז אן איינזאמער מענטש. ער האט נישט קיין פרוי, קיין קינדער, קיין שוועסטער, קיין ברידער. שוין יארען לאנג אז ער האלט זיך אויף אין קלויז; דורך די טעג געהט ער ארום איבער די הייזער.

ווען ער קומט אריין אין א הויז זאגט ער: — האט רחמנות און שענקט א נדבה! דערפאר האט מען אים געקרוינט מיט'ן נאמען "רחמנות".

אין קלויז איז געווען שוין נאך מעריב. די עטליכע אידען וואס זיי האט זיך נישט געגלוסט ארויסגעהן אין דער קעלט זענען געזעסען ביי דער רובע און דערצעהלט נייעס.

יוסי־בער האט ארויסגענומען עטליכע קארטאפעל פון זיין טארבע, זיי אריינגעלייגט אין רובע צום בראטען און אליין זיך געשטעלט דאווענען מעריב.

ביסלעכווייז זענען זיך די אידען צוגאנגען, דער שמש האט אויסגעלאשען די לאמפען; בלויז איין יאהרצייט־גלאז מיט בוימעל האט געצאנקט אין א ווינקעל.

ווען יוסי־בער איז פארטיג געווארען מיט זיין דאווענען האט ער פון זיך ארונטער געווארפען זיין קאפאטע מיט א פערטעל טוץ לייבלעך, אנגעצונדען א ליכט און דאס אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש וואס איז געשטאנען נעבען דער רובע. ער האט ארויסגענומען פון דער רובע די האלב פארברענט־געבראטענע קארטאפעל, זיי געווארר־

פען פון איין האַנט אין דער צווייטער און אויף זיי געבלאָזן מיט זיינע פאַרטרוקענטע ליפּן. ווען ער האָט פאַרענדיגט עסן די קאַרטאָפּעל מיט אַ האַלב געפּרוירענעם הערינג, האָט ער אַרויסגענומען פון רובע אַן אָנגעברענטען טשייניק מיט הייסע וואַסער און געמאַכט טיי. פון אַ קעסטעל וואָס איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַ ווינקעל און פאַרשלאָסען מיט צוויי שלעסלעך האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר דאַרע שטיקלעך ברויט און צוויי שטיקלעך פאַרשוואַרצטע צוקער.

די הייסע טיי און די אָנגעברענטע רובע האָבען אים אַזוי צופּאַרעט, אַז ער האָט געמוזט אַרונטער וואַרפען פון זיך די לעצטע פּאָר לייבלעך און ער איז געבליבען זיצען אין העמד, אַ צושפּיליעטער. זיינע פינגער האָבען אָנגעהויבען אַרומלויפען איבער׳ן לייב, ווי אַ גוטער פּיאַנאָ־שפּילער איבער די ביינדלעך פון דער פּיאַנאָ.

ווען אים איז ניט געבליבען מער וואָס צו טאָן, האָט ער געעפענט זיין קעסטעל און אָנגעהויבען איבערקוקען זיין פאַרמעגען. ער האָט אַרויסגענומען ווייסע שטיקלעך ברויט, ראָזעווע ברויט, פאַרטרוקענטע קיכלעך, קאַרזשעקלעך; אַ טייל פון זיי זענען געווען שוין פאַרשימעלט, ווייל זיי ליגען שוין אַ לאַנגע צייט אין קעסטעל. ער האָט סאָרטירט דאָס ברויט אין סטויגען: ווייסע צו ווייסע, טונקלע צו טונקלע, קיכלעך צו קיכלעך, און דעם צוקער האָט ער אָנגעוואָרפען אין אַ קליין בערגעלע. ער האָט געקוקט אויף זיין פאַרמעגען און געקוואַלען. ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן סאָרטירען, האָט ער אַרויסגענומען פון דער זשילעט, וואו עס איז געווען איינגעקנופּט הינטער דער פּאַטשעווקע, אַ קליין זעקעלע מיט געלט, און דאָס אויך אָנגעהויבען צו סאָרטירען: גראָשענס, קאָפּיקעס, און פּיאַטאַקעס אויך.

פּלוצים האָט זיך געעפענט די טיר און דער שמש איז אַריינגעקומען. דערזעהענדיג דעם שמש, האָט יוסי־בער אויף גיך אַרונטערגעכאַפּט דאָס געלט און דאָס צוזאַמען געדריקט אין זיינע פויסטען.

דער שמש האָט דאָס באַמערקט און איז געבליבן שטעהן פאַרוואונדערט. אים האָט נאָך מער געוואונדערט, ווען ער האָט דערזעהן די קופּקעלעך ברויט אויפ'ן טיש.

— ר' יוסי־בער, האָט דער שמש זיך אָנגערופען, אויף וואָס האַלט איר דאָס ברויט? און פאַר וועמען דאַרפט איר אַזוי פיל ברויט?

— ר' משה, האָט יוסי־בער געענטפערט, פאַרוואָס פרעגט איר ניט ביי אוורעמעל דעם וואַלד־הענדלער, צי וואָס ער דאַרף אַזוי פיל געלט? דאָס ליגט דאָך ביי אים אין פייער־קאַסע און שימלט, און קיין מענטש האָט דערפון קיין הנאה.

— הע, ר' יוסי־בער, איר רעדט דאָך שוין ווי אַן אפּיקורס! דאָס געלט וואָס אוורעמעל פאַרמאָגט, האָט ער כשר פאַרדינט און ער טוט טובות צו מענטשען; און ביי אייך איז דאָס ברויט שוין פאַרשימעלט און איר העלפט קיינעם ניט. ווייסט איר וויפיל מענטשען איר קענט אונטערהאַלטען מיט אָט דעם ברויט, וואָס ליגט דאָ אויפ'ן טיש? מענטשען וועלכע שמאַכטען אין זייערע קאַלטע שטיבלעך, ווען זיי האָבען אַ ביסעל פון אייער ברויט און צוקער, וואָלטען זיי אויפגעלעבט!

— ר' משה, צו וואָס שמאַכטען זיי אין קאַלטע שטיבעלך? זיי וואָלטען אויפגעלעבט, ווען אוורעמעל שיקט זיי אַריין אַ ביסעל האָלץ פון זיין וואַלד און אַ ביסעל פאַרשימעלט געלט פון זיין פייער־קאַסע.

— דאָס וואָלט ניט געווען קרום, האָט דער שמש געענטפערט ווי פאַרשעמט, אָבער איר ווייסט דאָך, דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען.

יוסי־בער האָט גענומען צוריק אַריינלייגען דאָס פאַרטרוקענטע ברויט אין קעסטעל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַן אָנפאַל פונ'ם שמש.

פילענדיג דעם שמש'ס בליק אויף זיך, האָט ער זיך ווי פאַר־ענטפערט: — דאָס ביסעל פאַרדאַרטע ברויט וואָס איך האָב, מוז

איך האלטען אויף א רעגנעדיגען טאָג. אויב איך זאָל קראַנק ווערען אויף איין וואָך, וועל איך דאָ אין שוהל אויסגעהן פון הונגער. איר האָט דאָך אליין געזאָגט, אז דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריגען. . .

דער שמש איז מיט קליינע טריט ארויס פון קלויז מיט אן אראָפּגעלאָזטען קאָפּ.

יוסי־בער האָט געמאַכט זיין בעט וואָס איז באַשטאַנען פון זיינע לייבלעך. ער האָט פאַרלאָשען דאָס ליכט און ליגענדיג אויף זיינע שמאַטעס האָט ער געקוקט אויף דעם קליינעם שאָטען וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אויף דער וואַנט פון דער יאָהרצייט־ליכט.

דאָס קליינע פייערעל האָט געטאַנצט און געצאַנקט. ס'איז געוואָרען גרעסער און קלענער; ס'האָט זיך געריסען אויף אלע זייטען, ווי א מענטש ווען ער האלט ביים שטאַרבען.

יוסי־בער האָט זיך פאַרגעשטעלט די מענטשען, וועלכע שמאַכ־טען אין די קאַלטע שטיבלעך, וועגען וועלכע דער שמש האָט אים דערצעהלט. ער האָט געזעהן ווי זיי ציטערען פון קעלט און וואַר־פען זיך אויף זייערע בעטען פון הונגער. ער האָט געהאַט א פאַר־לאַנג אראָפּ צו לויפען פון זיין געלעגער און ארויס, זיך צו טיילען מיט זיי מיט זיין אָרים, פאַרטרוקענט ברויט, אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט.

דאָס קליינע פייערעל פון יאָהרצייט־ליכט איז אָנגעגאַנגען מיט'ן טאַנץ. יוסי־בער האָט נאָך לאַנג, לאַנג געטראַכט פון די הונגעריגע און פון זיין גרויס פאַרמעגען, ביז דער שאָטען פונ'ם קליינעם פייערעל האָט אָנגעהויבען שווינדלען פאַר זיינע אויגען, און די אויגען־דעקלעך האָבען זיך ביסלעכווייז ביי אים אראָפּגעלאָזט.

ברוך דין האמת

עס איז צו כל נדרי. אין דרויסען איז שעהן, און א קליין ווינטעל בלאָזט און שלעפט מיט זיך מיט די טונקעל־גאָלדענע בלעטלעך, וועלכע פאַלען איצט פון די בוימער און צושפּרייטען זיך איבער אַלע ווינקעלעך פון די גאַסען. דער הימעל איז בלוי און שעהן און די ליכטיג־גאָלדענע זון שטעהט ווי איינגעפּאַסט אין א ברייטען, גרויסען פּורפּורענעם רעמעל, אין וועלכען זי ווערט ביסלעכווייס פאַרטרונקען.

קליינע רויטע פלעקען ווי וואָלקענדלעך ווערען געטריבען פון ווינט איבער׳ן בלויען הימעל, זיי לויפען איינע נאָכ׳ן אַנדערען; איינס יאָגט אין צווייטען, און זיי שליסען זיך צוזאַמען אין איין גרויסער מאַסע. פּלוצים ווערט די שווערע מאַסע פון אויבען פאַר־מירט אין א ריזיגע חיה, ווי א גרויסער קינסטלער וואָלט דאָרט אויבען געשטאַנען מיט זיין קינסטלערישען פּענזיל און זי געשווינד אויסגעמאָלען.

די נאָר־וואָס פאַרמירטע, פון די רויטע וואָלקענדלאך חיה, קוקט אויס ווי א ריזיגער לייב, וועלכער איז גרייט איינצושלינגען הונדערטער מענטשען, און עס פאַלט א פּחד ווען מען פאַרקוקט זיך אויף דעם ריזיגען פייערדיגען לייב, וועלכער שווימט אונטער דעם בלויען הימעל. א קליין גרוי וואָלקענדעל, אָנגעטריבען פון ווינט, האָט זיך אריינגעשניטען אין מיטען פון ריזיגען לייב און אים איבערגעריסען אויף צווייען. די קליינע רויטע וואָלקענדלעך האָבען זיך אָנגעהויבען צוריק אָפּרייסען פון דער מאַסע און זיך צוטראָגען אין פאַרשידענע זייטען פון בלויען הימעל.

מענער און פרויען ציהען זיך פון אַלע זייטען מיט שנעלע טריט. זיי לויפען אין שול אריין מיט זייערע טליתים און מחזורים אונטער זייערע אָרעמס.

— עס איז שוין שפּעט! זאָגען זיי איינער צום צווייטען שטיל און טרויעריג, און מען הויבט אָן געהן נאָך שנעלער. אויף יעדענס פּנים און צושפּרייט אַן ערנסטקייט. מ׳געהט מיט מורא אין הארצען

און יעדער טראַכט איינס און דאָס זעלבע: — אַ גוט יאָר זאָל איך מיר כאַטש אויסבעטען ביי גאָט.

יונגע־לייט געהען באַגלייט פון זייערע מיידלעך און זיי זענען ערנסט און אָנגעצויגען מער ווי אַלע טעג. זיי דערדרויבערען זייערע סיגאַרעטלעך און לויפען אַריין אין שול.

די שול איז באַלויכטען פון צענדליגער לאָמפען, וועלכע צע־וואַרפען זייער מאַטאָווע ליכט אויף די, מיט ווייסען איינגעהילטע מענטשען, וועלכע שטעהען אויסגעצויגען און קוקען אויס ווי די מצבות אויפ׳ן בית־עולם. הונדערטער מענטשען שטעהען אויף די פיס איינגעהילט אין די טליתים און מ׳זאָגט ״תפלה זכה״. יעדער שטעהט אָנגעצויגען, מיט אַ טרויעריג פּנים און מיט פאַרמאַכטע פויסטען און שעפּטשעט ערנסט און פרום. יעדער וואַרט קרעכצט מען אַרויס מיט געבעט און געוויין. עס הויבט אָן ווערען שטיל און שטילער, פּונקט ווי די בוימער אין וואַלד שטעלען אָפּ זייערע געוועהען נאָך אַ גרויסען שטורעם ווינט, נאָר אין ווייטען פרויען־ווינקעל הערט זיך נאָך אַ קרעכץ און אַ כליפּע. ווער עס בעט ביים פאַרשטאָרבענעם מאַן און ווער ביי די פאַרשטאָרבענע עלטערען, אַז זיי זאָלען דאָרט לויפען פאַר זיי גאָט בעטען.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיש. ס׳איז געוואָרען שטיל און יעדער האָט קוים איינגעהאַלטען דעם אָטעם. דער חזן האָט זיך אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע איינגעהילט אין טלית און קיטעל און אָנגעהויבען זאָגען מיט דעם אַלט־טרויעריגען ניגון כל נדרי.

פּלוצים האָט זיך אַריינגעריסען אין שוהל אַ פרוי מיט אַ יאָמער און געוויין:

— אידען, בעט ביי גאָט, ער זאָל שענקען מיין מאַן דאָס לעבען! אידען, ראַטעוועט אַ טאַטען פון צוויי קליינע קינדער!

דער חזן איז געבליבען שטיל און מ׳האָט געהערט ווי פון מענ־טשען׳ס הערצער האָבען זיך געריסען שווערע זיפצען. די פרוי האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ, געפאַלען צו יעדענס פיס, גע־

וויינט און געבעטען:

— בעט גאָט, אידען, פאַר מיין מאַן!

א מיידעלע פון א יאָר צען איז אריינגעלאָפען מיט א געשריי:

— מאמא! שוין! פאפא איז טויט!

ביי דער פרוי האָט זיך פון הארצען ארויסגעריסען א היסטע־רישער געשריי און מיט צושפרייטע הענט און אן אָפען מויל האָט זי זיך אויפ'ן פלאָץ געגעבען א דרעה ווי א וויכער און איז אומגע־פאַלען ווי אן אונטערגעהאקטער שווערער בוים.

זיפצען און שטילע געוויינען האָבען זיך געריסען פון פאַר־שידענע הערצער. די אידען זענען געשטאַנען מיט געבויגענע קעפ און מיט פארלעגטע הענט אויף זייערע ברוסטען. דער עלטסטער אין שול האָט מיט א פארשטיקט קול פול מיט טרויער ארויס־געקרעכצט:

— ברוך דין האמת!

— ברוך דין האמת! האָבען אלע אידען נאָכגעזאָגט מיט א געוויין. אין שול איז צוריק געוואָרען שטיל. א קלאַפּ אין טיש האָט זיך נאָכאמאָל דערהערט, און דער חזן האָט אָנגעהויבען מיט נאָך מער טרויער און געוויין זאָגען כל נדרי.

די שטיוועל

(הומאָרעסקע)

ס'איז געווען שפּעט אין אָסיען. שוין די צווייטע וואָך ווי ס'רעגנט טאָג און נאַכט, און די בלאָטע ווערט גרעסער און גרעסער. איבער די גרויסע בלאָטעס איז די פּרנסה געשטערט געוואָרען און ס'איז שווער צו פאַרדינען אַ פּאָר רובעל.

בערל דער מעקלער לויפט אַרום די צווייטע וואָך איבער דער שטאָט מיט די צוריסענע שטיוועל אין די גרויסע בלאָטעס און קען קיין מעקלעריי ניט מאַכען. ער טראַכט שוין נישט וועגען אַהיים ברענגען אויף שבת, נאָר ער בעט ביי גאָט כאָטש אויף אַ פּאָר שטיוועל פאַרדינען; און עס איז ווי פון אַ שטיין אַרויס.

עס געהט אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און ער קען ניט מאַכען קיין מעקלעריי; אים דאַכט זיך, אָט איז דאָס שוין פאַרטיג, קומט אַ קאַץ און מאַכט דאָס קאַליע. שוין אַוועק צוויי וואָכען און בערל פאַלט ממש אַרוים פון די שטיוועל.

אין אַ געוויסען דאָנערשטאַג איז בערל אַוועק אין גאַס, און זיין הארץ האָט אים געזאָגט, אַז היינט וועט אים גאָט העלפען. און דאָס הארץ האָט אים נישט אָפּגענאַרט, ער האָט טאַקע געכאַפּט אַ פאַרדינסטעל פון גאַנצע זעקס רובעל. בערל איז געקומען אַהיים קוים אַ לעבעדיגער אָנזאָגען זיין ווייב די גרויסע בשורה.

ווען בערל איז אַריין אין הויז, האָט ער אויסגעשריגען צו זיין ווייב: — פּעסי, כ'האָב געמאַכט אַ מעקלעריי און פאַרדינט זעקס רובעל!

ער האָט אַרונטערגעצויגען די צוריסענע שטיוועל, זיי באַטראַכט און גערעדט צו זיך אַליין: — עס וועט נאָך זיין אַ פּאָר גוטע אונטערגעניי.

ווען לייבקע דער שוסטער איז געקומען, האָט בערל מיט אים

זיך באַדונגען פאַר דריי רובעל צו מאַכען די אונטערגעניי אויף די אַלטע כּאַליוועס.

לייבקע איז געווען זעהר אַ גוטער שוסטער, אָבער אַ גרויסער ליגנער. אַז מ'האָט אים געגעבען מאַכען אַ פּאָר שטיוועל, האָט ער צוגעזאָגט זיי מאַכען אויף מאָנטאַג, און ווען ס'איז געקומען דינ־סטאַג און די שטיוועל זענען נאָך אַלץ נישט געווען פאַרטיג, האָט ער געזאָגט: — איך האָב אייך געזאָגט אַז מאָנטאַג וועלען זיי זיין פאַרטיג, וואָס זענט איר היינט געקומען?

בערלען האָט ער אויך צוגעזאָגט אויף מאָנטאַג מאַכען די שטיוועל. — איך וועל האַלטען וואָרט, האָט ער צוגעגעבען, ווייל איך זעה אַז איר זענט געבליבען אינגאַנצען באָרוועס!

— ר' לייבקע, האָט זיך בערל אָנגערופען: איך וויל אייך בעטען, אַז איר זאָלט מיר מאַכען אַ פּאָר איידעלע שטיוועל. ווייכע פּרישוועס און הארטע נאָסקעס, כּדי שבת זאָל איך קענען אַריבער־לאָזען די הויזען איבער די כּאַליוועס און זיי זאָלען אויסקוקען ווי קאַמאַשען.

— ר' בערל, האָט דער שוסטער געענטפערט, — איך וועל אייך מאַכען צוויי ליאַלקעס, ניט קיין שטיוועל.

אין דרויסען האָט נאָך אַלץ גערעגענט, די בלאָטע איז גע־וואַקסען און בערל איז געזעסען אין הויז אַ באָרוויסער און געצעהלט די שעה'ן און טעג.

ס'איז געקומען דער גליקליכער טאָג פאַר בערלען, און דער שוסטער האָט אָפּגעבראַכט די פּאָר אונטערגעניי.

בערל האָט זיך דערפרעהט מיט זיי, ווי אַ הונגעריגער מיט אַ גוטען מאָלצייט. ער האָט זיי אָנגעמאָסטען, זיך דורכגעשפּאַצירט איבער'ן שטוב און אויסגעשריגען: — אוי גוט, טאַקע אַ פּאָר ליאַלקעס, ר' לייבקע, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט! אַצינד קען איך שוין געהן זוכען אַ פּאַרדינסטעל, האָט בערל געזאָגט מיט פרייד.

—איר קענט ניט געהן מיט זיי אין דער בלאָטע, ביז איר וועט זיי ניט אויסטרעטען אין דער טריקעניש, ווייל די זוילען וועלען זיך

צוקריכעץ אין דער נעץ, האָט אים דער שוסטער געוואָרעגט.

ווען דער שוסטער איז אַוועק, האָט בערל געזאָגט צו זיין ווייב: איך וועל היינט אַ גאַנצען טאָג אַרומשפּאַצירען אין שטוב און וועל אויסטרעטען די פּאָדעשוועס; מירצעשעם מאָרגען, וועל איך אַרויסגעהן אין גאַס.

אַזוי האָט בערל אַ גאַנצען טאָג געטופּעט מיט די נייע שטיוועל אין הויז, כדי ער זאָל זיי גוט אויסטרעטען.

דינסטאָג גאַנץ פרי, ווען בערל איז אַראָנטער פון בעט, איז ער גלייך צו צום פענסטער און האָט דערזעהן, אַז ס'איז אַ פראָסט. ער איז צוגעלאָפען צו זיין שלאָפענדיג ווייב מיט אַן אויסגעשריי:

— פעסי, פעסי! שטעה אויף, ס'איז אַ פראָסט!

זיין ווייב איז אַראָפּ פון בעט אַ צושראָקענע און ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זי צוגעפירט צום פענסטער, איר געוויזען ווי ס'איז טרוקען געוואָרען אין דרויסען און געזאָגט:

— דו זעהסט? — מיין מזל! צוליב מיר איז טרוקען געוואָרען אין דרויסען, כדי איך זאָל קענען באַנייען מיינע שטיוועל.

ווען בערל איז אַרויס אין גאַס מיט זיינע אויסגעפּוצטע, נייע צוויי שטיוועל, האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען צו יעדען איינעם:

— זעה מיינע נייע שטיוועל!

געהענדיג אין גאַס, האָט ער באַגעגענט משה דעם מילכיגען, און וועלענדיג זיך באַרימען מיט זיינע נייע שטיוועל, האָט ער צו אים געזאָגט: — ר' משה, פאַרוואָס טראָגט איר אַזעלכע בלאָטיגע שטיוועל?

האָט יענער ניט ווילענדיג געגעבען אַ קוק אויף בערל'ס שטיוועל און באַמערקט: — אַ, ר' בערל, סאַרא שעהנע שטיוועל איר טראָגט!

— יאָ, ווי געפעלען אייך מיינע שטיוועלעך? אַ פאָר ליאַלקעס, ביי לעבקע דעם שוסטער געמאַכט.

שפּעטער האָט ער באַגעגענט פייוועל זרח-לייזער'ס, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אָפּגעגעבען גוט-מאָרגען, האָט בערל באַ-

מערקט: — ר׳ פייוועל, אייערע שטיוועל קערען זיך שוין איבער.

פייוועל האָט געוואָלט באטראכטען זיינע שטיוועל, האָט ער דערזעהן בערל׳ס נייע שטיוועל און געזאָגט: — טאקע נאָר איר, ר׳ בערל, קענט זיך פארגינען אזא פּאָר איידעלע שטיוועל.

יאָ, ווי געפעלען אייך די צוויי שטיוועלעך? ביי לייבקע דעם שוסטער געמאכט.

אזוי א גאנצען טאָג, וועמען ער האָט באגעגענט, האָט ער געצווינגען זיין אויפמערקזאמקייט צו זיינע שטיוועל. ער האָט גע־וואָלט אז די גאנצע שטאָט זאָל זיי זעהן.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט בערל געכאפּט א גאנץ פיין פּאר־דינסטעל — צען רובעל מיט אמאָל! ער איז אוועק אהיים, אָן אָן אָטעם צו זיין ווייב:

— דו זעהסט, פעסי, האָט ער אויסגעשריגען, — מיינע נייע שטיוועל זענען געקומען אין א גוטער שעה! א מעקלעריי געמאכט, צען רובעל געכאפּט! נאכהער האָט ער גוטמוטיג צוגעגעבען, — אז מיינע נייע שטיוועל זענען שוין יאָ אזוי מזל׳דיג, וועל איך פאר זיי קויפען א פּאָר קאלאָשען.

ער האָט ארויסגענומען עטליכע רובעל פון קעשענע, — אצינד, מיין ווייב, וועל איך דיר געבען היינט אויף שבת, און נישט ווארטען ביז דאָנערשטאג. בערל האָט ארומגעכאפּט זיין פעסי׳ן און פאר פרייד געכאפּט מיט איר א טענצעל.

פרייטאג איז בערל אוועק אין שוויץ. ווען ער האָט זיך אויס־געטאָן האָט ער דערלאנגט זיינע שטיוועל צו געצעל דעם בעדער און געזאָגט: — זעהט נאָר וואו איר שטעלט זיי אוועק, דאָס איז נייע שטיוועל...

— ניט געזאָרגט, ר׳ בערל, אז איך שטעל אוועק נעמט מען ניט!

בערל איז אָפּגעזעסען א שעהנע פּאָר שעה אין באָר און האָט זיך געלאָזט שמייסען נאָכאמאָל און נאָכאמאָל.

— דו וועסט שוין ביי מיר קריגען א גאנצען פיאטאק, האָט ער געזאָגט צום פארשטשיק.

די שטיוועל

ווען בערל איז אַרויס פון שוויץ, האָט ער זיך געהייסען דערלאַנגען זיינע שטיוועל. דער בעדער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט זיי צו נעמען, אָבער דאָס פּלאַץ איז געווען ליידיג.

בערל איז אַוועק אַהיים אַ צובראָכענער אין אַ פּאָר שקראבעס וואָס מ׳האָט איבערגעלאָזט פאַר זיינע שטיוועל.

נעקסט!

ס'איז געווען יולי. אין דרויסען איז געשטאַנען אַ גרויסע היץ. אַלעס אַרום איז געווען אָנגעגליט און אָנגעבריענט, און מענטשען האָבען נישט געקאָנט געפונען קיין אָפּגעקילט שטיקעל אָרט וואו אָפּצואָטעמען מיט אַ ביסעלע פרישער לופט.

אין איינעם אַזאַ טאָג, איז דער צען יאָריגער דזשעקעלע, אָדער יאַנקעלע, ווי זיין מוטער האָט אים גערופען, אַריינגעקומען פון גאַס אַ מידער, אָפּגעגאָסען פון שווייס, און איז קוים איינגעשטאַנען אויף זיינע קליינע פיסעלעך.

— וואו ביזטו געווען, יאַנקעלע? האָט זיין מוטער אים גע־פרעגט.

— איך האָב זיך געשפּילט אין פּיט סטריט, האָט ער אַ ברוגז'ער געענטפערט אונטער'ן נאָז, פּונקט ווי זיין מוטער וואָלט שולדיג געווען אין דער גרויסער היץ.

— וואָס זשע ביזטו אַזוי פאַרשוויצט?

— ס'איז אַזוי הייס אין דרויסען, אַז מען קען זיך אפילו נים שפּילען, האָט ער אַ מידער געענטפערט.

— אַז ס'איז אַזוי הייס, זיי זשע בעסער אין שטוב; פאַר־נאַכט, ווען די זון וועט פאַרגעהן, וועט ווערען קילער, וועסטו זיך געהן שפּילען אינדרויסען.

— אָבער פאַרנאַכט איז פּונקט אַזוי הייס ווי איצט, האָט יאַנקעלע באַמערקט מיט אַ וויינענדיג קול, אפילו שלאָפען קען איך נישט אַ גאַנצע נאַכט איבער דער היץ, האָט ער זיך געקלאָגט.

— דער זומער איז שוין באַלד אַריבער, און די היץ וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטען, האָט אים די מוטער געפּרואווט טרייסטען.

מוטער און קינד זענען שטיל געבליבען. יאַנקעלע האָט זיך פאַרקליבען אין צווייטען צימער אין אַ ווינקעל, אויפ'ן דיל, דענ־קענדיג אַז דאָרט וועט ער פילען אַ ביסעל קילער.

די מוטער איז געבליבען אַליין אין קיך ביי איר טאָג־טעגליכער אַרבעט, זי איז געבליבען זיצען אַ פאַרטראַכטע. אַ שווערער זיפץ

האָט זיך געריסען פון איר ברוסט: — אוי, טאַטע זיסער, פאַרוואָס זענען מיר אזוי געשטראָפט?

יאַנקעלע, אויפ׳ן דיל אין צווייטען צימער, האָט זיך איינגע־הערט אין דער מוטער׳ס ווערטער און זי געפרעגט: — מאַ, צו וועמען רעדסטו דאָרטען?

— צו קיינעם ניט, מיין קינד.

— וואָס זשע זאָגסטו עפּעס — געשטראָפט?

— איך זאָג, מיר זענען אזוי געשטראָפט, אז מיר קענען אפילו ניט וואוינען אין א לייטיש הויז, וואו די לופט איז ניט אזוי גע־שטיקט, און די צימערלעך זענען ניט אזוי קליין און דושנע.

אין הויז איז ווידער שטיל געוואָרען. יאַנקעלע איז אויפ׳ן דיל איינגעשלאָפען. די פליגען אָבער, האָבען אים לאַנג ניט גע־לאָזען שלאָפען, זיי האָבען זיך אָנגעשטעלט אויף זיין פּנים און אים באַלד אויפגעוועקט. ער איז געבליבען ליגען ווי אין א טייך וואַסער, אזוי איז ער געווען פאַרשוויצט. אין הייסען, דושנעם צימערעל איז געווען שטיל. א זשומעריי פון פליגען האָט זיך געטראָגען אין דער אָנגעשטיקטער לופט. פון קיך האָט זיך אריינגעטראָגען א ריח פון פיש מיט ציבעלעס געפּרעגעלטע, וואָס האָט געררייצט די נאָז. יאַנקעלע איז אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער אויפ׳ן דיל און מיט וואַקלענדע טריט איז ער אריין אין קיך צו זיין מוטער.

— דו ביזט געשלאָפען, מיין קינד? האָט אים די מוטער געפרעגט.

— איך בין געשלאָפען א קליין ביסעלע, האָט ער קינדעריש געענטפערט.

— פאַרוואָס א קליין ביסעלע? האָט אים די מוטער איבער־געפרעגט מיט א שמייכעל פון זיין קינדערישען ענטפער.

— ווייל די פליגען און די היץ האָבען מיך נישט געלאָזען שלאָפען, האָט ער געענטפערט ברוגז׳לעך און אַרונטערגעלאָזט דאָס אונטערשטע ליפּעלע וואָס האָט אויסגעקוקט ווי א גרויסער ווײַנשעל. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרונטערגעלאָזט אויפ׳ן דיל, מיט די פּי־

סעלעך אונטער זיך, ניט ווייט פונ׳ם אָרט וואו זיין מוטער איז געשטאַנען, און איז געבליבען אַ פאַרטראַכטער, ווי יעדער קינד וואָס שטעהט אויף אַ ניט אויסגעשלאָפענס.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט, יאַנקעלע?

— גאָרניט, האָט ער געענטפערט.

— וואָס דען זיצסטו אַזוי? האָט זיין מוטער אים נאָכאַמאָל געפרעגט.

יאַנקעלע איז געזעסען און ניט געענטפערט.

— מאַ, האָט ער זיך פּלוצים אָפּגערופען, ווי פון שלאָף אויפגע־כאַפּט. ער האָט פאַרריסען דאָס קעפּעלע, זיינע שוואַרצע אויגעלעך אָנגעשטעלט אויף זיין מוטער: — פאַרוואָס פאָרען מיר ניט אין ״קאַונטרי״?

— ווייל מיר האָבען ניט קיין געלט, האָט זיין מוטער אים געענטפערט.

— כאָטש אויף אַזאַ קליין ביסעלע, האָט ער געזאָגט, אָנוויי־זענדיג מיט איין פינגערל אויפ׳ן שפּיץ פון אַ צווייטען.

— קינדעלע מיינס, ווען מיר וואָלטען געהאַט געלט, וואָלטען מיר געפאָרען אויף אַ גרעסער ביסעלע.

— פאַרוואָס פאָרט סעמי מיט זיין מוטער? האָט ער אי־בערגעפרעגט.

— ווייל סעמי׳ס פאָטער פאַרדינט אַ סך געלט, און דיין טאַטע אַרבעט שווער, און דער באַלעבאָס וויל ניט צאָלען גענוג אויף צו מאַכען אַ לעבען.

— מאַ, פאַרוואָס אַרבעט פּאַ ביים באַלעבאָס? נישט דער באַלעבאָס ביים פּאַפּאַ?

— ווייל דער באַלעבאָס האָט מער מזל פון פּאַפּאַ.

— ווער גיט מזל, און פאַרוואָס האָט מען פּאַפּאַ׳ן ניט גע־געבען קיין מזל? ער איז דאָך אַזאַ גוטער, ער גיט מיר אַלע טאָג אַ פּעני. ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף אַן ענטפער, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אָפּגערופען: — מאַ, דער פּרעזידענט האָט אַזוי פיל געלט,

פאַרוואָס גיט ער ניט צו די אָרימע אַ ביסעלע געלט און בעסערע ״רומס״?

— דאָס געלט, מיין קינד, באַלאַנגט ניט צו אים, נאָר צו אַמעריקע, האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— אָבער דער פּרעזידענט קאָן דאָך טאָן וואָס ער וויל!

— וויל ער דאָך ניט... האָט די מוטער געענטפערט.

— ווען איך בין פּרעזידענט, האָט זיך יאַנקעלע אָפּגערופן אַ פּאָרטראַכטער, וואָלט איך אַלע אָרימע מענטשלעך געגעבן געלט און שעהנע ״רומס״.

די מוטער האָט זיך צולאַכט פון זיין חכמה.

— וואָס לאַכסטו, מאַמע?

— גאָרניט.

— איך וועל נאָך זיין אַ פּרעזידענט, איך וועל אַזוי לאַנג לערנען, ביז איך זאָל קענען ווערן אַ פּרעזידענט, האָט ער נאַאיוו געזאָגט.

אַ צופרידענער שמייכעל האָט זיך צושפּרייט אויף דער מוטער׳ס פּנים, און אַ פאַרטראַכטע, האָט זי אַראָפּגעקוקט אויף איר קינד, וואָס איז געזעסן ניט ווייט פון איר אויפ׳ן דיל, און צו זיך שטיל געזאָגט: — מ׳קען ניט וויסען אַ קינד׳ס מזל...

יאַנקעלע איז ווידער שטיל געבליבען. זיינע שוואַרצע אויגע־לעך האָבען געקוקט פאַרטראַכט און אַ לייכטער שמייכעל האָט באַ־שיינט זיין טונקעל פּנימ׳ל. ער איז געזעסען ווי פריער, מיט די פיסלעך אונטער זיך, און מיט די פינגערלעך פון זיין רעכט הענטעל האָט ער זיך געפּלאָנטערט אין זיינע געדיכט־פאַרדרעהטע פּעך־שוואַרצע האָר. פּלוצים האָט ער געגעבען אַ שפּרונג אויף פון דיל און געזאָגט צו זיין מוטער: — מאַ, איך געה זיך שפּילען, ס׳איז שוין ניט הייס!

ער איז געשווינד אַרויס פון הויז, שנעל געוואָרפען מיט די פיסלעך און געפּאַטשט מיט די הענטלעך אין דער לופט, פּונקט ווי ער וואָלט געשווימען אין וואַסער.

די מוטער איז געבליבן שטעהן א פארטראכטע מיט פאר־לייגטע הענט אויף איר ברוסט. אירע אויגען האבען זיך געטראגען וויט, ווייט איבער'ן ים צו דער אלטער היים, און דאס שווארץ־געדעכטע קעפעלע האר וואס איז ערשט פארשוואונדען פון הויז, האט איר דערמאנט אין איר קליין ברודער'ל משה'לע. — פונקט ווי משה'לע, האט זי א פארטראכטע געמורמעלט. קלוג ווי ער, א פארטראכטער ווי ער, זיין קאפ שווארץ־געקרויזטע האר מיט זיין הויכען שטערן. א גרויסע פליג מיט איר זשומען פארבייפליענדיג, האט זיך אפגעשטעלט אויף איר פנים, און זי אויפגעוועקט פון איר פארטראכטקייט. זי האט זיך דערמאנט, אז איר מאן וועט באלד קומען פון דער ארבעט, און זי האט גענומען צוגרייטען עסען.

יארען זענען געלאפען און יאנקעלע איז געוואקסען, געוואקסען איז ער ניט אליין, נאר מיט אים איז געוואקסען זיין קלוגשאפט.

ווען יאנקעלע האט געענדיגט היי־סקול, איז ער אריין אין אוניווערסיטעט. נאכ'ן צווייטען יאר לערנען האט ער איינגעזעהן, אז זיין פאטער איז נישט אומשטאנד אים אויסצוהאלטען, האט ער אנגעהויבען שטודירען אין די אווענטען און בייטאג האט ער גע־ארבעט.

ארבעטענדיג אין שאפ, האט ער דערזעהן דאס, וואס ער האט ביז איצט נישט געזעהן... ער האט דערזעהן, ווי מענטשען אר־בעטען שווער פון פרי ביז שפעט אין אווענד, פאר קליינע שכירות. ער האט געזעהן און געפילט, אז לאנגע שטונדען ארבעט און ניט גענוג עסען, האט אויסגעמאטערט די ארימע ארבעטער. ער האט געזעהן, אז די באלעבאטים האבען געיאגט זייערע שקלאפען, ווי מען יאגט פערד. ער האט געזעהן, ווי מענטשליכע פלייצעס בויגען זיך איבער די מאשינען און קאנען זיך מער נישט אויסגלייכען, און ער האט אויך געזעהן, ווי די באלעבאטים ווערען רייכער פון טאג צו טאג אויפ'ן חשבון פון די ארימע ארבעטער.

— ניין, האט ער איינמאל צו זיך געזאגט, געהענדיג מיט זיין פאטער פון דער ארבעט און באטראכטענדיג אים, ווי ער, א מענטש

אין די פּערציגער, קוקט שוין אויס ווי אַ זקן, פון דער שווערער אַרבעט.

— עס קען ניט און טאָר ניט אַזוי בלייבן, האָט ער צו זיך געזאָגט, די לאַגע פון די אַרבעטער מוז פאַרבעסערט ווערן!

יאַנקעלע האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, ווי אַזוי צוצוטרעטן צו דער אַרבעט, וואָס ער וויל נעמען אויף זיך. ביסלעכווייז, האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט יעדן אַרבעטער באַזונדער, און זיי גע־געבן צו פאַרשטעהן זייער טרויעריגע לאַגע. — נאָך אַ יאָר, האָט ער צו זיי געזאָגט, און איר וועט שוין אינגאַנצען ניט זיין אומ־שטאַנד צו אַרבעטן, און איר וועט אַרויסגעשטויסן ווערן אין גאַס. . .

יעדער איינער האָט געעפענט די אויגען און געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ משיח׳ן.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך דורכגערעדט מיט יעדן באַזונדער, האָט ער זיי גערופן צו אַ מיטינג, און דאָרט האָט ער געלאָזט הערן זיין קול. יעדער איינער האָט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געשלונגען זיינע קלוגע ווערטער.

— מיר דאַרפן קעמפן! קעמפן פאַר אונזער עקזיסטענץ! האָט ער אויסגעשריגען: — פאַר אונזער פרייהייט! מיר טאָרן ניט אוועקגעבן אונזער גאַנץ לעבן פאַר׳ן באַלעבאָס! אונזערע פרויען און קינדער הונגערן אין דער צייט וואָס דער באַלעבאָס ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג, אויפ׳ן חשבון פון אונזערע הענט און געבויגענע פּלייצעס! — אַ יוניאָן דאַרפן מיר מאַכן! — האָט ער אויסגעדונערט; מיר דאַרפן זיך פאַראייניגען אַלע ווי איינער און איינער ווי אַלע, און דאַן וועלען מיר אַרויס אין סטרייק!

— אַ סטרייק! אַ סטרייק! האָט אונטערגעכאַפּט אַ יונגער־מאַן מיט שוואַרצע, ברענענדע אויגען, — מיר וועלען זיי ווייזען! — האָט ער אויסגעשטרעקט אַ פאַרקאַשערטע האַנט מיט אַ פאַרמאַכ־טען פויסט.

— גענוג געליטען! — האָט אַ מאַן אין די פערציגער אויס־

געשריגען, — מיר קענען שוין מער ניט הונגערען!

— זאָל זיין אַ סטרייק, האָט זיך אַ דריטער אָנגערופען, און זיך פאַרהוסט.

— סטרייק, שמייק, האָט זיך אַן עלטערער מענטש אָפּגערופען, אַ איד מיט אַ רויטער באָרד, וואָס האָט גערעדט נאָר מיט דער "שין". מיר וועלען דאָך שטרייקען מיט אונזשערע ווייבער, ניט מיט'ן באַלעבאָש, ווייל מיר וועלען זשיי קיין ווײדזשעס ניט געבען.

— אַ סטרייק! אַ סטרייק! האָט זיך ווי איין קול געריסען פון צענדליגער הערצער. זיי האָבען זיך געצויגען מיט פאַרמאָס־טענע פויסטען אין דער לופטען, מיט אויסגעשטרעקטע, ווי פון סקעלעטען אויסגעטרוקענטע הענט; אין דער זעלבער צייט האָבען זיי געוואָרפען בייזע בליקען אויף דעם אידען מיט דער רויטער באָרד.

— ער איז אַ פאַרעטער, אַ סטרייק־ברעכער! האָט אויס־געשריגען דער יונגערמאַן מיט די שווארצע אויגען, מען דאַרף אים ארויסוואַרפען!

דער איד מיט דער רויטער באָרד האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרענטפערען: — אדרבא, איך וויל אויך פאַרבעשערען מיין לאַגע, איך ארבעט אזוי שווער ווי איר אַלע, און מיינע שכירות זענען ניט גרעשער ווי אייערע.

ווען ס'איז געוואָרען שטיל, האָט זיך יאַנקעלע אויפגעשטעלט און געפרעגט: — געהען מיר ארויס אין סטרייק?

— יאָ! — האָבען אַלע געענטפערט.

— איך אויך! — האָט אויסגעשריגען דער איד מיט דער רויטער באָרד. זיין פאַרשפעטיגטער "איך אויך!" האָט ארויסגע־רופען אַ געלעכטער צווישען עולם. עס האָט אויסגעקוקט, ווי ער האָט געוואָלט אז מען זאָל הערען, אז ער גיט אויך זיין צושטימונג.

נאָכדעם ווי יאַנקעלע האָט אָנגעפירט דעם סטרייק איבער אַ וואָך, זענען די ארבעטער ארום די זיגער.

יאַנקעלע'ס נאָמען האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען צוויי־

שען אַרבעטער. אין יעדען פאַבריק האָט מען גערעדט וועגען אים ווי פון אַ דערלייזער. ער האָט אָנגעהויבען באַקומען איינלאַדונגען פון פילע פאַבריק־אַרבעטער, ער זאָל ווערען זייער פירער, און ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט.

עס האָבען אָנגעהויבען אויסברעכען סטרייקס אין אַלע טיילען פון שטאָט. קיין סטרייק איז ניט דורכגעפירט געוואָרען אָן יאַנ־קעלען. ער איז געוואָרען דער פירער פון די אַרבעטער, זייער באַ־שיצער און זייער פרייהייטס־קעמפּער. זיין נאָמען איז געווען ביי יעדען אויף די ליפּען, סיי ביי די אַרבעטער און סיי ביי די באַלע־באַטים. די אַרבעטער האָבען אים פאַרגעטערט, אָבער די באַלע־באַטים האָבען אים גערופען: יאַנקעלע דער בונטאָווששיק.

עס זענען אַוועק אַ פּאָר יאָר, און יאַנקעלע איז געוואָרען אַ לאָיער. יעדעס מאָל וואָס ער איז אויפגעטראָטען אין געריכטס־זאַל, מערסטען פאַר אַרבעטער און אָרימע, איז דאָס געריכט געווען גע־פּאַקט מיט מענטשען. יעדער איינער האָט געוואָלט הערען זיינע קלוגע ווערטער. זיין ראַנגלען זיך מיט'ן פּראָקוראָר, זיין פעסטע שטימע, זיינע קלוגע איינפאַלען, האָבען אַלע מאָל געווירקט אויפ'ן ריכטער און די געשוואוירענע, און יאַנקעלע איז אַלע מאָל אַרויס דער זיגער.

עס זענען אַוועק נאָך אַ פּאָר יאָר, און יאַנקעלע איז באַרימט געוואָרען אַלס אַ גרויסער לאָיער. יעדען טאָג איז ער געווען פאַר־נומען אין געריכט מיט גרויסע "קייסעס" און ער איז רייכער גע־וואָרען פון טאָג צו טאָג.

אַ גרויסער סטעפּ פון יונגע לאָיערס האָבען געאַרבעט אין זיין גרויסען אָפיס פאַר הונגער־שכירות. ער האָט שוין פאַרגעסען אין זיינע פייערדיגע רעדעס, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַלטען פאַר די אַרבעטער, — אַז דער באַלעבאָס ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג אויפ'ן חשבון פון די געבויגענע פּלייצעס פון דעם אָרימען אַרבעטער.

איינמאָל, איז אין יאַנקעלע'ס רייכען אָפיס אַריינגעקומען אַן אָרימער אַרבעטער און זיך נאָכגעפרעגט אויף אים.

— איך קענט אים נישט זעהן, ער איז זעהר פארנומען, האָט אים אַ יונגער לאַיער געענטפערט.

— איך מוז אים זעהן וועגען זעהר אַ נויטיגען ענין, און וועל נישט אוועקגעהן פון דאַנען, ביז מען וועט מיך נישט צולאָזען צו מר. ראַטנער׳ן, האָט דער ארבעטערר געזאָגט.

ווען מ׳האָט אים ענדליך צוגעלאָזען, האָט ער אים דערצעהלט, אַז זיין לענדלאָרד וויל אים ארויסוואַרפען פון זיינע קליינע צימער־לעך נאָר דערפאַר, וואָס ער קאָן אים ניט צאָלען קיין גרעסערע רענט ווי ביז איצט. דער אָרימער ארבעטער האָט געפאָדערט פון יאַנקעל־לען, אַז ער זאָל געהן פאַר אים אין געריכט.

— איך בין זעהר פארנומען, און קאָן זיך נישט אָפּגעבען מיט אַזעלכע זאַכען, האָט דער גרויסער לאַיער אים געענטפערט. ער האָט ארויסגענומען פינף דאלאר, אים דערלאַנגט און געזאָגט: — אָט האָט איר פינף דאלאר, וועט איר זיך אָנשטעלען אַן אַנדער לאַיער.

— איך בין נישט געקומען נאָך קיין נדבה צו אייך, נאָר איר זאָלט זיך פאַר מיר איינשטעלען, בין איך געקומען בעטען.

— איך בין זעהר פאַרנומען... האָט דער לאַיער אים נאָכאמאָל געזאָגט און ארייננגעשריגען אין צווייטען צימער: — נעקסט!

דער ארבעטער האָט פארשטאַנען, אַז מען דאַרף געהן... און אויפ׳ן אָרט פון אַ גוטען טאָג, האָט ער צו זיך געזאָגט: — אַזוי איז דאָס שוין, יעדערער ארבעט זיך ארויף אויפ׳ן חשבון פון אר־בעטער, און מיט שטילע טריט האָט ער פאַרלאָזט דעם אָפּיס.

יאַנקעלע, וואָס האָט דערהערט די ווערטער, איז געבליבען זיצען אַ פאַרשעמטער. ער האָט אַרונטערגעלאָזט זיין קאָפּ אויף די הענט און זיצענדיג אַ פאַרטראַכטער, האָט ער זיך אַליין, ווי דורך אַ נעפּעל דערזעהן שטעהן צווישען די ארבעטער, און מיט זיין פעסטער שטימע האָט ער געדונערט:

„— מיר דאַרפען קעמפען פאַר אונזער עקזיסטענץ! מיר טאָרען נישט אוועקגעבען אונזער גאַנצען לעבען פאַר —"

ווי גוט עס איז דאַן געווען, האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט: דאַן פֿלעג איך עפּעס קריגן פֿאַר מיין אַרבעט, און וואָס קריג איך איצט? . . .

ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און נאָכאַמאָל אַריינגע־שריגן אין צווייטן צימער: — נ ע ק ס ט !

די ברידער האָבען שלום געמאַכט

ווען מר. זלאטקין האָט געפייערט זיין פופציג יאָריגען געבורטסטאָג, האָט ער איבערגעגעבען זיין קליידער־פאַבריק צו זיינע צוויי פאַר־הייראַטע זין, סעמ׳ען און מעקס׳ען, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אים. יעדער פון זיי איז געווען ווי אַ געטרייער סאָלדאַט אויף זיין פּאָסט, און עהרליך אויסגעפירט זיין אַרבעט. די צוויי ברידער זענען געווען איבערגעגעבען צום פאָטער מיט לייב און לעבען. זיין וואָרט איז ביי זיי געווען הייליג, און די זעלבע געטריישאַפט איז געווען צווישען די ברידער. פאָטער און זין האָבען גאַנץ פיינע ווירדזשעס געצויגען, און יעדער באַזונדער האָט אַ גאַנץ פיינעם לעבען געמאַכט און נאָך געשפּאָרט אַ היפּשע פּאָר דאָלאַר.

ווען מר. זלאטקין האָט זיך דערנעענטערט צו די פופציגער, האָט ער איבערגערעדט מיט זיין פרוי: — ס׳איז שוין צייט אויפ־צוגעבען ביזנעס. מיר האָבען אַ שעהנע פּאָר דאָלאַר אין די בענק, און אונזערע צוויי קינדער זענען אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון אונז. די קליידער־פאַבריק וועל איך איבערגעבען צו זיי, זאָלען זיי אַר־בעטען און שפּאָרען געלט און מיר, ״דיד דאַ באַבאַ״, וועלען פירען אַ רוהיגען לעבען. גענוג געאַרבעט, מיט אונזער קאַפּיטאַל וועלען מיר שוין קענען אויסלעבען אונזערע יאָרען אָן אַרבעט און אָן זאָרג.

— אויב דו דענקסט אַז וועסט טאָן אַ גלייכען שריט, בין איך אויך צופרידען, האָט אים זיין ווייב געענטפערט. דו ווייסט גוט, אַז איך שטים אַלע מאָל איין מיט דיין מיינונג. די פאַבריק וועסטו גיבען, ניט צו קיין פרעמדע, נאָר צו אונזערע קינדער, וועלכע זענען אונז אַזוי ליב און טייער; און צוליב וועמען האָבען מיר געאַרבעט אַלע יאָרען, אַז ניט צוליב זיי?

מאַן און ווייב האָבען אָפּגערעדט און האָבען באַשטימט, אַז די קליידער־פאַבריק וועט איבערגעהן צו זייערע קינדער.

מיסעס זלאטקין האָט געלאָזט וויסען די קינדער, אַז קומענדען זונטאג מאַכט זי אַ שמחה פאַר זייער פאָטער׳ס פופציג־יאָריגען געבורטסטאָג און זיי זאָלען קיין באַשטעלונג מיט קיינעם ניט מאַכען.

דאָס זעלבע האָט זי געלאָזט וויסען צו אייגענע און גוטע פריינד.

זונטאָג איז דאָס הויז געווען געפּאַקט, די געסט האָבען זיך געלאָזט וואוילגעהן, און יעדער איינער איז געווען אין אַ געהויבע־נער שטימונג. ווען אַלע געסט זענען געזעסען ארום גרויסען שעהן־געדעקטען טיש, האָט מר. זלאטקין געגעבען אַ וואונק צו זיין פרוי. זי האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, און אים דערלאַנגט די פּאַפּירען וואָס זענען געווען אויסגעמאַכט ביי אַ לאָיער.

מר. זלאטקין האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און גע־בעטען ביי זיינע געסט אים אויסהערען, ווייל ער וויל זאָגען עט־ליכע ווערטער. ביים טיש איז געוואָרען שטיל און יעדער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויערען צו הערען וואָס דער בעל שמחה וויל זאָגען. מר. זלאטקין האָט אָנגעהויבען: — היינט, צו מיין פופ־ציגסטען געבורטסטאָג, האָב איך מיט מיין פרוי באַשלאָסען אוועק־צוגעבען די פאַבריק צו אונזערע צוויי קינדער. די איבעריגע עט־ליכע יאָר, וואָס אונז איז נאָך באַשערט צו לעבען, קענען מיר, אַ דאַנק גאָט, לעבען רוהיג פון די אָפּגעשפּאָרטע עטליכע דאָלאַר. איך האָב מיין צייט שוין אָפּגעאַרבעט, און אַצינד טרעט איך אָפּ דעם וועג פאַר מיינע צוויי קינדער. איך גלויב אַז איר, מיינע טרייע קינדער, וועט געהן אויף דעם ריכטיגען וועג, וואָס אייער פאָטער: איר וועט זיין עהרליכע מענטשען פאַר דער וועלט און גוטע באַלע־באַטים צו די אַרבעטער.

די פּאַפּירען, וואָס ער האָט אויסגעמאַכט ביים לאָיער, האָט ער איבערגעגעבען צו זיינע צוויי זין, יעדען אַ קאָפּי. אין הויז איז געוואָרען אַ געפּליעסקעריי, קינדער און עלטערען האָב זיך געקושט פאַר פרייד און אין דער זעלבער צייט איז ביי מר. און מרס. זלאטקין געפאַלען טרערען פון די אויגען.

אין עטליכע טעג ארום האָט מען אַרונטערגענומען די שילד פון פאַבריק "מ. זלאטקין" און מ'האָט אויפגעהאַנגען אַ נייע שילד, "זלאטקין בראָס." (זלאטקין ברידער).

די ברידער האָבען געאַרבעט אין פאַבריק געטריי ווי ביז אַצינד,

און די ביזנעס איז געגאַנגען ווי פריער.

פאַטער און מוטער האָבן באַשלאָסען צו פאָרען אין זייער אַלטער היים, זיך זעהן מיט זייערע אַלטע קרובים. ווען זיי זענען צוריק געקומען, זענען זיי געווען זעהר צופרידען, וואָס ביי די קינ־דער איז אַלעס אין אָרדנונג. זיי האָבן אָנגעהויבען פירען אַ רו־היגען לעבען און די קינדער האָבן ניט פאַרפעלט קיין זונטאָג צו זיין ביי זייערע עלטערען. אַזוי איז אַוועק צוויי יאָר, שטיל און רוהיג.

איינמאָל האָבען די צוויי שוועגערינס זיך צעווערטעלט, און די יונגערע האָט דער עלטערער געזאָגט: — דו ביזט אַ יענטע. האָט דאָס איר שטאַרק פאַרדראָסען און זי האָט איר געענטפערט, אַז זי איז אַ גרינהאָרן. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט ביז זיי האָבען זיך צוקריגט. ווען סעם איז געקומען פון פאַבריק, האָט זיין פרוי אים דערצעהלט, אַז זיין טייערע שוועגערין האָט זי באַליידיגט פאַר אומזיסט און האָט זיך צעוויינט. דאָס זעלבע איז געווען מיט מעקס'עס פרוי. יעדען פון די ברידער האָט פאַרדראָסען אויף זיין שוועגערין. זונטאָג, ווען די ברידער מיט זייערע ווייבער זענען געקומען צו די עלטערען, האָבען די שוועגערינס געקוקט איינע אויף דער צווייטער ווי די הענער, ביז די עלטערע איז אַרויסגעשפּרונגען און ס'איז געוואָרען אַ קריגעריי און די ברידער האָבען זיך אויך צעווערטעלט. די עלטערען האָבען זיך אַריינגעמישט און ס'איז געוואָרען שטיל.

ווען די ברידער זענען געקומען אין פאַבריק, האָבען זיי זיך קיין גוט־מאָרגען ניט אָפּגעגעבען און זענען געווען אָנגעבלאָזען. ווען מעקס האָט איבערגעקוקט די בריוו וואָס זענען אָנגעקומען, האָט ער זיי געגעבען אַ וואָרף צו סעמ'ען אָן ווערטער. דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסען דעם עלטערען ברודער און ס'האָט אויסגע־בראָכען אַ קריגעריי, ניט ווי ביי ברידער, נאָר ווי צווישען פרעמדע. פון דאַן אָן איז ניט אַוועק קיין טאָג, אַז זיי זאָלען זיך ניט קריגען. זיי זענען זיך געוואָרען שונאים אויפ'ן לעבען. וויפיל פאָטער און

מוטער האָבען גערעדט און געוואָלט מאכען שלום צווישען די ברי־
דער, האָט עס ניט געהאָלפען. ס'איז דערגאַנגגען דערצו, אַז די
ברידער האָבען זיך צוטיילט מיט דער פאַבריק. דער עלטערער
האָט ארויסגעצאָלט דעם יונגערען און ער איז אוועק פאַר זיך אין
ביזנעס.

ווען ס'איז געקומען זונטאג איז איין זון געקומען צו די על־
טערען ווען דער צווייטער איז אוועק, און צוזאמען האָבען זיי ניט
געוואָלט זיין.

ווען סעמ'ס באָי איז בר־מצוה געוואָרען, האָבען די עלטערען
אים געבעטען און געוויינט, אַז ער זאָל איבערבעטען זיין יונגען
ברודער און זיי האָבען גע'פועל'ט ביי אים, אַז ער זאָל אים געהן
בעטען צו דער בר־מצוה. אָבער מעקס האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער
האָט געזאָגט צו זיינע עלטערען: — ער האָט מיך ארויסגעוואָרפען
פון פאַבריק און איך בין איבער אים געבראָכען, זאָל איך געהן צו
אים אויף דער שמחה? אַזוי לאַנג ווי איך לעב וועל איך זיך מיט
אים ניט איבערבעטען; און איז ביי דער בר־מצוה ניט געווען.

די מוטער איז פאַר צרות קראַנק געוואָרען און איז געליגען אַ
שטיק צייט אויף הארץ־אַטאַקעס. די קינדער זענען געקומען יעדען
טאָג זעהן די מוטער, אָבער איינער האָט אויסגעמיידט דעם צווייטען.
אַזוי האָט די מוטער אַ גאַנץ יאָר געליטען אויף די האַרץ־אַטאַקעס,
ביז זי איז געשטאָרבען.

דער טויט איז אָבער שטאַרקער פון לעבען; וואָס דאָס לעבען
האָט ניט געקענט טאָן, האָט דער טויט באַוויזען.

וויפיל די מוטער האָט ביים לעבען געבעטען די קינדער זיי
זאָלען זיך איבערבעטען, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפען. מיט זייער
ברוגז האָבען זיי איר לעבען צובראָכען און האָבען זיך ניט געוואָלט
אונטערגעבען.

מעגליך אַז די ברידער זענען ניט אַזוי פיל שולדיג געווען, ווי
זייערע ווייבער, וועלכע האָבען די גאַנצע צייט געגאָסען בוימעל
אויפ'ן פייער.

ו. דיקער

א סימן האָבען מיר: ווען סעם, דער עלטערער ברודער איז געשטאַנעןביים בעט פון זיין טויטער מוטער און געוויינט, איז זיין יונגערער ברודער אַרויפגעפאַלען אויף זיין האַרץ מיט אַ געוויין און אויסגעשריגען: — סעם, מיר האָבען שוין מער ניט קיין מאַמען!

אין דער צייט זענען די ברידער ניט געווען אונטער'ן איינדרוק פון זייערע ווייבער, נאָר אונטער דעם איינדרוק פון דעם טויט, וואָס איז געווען שטאַרקער פון זייערע ווייבער'ס קאַפּריזען.

און זיי האָבן געוואַרט

עס איז פּונקט פינף נאָכמיטאָג. די גאַסן אין אַרבעטער־געגענד זענען געפּאַקט מיט מענטשן. מען לויפט פון דער אַרבעט מידע און פאַרשוויצטע. מענער מיט די רעקלעך אויף די הענט, די קאָל־נערס פון די העמדער צושפּיליעט, מיט אַנטבלויזטע ברוסטען, און פרויען — אין זומערדיגע, דין־דורכזיכטיגע קליידער.

מען לויפט, מען שטופּט זיך, איינער וויל איבעריאָגן דעם צווייטן און פריער אַריינלויפן אין סאָבוויי צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ דאָרטן. יעדערער וויל וואָס שנעלער זיין אין דער היים, זיך אָפּ־רוהען פון אַ שווערן טאָג־אַרבעט, אָדער געהן ערגעץ פאַרברענגען.

אין דעם וויכער פון מענטשן האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ מאַן; ער האָט זיך ניט געיאָגט, ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם. מיט אַ גע־בויגענעם קאָפּ איז ער געגאַנגען טראָט ביי טראָט. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך ניט געאיילט. דער פּנים איז געווען פאַרשוואַרצט, זיינע אויגען — טיף אַריין אין קאָפּ, און די פּלייצעס געבויגן.

ער האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן זיין גע־בויגענעם קאָפּ און אַריינגעקוקט אין פּנים יעדן יונגערמאַן וואָס איז אים פאַרביי־געגאַנגען. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג, יעדן איינעם אָפּצושטעלן און פרעגן, ווער זיי זענען און וואוהין זיי לויפן? אָבער ער האָט דאָס נישט געטאָן, ווייל ער האָט מורא געהאַט מ׳זאָל ניט פאַרדעכטיגן, אַז ער איז משוגע...

יעדן פאַרנאַכט, ווען מ׳איז געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט ער געטאָן דאָס זעלבע — געקוקט און געזוכט.

וועמען האָט ער געזוכט און אויף וועמען האָט ער געוואַרט?

מר. זאַליץ און זיין פרוי האָבן אַמאָל געהאַט אַ זון פון אַ יאָר אַכצען; לואי, האָט מען אים גערופן. ווען די וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און טויזנטער יונגעלייט האָבן זיך פאַרשריבן צו געהן פאַרטיידיגן דאָס פאָטערלאַנד, איז לואי איינמאָל אַהיים געקומען און געזאָגט צו זיינע עלטערן, אַז ער געהט זיך פאַר־

שרייבען אין מיליטער.

די מוטער, דערהערענדיג דאָס, האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין: — ווער מען האָבען מיר א חוץ דיר? אז דו וועסט אוועק, וואָס וועלען מיר טאָן אָן דיר? אונזער לעבען וועט פארשטערט ווערען, ווייל מיר לעבען נאָר צוליב דיר...

— אין אזא צייט קען מען ניט זיצען אין דער היים מיט פאר־לייגטע הענט, האָט דער זון געענטפערט. — איך מוז געהן קעמפען פאַר אונזער פאָטערלאַנד!

עס האָט ניט געהאָלפען דאָס געוויין און געבעט פון זיינע על־טערען. לואי איז אוועק אויפ׳ן פראָנט צו פארטיידיגען זיין פאָ־טערלאַנד, דאָס לאַנד וואו ער איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען.

פוסט און אומעטיג איז געוואָרען אין הויז. די מוטער איז ארומגעגאַנגען גאַנצע טעג ווי א קלאָג־מוטער און אירע אויגען האָבען ניט געטרוקענט. זי האָט ארומגעבלאָנקעט פון צימער צו צימער און באַטראַכט יעדעס ווינקעלע וואו איר זון איז אמאָל גע־זעסען, געשטאַנען; — אָט דאָ, האָט זי צו זיך געזאָגט, איז ער אמאָל געזעסען ביים טיש, ווען ער האָט געלייענט, און דאָ אויפ׳ן בעט איז ער געשלאָפען. — קינד מיינס, איז זי צוגעפאַלען צום בעט. זי האָט מיט ביידע הענט ארומגענומען די קישען און ביטער געוויינט. דער פאָטער איז ארומגעגאַנגען פארזונקען אין זיינע געדאַנקען און שטילערהייט געזיפצט און געקרעכצט.

עס איז אוועק א קורצע צייט, און עס האָבען אָנגעהויבען קומען פון לואי׳ן פרעהליכע און גוטע בריוו. זיינע בריוו האָבען די עלטערען געלייענט מיט פרייד און מיט טרערען: טרערען ווייל זיי זעהען ניט זייער קינד, און פרייד, וואָס ער לעבט און איז געזונט.

עס איז אוועק א לענגערע צייט, און בריוו פון לואי׳ן זענען אָנגעקומען וואָס ווייניגער, ביז ער איז אינגאַנצען אָנטשווינגען געוואָרען.

די עלטערען האָבען געשריבען בריוו נאָך בריוו, געזוכט, זיך

נאָכגעפרעגט, אָבער אומזיסט. זייער איינציג קינד האָט זיך מער ניט אָפּגערופען. לאַנג האָבען זיי געוואַרט אויף זייער בן־יחיד, אָבער זיי האָבען פון אים ניט געהערט. די מוטער איז געזעסען טאָג און נאַכט און געוואַרט אויף איר קינד, זי איז גרוי געוואָרען וואַרטענדיג. זי איז אָפט געזעסען ביים פענסטער און אַרויסגעקוקט, צי איר זון קומט. זי איז ווי פאַרשטיינערט געוואָרען זיצענדיג אויפ׳ן שטול, ביים פענסטער, אָבער זי איז געזעסען און האָט געוואַרט.

דער פאָטער איז געווען ווי פון זינען. בייטאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אויפ׳ן בית־עולם, געזוכט צווישען די קברים, איבערגעלייענט יעדע מצבה, באַטאַפּט יעדער פריש בערגעלע ערד און איבערגעלייענט די נעמען אויף די ברעטלעך פון די פרישע קברים, דענקענדיג, אפשר ליגט דאָרט זיין איינציג קינד. יעדען פאַרנאַכט, ווען די אַרבעטער זענען געגאַנגען פון דער אַרבעט, איז ער אַוועק אין יענע געגענדען זוכען זיין זון. — אפשר לעבט ער און וויל זיך נישט באַווייזען? האָט דער אַלטער פאָטער געטראַכט. יעדען יונגענמאַן האָט ער אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין. ער האָט געגאַרט יעדען איינעם פון זיי אָפּצושטעלען, פרעגען: ווער ער איז, אפשר איז איינער פון זיי, זיין זון, נאָר ער דערקענט אים נישט?

אזוי האָט ער אַרומגעבלאָנקעט, ביז ער איז אַהיים געקומען אַ מידער, אַ צובראָכענער. ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט זיין פרוי אויף אים אָנגעשטעלט די אויסגעוויינטע אויגען און געפרעגט: — נו? . . .

— ניין, ער איז ניט טויט, ער לעבט, נאָר מ׳דאַרף אים זוכען, האָט ער מיט זיכערקייט געענטפערט.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער צווייטער שטול, נעבען זיין פרוי, און זיי זענען ביידע געבליבען זיצען פאַרגליווערטע. שטום, אָן וואַרטער, האָבען זיי ביידע געקוקט אויף דער טיר; אפשר וועט זי זיך עפענען און זייער זון וועט אַריינקומען? אזוי זענען זיי אָפּגעזעסען ביז שפּעט אין דער נאַכט. די טיר האָט זיך ניט גע־

עפענט, דער זון איז ניט געקומען; און זיי האָבען געוואַרט.

* * *

ערגעץ ווייט, פון יענער זייט ים, אויף אַ גרויס פעלד וואָס ליגט ביי די פיס פון אַ הויכען באַרג, ליגען צעוואָרפען קליינע בערגלעך ערד, איבער זיי שטעהען איינגעגראָבען הילצערנע מצבות, מצבות אָן נעמען. אונטער די טרוקענע בערגלעך ערד ליגען באַגראָבען יונגע, ניט דערוואַקסענע קינדער; יונגעלייט, וועלכע האָבען ערשט אָנגעהויבען אַרויסגעהן אין לעבען, אויף וועלכע מוטערס האָבען נאָך ניט אויפגעהערט צו וויינען.

איצט ליגען די יונגע קינדער אונטער די טרוקענע בערגלעך ערד און וואַרטען. זיי וואַרטען אויף זייערע מוטערס, זיי זאָלען קומען אָפּפרישען מיט זייערע טרערען די פאַרטרוקענטע בערגלעך ערד. אָבער זיי קומען ניט, און די קינדער ליגען דאָרטען — און זיי וואַרטען.

צו שפּעט

עוועלין איז געווען די יונגסטע טאָכטער פון דאָקטאָר וואַלגין. זי האָט געענדיגט הייַ־סקול מיט אַן אויסצייכענונג, אָבער אין קאָלעדזש האָט זי ניט געוואָלט געהן.

עוועלין האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שרייבען, און פון צייט צו צייט האָט מען געזעהן איר׳ן אַן אַרטיקעל אין אַ צייטונג. זי פּלעגט זיך אָפּט דרעהן אין דער שרייבער־וועלט, ווייל זי האָט דאָס וועלטעל זעהר ליב געהאַט. אַלע אירע טעג האָט זי פאַר־בראַכט אויף בראָדוויי צוזאַמען מיט די שרייבער און אַקטיאָרען, און שטענדיג איז זי אַהיים געקומען אַ צופרידענע.

איינמאָל האָט עוועלין זיך באַקאַנט מיט אַ אידישען שרייבער, מאַניעץ, און ווען זי האָט מיט אים פאַרבראַכט אַ פּאָר שטונדען, איז זי באַגייסטערט געוואָרען פון אים. זי האָט קיינמאָל ניט גע־דענקט, אַז אין דער אידישער שרייבער־וועלט געפינען זיך אַזעלכע גרויסע טאַלאַנטען, און פון גוטע טאַלאַנטען אויף דער אידישער בינע האָט זי אַוודאי ניט געוואוסט, ווייל זי איז קיינמאָל ניט געווען אין קיין אידישען טעאַטער.

ווען עוועלין האָט זיך אין אַ צייט אַרום נאָכאַמאָל באַגעגענט מיט׳ן אידישען שרייבער מאַניעץ, האָבען זיי ביי אַ גלאָז קאָפע זיך נאָכאַמאָל צורעדט פון דער אידישער שרייבער־וועלט, ווייל זי האָט זעהר געוואָלט וויסען דאָס לעבען פון די אידישע שרייבער און האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט זיי.

— וואו קומען זיך צוזאַמען די אידישע שרייבערס? האָט זי געפרעגט ביי מר. מאַניעץ.

— אויף דער אידישער בראָדוויי, האָט ער איר געענטפערט.

— וואו געפינט זיך די אידישע בראָדוויי? האָט זי איבער־געפרעגט.

— אויף דער צווייטער עוועניו.

— איך וואָלט זיך זעהר געוואָלט באַקענען מיט די אידישע שרייבער, ווייל נאָך אייערע ווערטער פאַרשטעה איך, איז דאָס

אידישע שרייבער־וועלטעל זעהר אינטערעסאנט. און די אידישע בראָדוויי דאַרף זיין זעהר א פרעהליך ווינקעל, האָט זי צוגעגעבען.

— פונקט ווי איר זענט געווען דערביי, האָט מר. מאַניעץ געענטפערט. זיי האָבען אָפגעמאַכט זיך צו טרעפען מאָרגען אין דער זעלבער צייט, און געהן אויף דער צווייטער עווענו.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מר. מאַניעץ זיך באַגעגענט מיט עוועלין. זי איז געקומען אַן אויסגעפּוצטע, א שטראַלענדע; איר פּנים האָט געשיינט מער ווי אַלע מאָל.

— עפּעס איז ביי מיר היינט ווי א יום־טוב, האָט זי געזאָגט צו מר. מאַניעץ.

— אוודאי א יום־טוב, האָט ער באַמערקט, ווייל איר געהט זיך באַגעגענען מיט א נייער וועלט, מיט נייע אינטערעסאַנטע מענטשען, מיט מענטשען וועלכע שאַפען פאַר דער אידישער וועלט לוסט און לעבען, מענטשען וואָס פאַרפלאַנצען די אידישע ליטע־ראַטור און קולטור אין אידישע הערצער.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס, עפּעס פיל איך אצינד אזוי גוט, און אזא זיסע ווארימקייט, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפילט.

ווען מר. מאניעץ און עוועלין זענען אריין אין קאפע הויז "דאָס אידישע ווינקעל" אויף דער צווייטער עווענו, איז דאָרט געווען געפּאַקט מיט מענטשען. ביי יעדער טישעל זענען געזעסען פיר־־פינף מענטשען. יעדער גרופּע מענטשען איז געווען פאַרטיפט אין געשפּרעכען. יעדער פון זיי האָט געהאַלטען א פּאַק פּאַפּירען אָדער א בוך און געטייטעלט אין אים מיט א פינגער.

ביי יעדען טישעל האָט מען גערעדט אזוי הארציג, אז ווען א געשעפטסמאַן וואָלט אריינגעקומען וואָלט ער געדענקט, אז דאָ פאַרהאַנדעלט מען וועגען געשעפטען, וואָס באַטרעפען גרויסע טויזענטער. און צום סוף האָט מען נאָר גערעדט עפּעס פון שרייבען, פון דעם אָדער יענעם בוך, וואָס דער אָדער יענער שרייבער האָט ארויסגעלאָזט, אָדער פון א דראַמע, וואָס ווערט אצינד אויפגעפירט. א טייל גרופּעס זענען געזעסען ביי טישלעך מיט העפטען אין די

הענט, וואָס האָבען אויסגעקוקט ווי ראָלען, און האָבען אָנגעוויזען אויף אייניגע שטעלען און געלויבט דעם שרייבער פאַר זיינע זיסע ווערטער. ס'איז דאָרט געווען אַזוי אינטים, אַזוי וואַרעם, און יעדער האָט זיך געפילט אַזוי היימיש, פּונקט ווי שוועסטער און ברידער, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען און ריידען זיך איבער מיט ליבשאַפט, געטריישאַפט און איבערגעגעבענהייט.

די קעלנער זענען געלאָפען פון טיש צו טיש. ווער ס'האָט געבעטען אַ גלאָז ביר און ס'איז געשטאַנען ביז ס'איז וואַרים גע־וואָרען, און ווער אַ גלאָז טיי און ס'איז געשטאַנען ביז ס'איז קאַלט געוואָרען. אַזוי איז יעדער געווען פאַרטיפט אין די געשפּרעכען, וואָס מ'האָט געפירט ניט פון גרויסע טויזענטער, נאָר פון ביכער, מאַנוסקריפּטען אָדער ראָלען.

ווען עוועלין איז אַריינגעקומען מיט איר באַגלייטער, האָט יעדער אויפגעהויבען די אויגען און באַטראַכט דעם נייעם גאַסט, וואָס איז געקומען מיט מר. מאַניעץ.

— דאָס איז מיס וואַלגין, האָט מאַניעץ אויסגערופען.

— כדי צו זיין מער היימישער, רופט מיך עוועלין; אַזוי רופען מיך מיינע אַלע פריינט, האָט זי אונטערגעכאַפּט.

דער עולם האָט באַלד איבערגעריסען זייערע געשפּרעכען און זי באַגריסט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל, ווייל אירע זיסע און קלינגענדיגע ווערטער זענען געווען זעהר שעהן און האַרציג אַרויס־געזאָגט.

דער עולם איז געוואָרען לוסטיג צוליב דעם נייעם גאַסט. מ'האָט אָנגעהויבען באַשטעלען עסען און טרינקען, און ס'איז גע־וואָרען לעבעדיג. ווער ס'האָט געזאָגט אַ וויץ, און ווער אַ גלייך־ווערטעל, און פרעהליכע געלעכטערס האָבען זיך געהערט פון אַלע זייטען.

יונגעלייט האָבען אָנגעהויבען וואַרפען אויגען אויף עוועלין, ווייל איר שעהן פּנים און איר שעהנע פיגור האָט יעדען געמאַכט צו קוקען אויף איר. פילע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע

טישלעך און זיך ארומגעשטעלט דעם גרויסען טיש, וואו עוועלין איז געזעסען מיט מאניעצ׳ן און אנדערע שרייבער.

עוועלין איז זעהר געפעלען געוואָרען דאָס אידישע ווינקעל און זי האָט אָפט אָנגעהויבען אריינקומען. ביסלעכווייז האָט זי זיך באַקענט מיט אַלע שרייבער און אַקטיאָרען און איז געוואָרען אַ טייל פון זיי. פאַר יעדען האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, פאַר יעדען אַ שמייכעל, און אַזוי האָט זי ביי יעדען אויסגענומען און געוואונען ליבשאַפט, און איז אַלע מאָל געווען דער צענטער פון ״אידישען ווינקעל״.

עוועלין האָט זיך אַזוי איינגעלעבט אין דער אידישער שרייבער־וועלט, אַז זי האָט שוין ניט געפונען פאַר נויטיג צו באַזוכען אַנדערע פּלעצער.

איינמאָל, זיצענדיג מיט אירע עלטערען אין דער היים, האָט זי צו זיי געזאָגט:

— אַי איז דאָס אַ טייער וועלטעל ביי די אידישע שרייבער און אַקטיאָרען! תמיד לוסטיג און פרעהליך. דאָס איז דער בעסטער טיפּ מענטש, וואָס די אידישע וועלט פאַרמאָגט. קיינמאָל ניט גע־זאָרגט און ניט גע׳דאגה׳ט. עס ווייסט ניט פון קיין שווינדעל און אָפּנאַרעריי. וואָס איז אויף דער לונג איז אויף דער צונג, ברי־דערליך מיט יעדען איינעם, דאָס לעצטע ווערט ער דיר אוועקגעבען. נעמט למשל די ביזנעס־וועלט: דעם קרעמער, דעם ריעל־עסטייט־מאַן, אָדער דעם באַנקיר; אַלע זוכען נאָר אָפּצונאַרען. זיי ווילען דאָס געלט און ווילען די סחורה. אָבער די שרייבער, די אַקטיאָרען, זיי זוכען ניט צו נאַרען די מענטשען; זיי ווילען און גיבען נאָר דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגען. זיי גיבען אוועק זייער סחורה און קריגען גאָרנישט; פאַר זייער אַרבעט קריגען זיי נאָר פּענים.

ווען עוועלין איז דאָס ערשטע מאָל אריינגעקומען אין אידישען ווינקעל, איז דאָרט געזעסען דער יונגער אַקטיאָר טאַמאַרין. טאַמאַ־רין איז געווען זעהר אַ שעהנער בחור, און ניט איין מיידעל וואָלט

זיך געווען געשעצט גליקליך צו הייראַטען מיט אים, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט פאַנגען.

ער פלעגט זאָגען: איך האָב גענוג ווייבער אויף דער בינע, און בין צופרידען ווען איך בין אין דער היים אַליין. אָבער ווען ער האָט דערזעהן עוועלין, איז ער פאַרציטערט געוואָרען, און איר שעהנקייט האָט אים פאַר׳כשופ׳ט.

— עוועלין מוז זיין מיין געזעצליכע פרוי, האָט ער צו זיך געזאָגט.

ער האָט ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבען איר וואַרפען אין די אויגען. ניט צופיל, זי פאַרבייגעגאַנגען, איר געגעבען אַ ברען מיט זיינע פייערדיגע אויגען און אוועק ווייטער, אַ לייכטען שמייכעל איר געשענקט, און געלאָפען ווייטער.

טאַמאַרינ׳ען דאַרף מען ניט לערנען ווי צו פאַנגען אַ מיידעל׳ס האַרץ, ער איז אַ געניטער אין די זאַכען. דערפאַר ווייסט ער ווי אַזוי פון אַ פונק צו מאַכען אַ גרויס פייער, מ׳קען זיך שוין אויף אים פאַרלאָזען, ער דאַרף נאָר ווילען. און אַז ער וויל, שטעלט ער שוין אָן אויף יענעם זיינע שוואַרצע אויגען, וועלכע דרינגען אַריין גלייך אין האַרצען ווי שפּיזען, און זיין זיסער שמייכעל היילט דאָס פאַרוואונדעטע האַרץ.

אַזוי האָט טאַמאַרין געוואָרפען פונקען אין עוועלינ׳ס האַרץ ביז ס׳האָט זיך אָנגעצונדען.

ווען טאַמאַרין איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס מיט עוועלין אויף אַ שפּאַציר, האָט ער זי לייכט אָנגענומען פאַר דער האַנט און דערנאָך האָט ער זי אויף אַן איידעלען אופן צוגעדריקט צו זיך. זי האָט גע־געבען אַ לייכטען ציטער און אַן אָנגענעמענע וואַרימקייט האָט זיך צושפּרייט איבער אירע גלידער. זי האָט זיך ניט געוועהרט, נאָר זי האָט זיך פעסטער אָנגעשפּאַרט אויף זיין קרעפטיגער האַנט און מיט אַ שמייכעל האָט זי באַמערקט:

— ווען אַ געניט אויג פון אַ שרייבער זעהט אונז אַצינד, וואָלט ער אָנגעשריבען אַ ראָמאַן.

— וואָס דאַרפֿען מיר אַ שרייבער זאָל דאָס אָנשרייבען, ווען מיר קענען דאָס דורכפּירען אין לעבען, האָט ער באַמערקט, האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט.

עוועלין איז ניט געוועזן קיין שעמעוודיגע, אָבער נאָך די ווער־טער האָט זי זיך אַ ביסעל פֿאַררויטעלט, און דאָס האָט איר צו־געגעבען פֿיל חן, ווייל איר ליכטיג־בלאָנדע האָר און די הימעל־בלויע אויגען האָבען זעהר האַרמאָנירט צו איר עטוואָס רויטלעך, אָדער בעסער געזאָגט, ראָזאַווע פּנים.

ווען זיי זענען צוריק אַריין אין קאָפֿע־הויז, האָבען זייערע פּנים׳ער געשטראַלט, און מ׳האָט געקענט גלייך דערקענען וואָס צווי־שען זיי איז פֿאָרגעקומען. די אַרומיגע האָבען געשמייכעלט מיט צופֿרידענע פּנים׳ער און אייניגע האָבען אפֿילו באַמערקט, אַז דאָס וואָלט געווען זעהר אַ שעהן פּאָרעל.

ווען עוועלין האָט באַמערקט די שמייכעלדיגע פּנים׳ער און דאָס שושקען צווישען זיך, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אויף איר חשבון, און האָט זיך נאָך מער גערויטעלט ווי פֿריער.

ס׳איז אַוועק אַ פּאָר וואָכען און עוועלין האָט געזעהן, אַז טאָמאַרין איז אין איר פֿאַרליבט. האָט זי באַשלאָסען איבערצור־ריידען מיט אירע עלטערען וועגען דעם. איינמאָל, זיצענדיג מיט זיי, האָט זי געזאָגט צו איר פֿאָטער, ווייל ער איז צו איר אַלעמאָל געווען בעסער ווי איר מוטער: — פּאַפּאַ, אין מיר איז פֿאַרליבט אַ יונגערמאַן; ער איז אַן אַקטיאָר אויף דער אידישע בינע.

די מוטער, דערהערענדיג דאָס, האָט זיך אָנגעהויבען קאָכען:

— וואָס הייסט! האָט זי געזאָגט: דאָקטאָר וואַלגין׳ס טאָכ־טער מיט אַן אַקטיאָרעל עפּעס.

דער פֿאָטער, זעהר אַן אינטעליגענטער און קלוגער מענטש, האָט איינגעשטילט זיין פֿרוי, ווייל ער האָט געוואוסט, אויב ער וועט ניט צושטימען צום שידוך, וועט זיין טאָכטער אָן זיי חתונה האָבען און ער וועט זיך דערנאָך מיט זיי איבערבעטען און וועט בלייבען אַן אומזיסטער נאַר. אָבער ער האָט זיך באַלד ניט אונ־

טערגעגעבען, נאָר אָנגעהויבען צו ריידען מיט גוטען און גענעבען איר צו פאַרשטעהן:

— איך דענק, האָט ער איר געזאָגט, אַז אַן אַקטיאָר דאַרף חתונה האָבען מיט אַן אַקטריסע, וועלכע איז אַלעמאָל מיט איס אויף דער בינע. אויב זי ווערט אים נמאס אין לעבען, האָט ער זי כאָטש ליב אויף דער בינע. אויב ער מאַכט איר מער ניט קיין קאָמפּלימענטען אין לעבען אָדער ער קושט זי מער ניט, טוט ער איר דאָס אויף דער בינע.

און אַז דו וועסט אים נמאס ווערען, וועסטו שוין פון אים קיין גוט וואָרט ניט הערען. ער וועט אהיים קומען פון טעאַטער שפּעט אין דער נאַכט אַן אָנגעקושטער, אַן אָנגעליובעוועטער אויף דער בינע, וואָס ער טוט דאָס ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, ווייל זיין פּראָפעסיע פאָדערט דאָס. אויב ער וועט דיך אפילו ניט אויפהערען ליב האָבען, איז ער פּונקט ווי אַ קעלנער, וועלכער קומט אהיים פון רעסטאָראַן און זיין ווייב זאָל אים גיבען עסען, וואָס פונ׳ם ריח אַליין פון אַזוי פיל עסענס, וואָס ער טראָגט איבער אַ גאַנצען טאָג, קען ער אויך זאַט ווערען.

— ניין, טאַטע, האָט זי געענטפערט, ער איז ניט אַזוינער, ער איז צופיל אינטעליגענט און פיין, ער שטעהט אַ סך העכער פון אַזעלכע זאַכען. אויב דו באַשטעהסט, וועט ער מאָרגען דאָ זיין און דו וועסט זיך איבערציייגען אין דעם.

— קיין מענטשען שטופּ איך נישט אַרויס פון הויז, בפרט דיין פריינד, אוודאי ניט, האָט ער גוטמוטיג געזאָגט.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט טאַמאַרין פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה מיט עוועלינ׳ס עלטערען. ער האָט זיך געהאַלטען מיט ווירדע און רעספּעקט, און זיין אינטעליגענטע באַנעמען זיך האָט אַזוי פיל געווירקט אויף מר. וואַלגין, אַז ער האָט גע׳פּועל׳ט ביי זיין פרוי, זי זאָל נישט זיין דאַגעגען דעם שידוך.

אין אַ קורצער צייט אַרום, האָבען עוועלין און טאַמאַרין חתונה געהאַט.

אזוי ווי ס'איז געווען ענדע סעזאן פון טעאטער, זענען זיי אוועק אויף זייער האָניג־חודש. קומענדיג אהיים פון זייער רייזע, האָבען זיי איינגעשטעלט א שעהן הויז און האָבען זיך געלעבט ווי די טייבעלאך.

ווען דער טעאטער סעזאָן האָט זיך אָנגעפאנגען, און טאמארין האָט מער ניט געקענט פארברייינגען מיט זיין פרוי אין הויז, ווייל ער איז געווען צופיל פארנומען אויף דער בינע, פלעגט עוועלין מיטגעהן מיט אים אין טעאטער און האָט דאָרט פארבראכט נעבען אים אונטער די קוליסען אָדער צווישען פובליקום.

ס'איז אוועק א יאָר, און עוועלין האָט יעדען טאָג פארבראכט נעבען אים אין טעאטער. זיי פלעגען זיך ביידע אומקערען אהיים באלד נאָך דער ענדע פון שפיל.

עוועלין האָט אזוי לאנג פארבראכט אין טעאטער, ביז ס'איז איר נמאס געוואָרען. יעדען טאָג, די זעלבע קאָמעדיע, די זעלבע ווערטער און די זעלבע דעקאָראציע. זי האָט אָנגעהויבען פאר־ברייינגען אין דער היים. זי האָט געלייענט, געשריבען און געטאָן פארשידענע ארבעט.

טאמארין פלעגט אהיים קומען אין דער זעלבער צייט ווי פריער און פלעגט טרעפען זיין שעהן ווייבעלע ווארטען אויף אים.

ס'איז אוועק נאָך א יאָר, און טאמארין האָט אָנגעהויבען פארנאכלעסיגען זיין פרוי. ער האָט אָנגעהויבען אהיים קומען שפעט נאָך האלבע נאכט, און זיין פרוי, ניט קענענדיג זיך דער־ווארטען, פלעגט איינשלאָפען, ניט וויסענדיג אפילו ווען ער איז אהיים געקומען. ווען ער פלעגט אויפשטעהן שפעט נאָך האלבען טאָג, פלעגט ער אין איילעניש אוועק, ניט אויסריידענדיג אפילו א וואָרט צו זיין פרוי.

וואָכען און חדשים זענען אוועק, און עוועלין האָט נישט געהאט די מעגליכקייט אויסצוריידען א פאָר ווערטער צו איר מאַן, ווי אין די אמאָליגע, גוטע צייטען. זי האָט איינגעזעהן, אז איר מאַן האָט זי שוין מער נישט ליב, און זי האָט זיך דערמאנט אין

איר פֿאָטער׳ס ווערטער: ער וועט אהיים קומען פֿון דער בינע אַן אָנגעקושטער, אַן אָנגעליובעטער און אָנגעטאַנצטער, און דו וועסט אים נמאס ווערן.

איינמאָל, זיצענדיג אַזוי פֿאַרטראַכט, האָט זי איבערגעמישט די בלעטלאַך אויף צוריק צו די ערשטע טעג, ווען זי האָט זיך באַקאַנט מיט איר מאַן אין ״אידישען ווינקעל״, וויפֿיל פֿאַרהערער זי האָט דאַן געהאַט, ווי גליקליך די יונגעלייט זענען דאַן געווען, ווען זי האָט מיט זיי פֿאַרבראַכט אַ פּאָר מינוט ביי איין טישעל. — און איצט? — האָט זי ביי זיך געפֿרעגט. — איצט בין איך אָפּגעלעבט ווי אַ פֿרוי פֿון פֿופֿציג יאָר, האָט זי זיך אַליין געענטפֿערט. — ניין! — האָט זי פּלוצים אויסגעשריגען, — איך וועל מיינע יאָרען אַזוי נישט פֿאַרברייננגען!

זי האָט זיך אויף שנעל אָנגעטאָן און איז אוועק אין קאַפֿע־הויז, דאָס ״אידישע ווינקעל״. ווען זי איז אריינגעקומען, האָט מען זי אויפֿגענומען מיט פֿרייד. יעדער איינער האָט זי באַוואָרפֿען מיט קאָמפּלימענטען, זי געפֿרעגט ווי זי לעבט, צי זי שרייבט, און אַזוי ווייטער.

זי האָט ביי אַ טיש מיט אירע אַלטע פֿריינד פֿאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט און איז אהיים געקומען אַ צופֿרידענע. זי האָט זיך איצט געפֿילט פּונקט ווי אין אירע מיידעלשע יאָרען. זי האָט זיך צוריק גענומען זעהר פֿלייסיג צו איר שרייבען, און אירע אַרטיקלען האָבען זיך אָנגעהויבען באַווייזען אין די צייטונגען זעהר אָפֿט.

ווען טאַמאַרין האָט אָנגעהויבען באַמערקען אין די צייטונגען עוועלינ׳ס אַרטיקלען, האָט זיך אין אים אָנגעהויבען אויפֿוועקען צו איר די אַמאָליגע ליבע. ער האָט אָנגעהויבען אהיים קומען ווי אין די אַלטע צייטען, אָבער ער פֿלעגט ניט אַלע מאָל טרעפֿען עוועלינ׳ען אין דער היים. ער פֿלעגט וואַרטען און זיך ניט געקענט אויף איר דערוואַרטען. ערשט איצט האָט ער איינגעזעהן, אַז ער האָט פֿאַרנאַכלעסיגט זיין פֿרוי, אָבער צו שפּעט...

עוועלין האָט אָנגעהויבען יעדען טאָג באַזוכען דאָס "אידישע ווינקעל", אַ גאַנצען טאָג האָט זי געשריבען, און אין די אָוועטנטען האָט זי פאַרבראַכט אין קאַפע־הויז. זי איז ווידער געוואָרען אַ טייל פון דער שרייבער־וועלט, און איר טישעל איז געוואָרען דער צענטער אין קאַפע־הויז. זי איז אַצינד געווען נאָך שענער ווי אַמאָל. יעדער איינער האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטען, און זי האָט געענטפערט מיט אַ זיסען שמייכעל.

אין דער לעצטער צייט האָט אין "אידישען ווינקעל" אָנגע־הויבען אַריינקומען אַ יונגער שרייבער, דובין. דובין איז געווען אַ שרייבער פאַר די לעצטע פינף יאָר, און זיין נאָמען איז נאָך ניט געווען אַזוי גוט באַוואוסט, אָבער אין דער שרייבער־וועלט איז מען געווען גאָר מיט אַ הויכען מיינונג וועגען אים.

דובין האָט אויסגעקוקט ווי אַ ישיבה־בחור, וועלכער לערענט מער ווי עסט, ווייל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו עסען. זיינע פאַר'חלומ'טע, שווארצע אויגען האָבען אַרויסגעגלאַנצט פון זיין טונקעל מאַט אויסגעצערט פּנים. און זיינע שווארצע האָר זענען געווען געקרייזעלט ווי פּרוזשינקעלעך און געפאַלען אויף זיין ברייטען שטערען.

ווען עוועלין האָט דערזעהן דובינ'ס שווארצע ווי סמאָלע, פאַר'חלומ'טע אויגען, האָט זי געגעבען אַ לייכטען שמייכעל און געפרעגט:

— ווער איז דער ישיבה־בחור?

ווען מ'האָט זי באַקאַנט מיט אים, זענען זיי אין אַ קורצע צייט אַזוי באַפריינדעט געוואָרען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך שוין געקענט יאָרען לאַנג.

עוועלין האָט אָנגעהויבען זעהר אָפט פאַרברייננגען מיט אים. זיין שאַרפער מוח און קלוגע ווערטער פלעגען זי איבערראַשען, און זי האָט פיל פון אים געלערענט.

ביסלעכווייז, ניט באַמערקענדיג, איז זייער פריינדשאַפט פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין ליבע. עוועלין האָט שוין קיין טאָג ניט

געקענט פאַרברייננגען אָן אים, און אין איר מאַן האָט זי אײנגעזעצן פאַרגעסען. ער איז ביי איר שוין געווען אַן איבעריגע זאַך, פּונקט ווי זי איז ביי אים געווען ביז איצט.

איינמאָל, ווען עוועלין איז אַהיים געקומען שפּעט ביינאַכט, האָט זי געטראָפען איר מאַן ווארטענדיג אויף איר.

— וואָס האָסטו אָנגעהויבען פּאַרפאַלען צו ווערען אויף גאַנצע נעכט? האָט ער זי געפרעגט.

— צו שפּעט האָסטו זיך דערמאָנט, מיין פריינד, האָט זי געענטפערט.

— וואָס מיינסטו צו שפּעט? האָט ער זי איבערגעפרעגט.

— ווייל דיין פאַרנאַכלעסיגען מיך האָט געבראַכט דערצו. דיין אַהיים קומען יעדען טאָג דריי און פיר אזייגער אין דער פרי, און קיין וואָרט ניט אויסריידען צו מיר, ווען דו פלעגסט אויפשטעהן און באַלד אַוועק, האָט מיך אַרויסגעשטויסען פון מיין אייביגען ווארטען אויף אַ מאַן, וועלכער האָט ניט באַלאַנגט צו מיר.

— צו וועמען דען האָב איך באַלאַנגט? האָט ער זי געפרעגט.

— צו וועמען דו האָסט באַלאַנגט און מיט וועמען דו האָסט שפּיאָנירט. איך שטעה העכער פון אַזוינע זאַכען. די איינציגע פאַרבראַכט ווייס איך ניט, ווייל איך האָב דיר קיינמאָל ניט נאָכ־זאָך וואָס איך האָב געקענט טאָן איז: אויב מיר געפעלט ניט קען איך זיך העלפען.

— אָבער, עוועלין, האָט טאַמאַרין אויסגערופען מיט געבעט.

— קיין אָבער, האָט זי אים איבערגעשלאָגען, צו שפּעט!

— עוועלין, איך וועל אָן דיר ניט קענען זיין.

— דו וועסט זיך צוגעוואוינען, ווי איך.

ווען טאַמאַרין האָט געזעהן אַז מיט גוטען קען ער גאָרניט מאַכען, האָט ער געוואָלט הויבען זיין קול.

— אָן סקאַנדאַלען, האָט זי רוהיג באַמערקט, נאָר געלאַסען. מיר קענען זיך צוגעהן ווי אינטעליגענטנע מענטשען, און בלייבען גוטע פריינט.

— עוועלין, איך בעט דיך, פאַרלאָז מיך ניט, האָט ער איר געזאָגט מיט געבעט.

— צו שפּעט, צו שפּעט, מיין פריינד, האָט זי געענטפערט.

— האָב אויף מיר רחמנות, עוועלין, האָט ער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגען.

— האָסטו אויף מיר רחמנות געהאַט, ווען איך בין גאַנצע טעג און נעכט געווען איינע אַליין אין הויז? פאַרוואָס האָסטו דאַן ניט געפונען פאַר נויטיג מיר צו זאָגען כאָטש אַ פריינדליך וואָרט אין דער האַלבער שעה, ווען דו ביזט געווען אין הויז? דו האָסט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג מיך אָפּצוגאַרען, אַז דו ביזט צופיל פאַר־נומען. אַצינד ביזטו געקומען צו מיר מיט געבעט און טענות, אָבער דיינע טענות זענען ניט קיין גערעכטע, פונקט ווי דיין אויפ־פירען איז ניט געווען קיין מענטשליכע. אַצינד ווילסטו גאַנץ מאַכען דאָס, וואָס דו האָסט פריער צובראָכען. צו שפּעט, אַלעס איז געענדיגט...

זי האָט אים געֿוואונטשען אַ גוטע נאַכט און איז אַריין אין אַ צווייטען צימער שלאָפען, כדי צו בלייבען עהרליך צו איר געליבטען.

בלוט

דאָס ניט גרויסע שטיבעל, וואָס איז געשטאַנען אין עק שטאָט, ניט ווייט פון וועג, און אָפּגעזונדערט פון אַלע הייזער, — האָט מען גערופן דאָס "ווייסע הויז".

דאָס קליינע, ווייסע ווי שניי הויז, איז געווען אַרומגערינגעלט מיט ניט קיין זעהר גרויסן גאָרטן, וועלכער איז געווען אָפּגעצוימט פון גאַס מיט ניט קיין הויכן, ווייס געפאַרבטן שטיינערנעם פּלויט.

דאָס הייזעל איז שטענדיק געווען ציכטיק, און די פאַרשידענע קאָלירען בלומען מיט די געלע, זאַמדיגע סטעזשקעלעך, וועלכע האָבן זיך געשלענגעלט איבער'ן גאָרטן, האָבן אים צוגעגעבן אַזוי פיל שעהנקייט, אַז מ'האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן פאַרבייגעהער. מ'האָט גלייך געקענט אָפּשאַצן די גאָלדענע האַנט פון דער באַלעבאָסטע, וואָס האַלט דאָס הויז און גאָרטן מיט אַזאַ זויבערקייט.

דאָס שטיבעל איז באַשטאַנען פון זעקס ליכטיגע צימערען, מיט פענסטער פון אַלע זייטן.

מרס. גיבסאָן און איר טאָכטער האָבן געאַרבעט אַרום דעם הויז גאַנצע טעג. קיין אַנדער אַרבעט האָבן זיי ניט געהאַט און ניט געדאַרפט, ווייל דאָס געלט וואָס ס'איז געבליבן נאָך איר מאַנ'ס טויט האָט זיי פאַרזאָרגט אויף זייער גאַנץ לעבן.

מר. גיבסאָן איז געווען אַ ריכטער. ווען ער איז געשטאָרבען איז ער אַלט געווען פערציג יאָר. זיין יונגע פרוי, בלייבענדיג מיט איר פופצען יאָריג טעכטערל פלאָרא, האָבן גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין הויז אָדער אין גאָרטען. זייער טרויער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן מיט קיין מענטשען ניט געקענט רעדען, ניט פאַר־גיסענדיג קיין טרערען. און דערפאַר זענען זיי צו קיין מענטשען ניט געקומען, און צו זיך קיינעם ניט געלאַדען.

זייער גאַנץ פאַרגעניגען איז געווען צו אַרבעטען שטונדען לאַנג אין גאָרטען אַרום די בלומען און אַנדערע פלאַנצען, נעבען וועלכע מר. גיבסאָן פלעגט פאַרברייינגען זיין פרייע צייט.

מוטער און טאָכטער האָבן זיך געלעבט ווי צוויי שוועסטער. איינע פון דער צווייטער האָט ניט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט. גאַנצע טעג האָבן זיי זיך אַרומגעפּירט ביי די הענט איבער'ן גאָרטען, ווי קינדער, אָדער זיי זענען געזעסען אין הויז, איינע איינגעטוליעט אין דער צווייטער, ווי די קעצלעך. ביידע האָבן געטרויערט צוזאַמען, געאַרבעט צוזאַמען און געשלאָפן צוזאַמען. פלאָרא, האָבענדיג רחמנות אויף איר אומגליקליכער מוטער, האָט פון איר קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטען. זי האָט געפילט איר מוטער'ס גרויסען צער, און בלייבענדיג אליין אין הויז, האָט זי זיך געבאָדען אין טרערען.

ווען פלאָרא איז געוואָרען אכצען יאָר, האָבען יונגעלייט אָנגעהויבען קומען אין הויז. יעדער איינער פון די יונגעלייט וואָלט זיך געוועזן געשעצט גליקליך צו האָבען פלאָרא'ן אלס לעבענסבאַגלייטערין.

ווען די יונגעלייט פלעגען פאַרלאָזען דאָס הויז, פלעגט פלאָרא פרעגען ביי איר מוטער, ווי דער אָדער יענער יונגערמאַן געפעלט איר. און די מוטער פלעגט איר ענטפערען:

— דער איז ניט שעהן, יענער איז ניט קיין פאַרדינער, און דער דריטער איז ניט פון קיין שעהנע פאַמיליע.

אזוי פלעגט זי פאַר'מיאוס'ן אָדער אָפּשטויסען יעדען יונגערמאַן, וואָס פלעגט קומען אין שטוב אריין.

יאָרען זענען אַוועק, די יונגעלייט האָבען שוין לאַנג חתונה געהאַט, און קליינע קינדער זענען שוין געוואָרען יונגעלייט, און פלאָרא איז נאָך אַלץ געווען אַ מיידעל, ווייל איר מוטער האָט ניט געקענט אויסקלייבען אַ חתן פאַר איר טעכטערעל מיט'ן גרויסען נדן. די מאַמע איז שוין אַלט און גרוי געוואָרען, און פלאָרא איז שוין ווייט אַריבער דרייסיג.

מוטער און טאָכטער, וועלכע האָבען געלעבט ווי שוועסטער, זענען זיך געוואָרען שונאים. די טאָכטער איז געווען אַ שונא דער מאַמען, ווייל זי האָט קיין חתן ניט צוגעלאָזט צו איר, און דורך

איר איז זי פֿאַרבליבען אַן אַלטע מויד; און די מוטער, ווייל די טאָכטער האָט זי אומזיסט באַשולדיגט.

— דו האָסט מורא געהאַט, פּלעגט זי זאָגען צו איר מוטער, אַז ס'וועט פֿאַר דיר קיין געלט ניט בלייבען, ווען איך וועל חתונה האָבען, דערפֿאַר האָסטו די בחורים צו מיר ניט צוגעלאָזט. אַצינד וועל איך איינע אַליין, אָן אַ פֿריינד, ביז מיין טויט דאַרפֿען פֿאַר־ברייינגען אין די פֿאַריאָמערטע צימערען. ווער וועט מיט מיר אַצינד חתונה האָבען? פּלעגט זי האַלטען אין איין טענה'ן צו איר מוטער מיט טרערען אין די אויגען. איבער דיין פֿאַרשאַלטען געלט בין איך פֿאַרוואָגעלט געוואָרען, און קיינער וויל זיך אויף מיר אַצינד ניט אומקוקען.

אַזוי האָט זי גאַנצע טעג געהאַלטען אין איין רעדען און באַ־שולדיגען איר מוטער, אַז זי האָט צובראָכען איר לעבען, אַזוי צו־בראָכען, אַז קיין רעטונג קען שוין ניט זיין.

— דו האָסט מיך דערפֿירט ביז צום אָפּגרונט, האָט פֿלאָרא דאָס לעצטע מאָל געזאָגט צו איר מוטער, ווייל דו האָסט מיר ניט פֿאַרגונען דעם יונגענמאַן, מיט וועלכען איך האָב געוואָלט חתונה האָבען, אָדער צוליב'ן געלט, וואָס איך וואָלט פֿון דיר אַרויסגע־קראָגען נאָך מיין חתונה. און דורך איינע פֿון די צוויי אורזאַכען, אָדערביידע, האָסטו מיך אומגליקליך געמאַכט. יאָ, דורך דיר איז מיין קערפּער פֿאַרוויאַנעט און פֿאַרשטיינערט געוואָרען, און וואָס איז מיר אַצינד געבליבען צו טאָן?

— געהן אין מאָנאַסטיר? נאָך וואָס? בעטען ביי גאָט ער זאָל מיר פֿאַרגיבען מיינע זינד, וועלכע איך בין ניט באַגאַנגען? ניין, מוטער, ניט איך, נאָר דו דאַרפֿסט אַצינד געהן אין מאָנאַסטיר. דו דאַרפֿסט גאָט בעטען, ער זאָל דיר מוחל זיין דיינע זינד, וואָס ביסט קעגען מיר באַגאַנגען.

אַזוי האָט פֿלאָרא טאָג איין טאָג אויס גערעדט צו איר מוטער. זי האָט גערעדט און געוויינט, געוויינט נאָך איר יוגענד, וועלכעס איז איינזאַם פֿאַרבייגעלאָפֿען. אַלע אירע יונגע יאָרען האָט זי

פארבראכט איינע אליין צווישען דער פארגליווערטער שטילקייט. די אומגליקליכע האט אזוי לאנג גערעדט, ביז זי איז אינגאנצען איינגעשוויגען געווארען. שטיל ווי א שאטען, האט זי זיך אין דער לעצטער צייט געשלעפט פון איין צימער אין צווייטען, פון איין פענסטער צום צווייטען. מיט א קאלטען, שטאלענעם בליק האט זי געקוקט דורכ׳ן פענסטער אין די בלויע הימלען, פונקט ווי דארט וואלט געווען איר שולדיגער.

ערשט איצט האט איר מוטער איינגעזעהן, ווי ווילד זי האט געהאנדעלט קעגען איר טאכטער.

ווען פלארא פלעגט רעדען צו איר, האט זי געשוויגען, ווייל זי האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען; און אצינד, ווען פלארא שוויינט, רעדט זי. אבער אומזיסט, ווייל איר טאכטער׳ס צייִן זענען צונויפגעשלאסען, די צונג פארגליווערט און די אויגען ווי פארגלאזט. א שמייכעל באווייזט זיך אויף אירע ליפען נאר דאן, ווען זי זעהט דורכ׳ן פענסטער דורכגעהן א מאן.

איין מאל, ווען פלארא איז געשטאנען ביים פענסטער, האט זי געזעהן דורכגעהן א יונגענמאן מיט זיין פרוי און צוויי קינדער. דער יונגערמאן פלעגט מיט יארען צוריק קומען צו איר, און זי האט אים זעהר געליבט. אבער איר מוטער איז ער ניט געפעלען געווען, ווייל ער איז ניט געווען פון קיין שעהנער פאמיליע, ווי זי פלעגט זיך אויסשפרעכען.

פלארא, דערזעהענדיג דעם יונגענמאן מיט זיין פרוי און קינ־דער, איז געווארען אזוי ווילד, אז זי האט געוואלט ארויסשפרינגען פון פענסטער און זיך ווארפען אויף דער פרוי, ווייל זי האט ביי איר צוגענומען איר מאן. מיט די הענט האט זי אנגעהויבען קלאפען אין פענסטער און שרייען:

— גיב מיר אפ מיין מאן!

ווען איר מוטער האט דערהערט דאס שרייען און קלאפען, איז זי אריין און אנגעהויבען זי איינשטילען. פלארא, דערזעהענדיג די מוטער, איז זי געווארען נאך ווילדער און האט זיך געווארפען

מיט די פויסטען אויף איר און זי געוואָלט שלאָגען. די מוטער האָט מיט געבעט און געוויין זי קוים איינגעשטילט.

אין דער לעצטער צייט האָט פלאָרא אָנגעהויבען ארויסגעהן אין גאָרטען, וואָס זי האָט שוין א לאַנגע צייט נישט באַזוכט. זי פלעגט זיך אוועקשטעלען ביים פלויט און שמייכלען צו יעדען מאַן וואָס איז פאַרביי געגאַנגען.

ווען א מאַן איז דורכגעגאַנגען מיט א פרוי, פלעגט פלאָרא אָנהויבען שרייען צו איר: — גיב מיר אָפּ מיין מאַן! דו האָסט אים ביי מיר צוגענומען!

די מוטער, דערזעהענדיג די ווילדקייט פון איר טאָכטער, האָט זי איר מער אין גאָרטען ניט ארויסגעלאָזט.

איינמאָל שפּעט ביינאַכט, איז פלאָרא ארונטער פון איר בעט. שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער איז זי צו צום פענסטער. די לבנה האָט ארויסגעקוקט פון א רויטען פלעק, האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט געשטאַנען אין א טייך בלוט. ווען פלאָרא האָט דאָס דערזעהן, האָט זי שטיל ארויסגעזאָגט: — בלוט! אָך, ווי שעהן!

די שטערען האָבען צוגעוואונקען, דער ווינט האָט אָנגעהויבען בלאָזען ווי מיט א געוויין און קרעכצען, און דאָס בילען פון די הינט האָט זיך געטראָגען צו אירע אויערען ווי א טרויעריג געוויין. זי האָט נאָכאַמאָל אויסגעשריגען: — בלוט! בלוט!

שטיל איז זי אריין אין קיך, גענומען א גרויס מעסער און איז צו צו איר מוטער'ס בעט. דאָס קאַלטע, שטאָלענע מעסער האָט געגעבען א גלאַנץ קעגען דער לבנה. פלאָרא האָט זיך צולאַכט מיט א ווילדען געלעכטער: — כע, כע, כע!

מיט איר גאַנצען קערפּער האָט זי זיך אריבער געבויגען איבער איר שלאָפענדער מוטער און צו איר געשעפּטשעט: — דו שלאָפסט? שלאָף, שלאָף.

דאָס מעסער האָט נאָכאַמאָל געגעבען א גלאַנץ קעגען דער לבנה, און זי האָט דאָס געשווינד אריינגעשטאָכען אין איר מוטער'ס האלז. א שטראָם בלוט האָט געגעבען א שפּריץ, און די אומגליקליכע האָט

אַנגעהויבען כאַרכלען.

פלאָרא איז צו צום פענסטער און האָט אָנגעהויבען ריידען צו דער לבנה און די שטערען: — שאַ — אַ, שטיל זאָל זיין, די מאַמע שלאָפט...

זי האָט זיך צוריק געקערט צום בעט, געקוקט און געשמייכעלט ווי דאָס ריטשקעלע בלוט האָט געשיינט קעגען דער ליכט פון דער לבנה, און אויסגערופען: — זי וועט שוין שלאָפען רוהיג! אַך, ווי שעהן דאָס בלוט פליסט. פליס, פליס, ריטשקעלע, כע, כע, כע! שלאָף מוטער, שלאָף! איך געה אויך שלאָפען.

זי איז שטיל אַרוים פון צימער מיט אַ געלעכטער: — כע, כע, כע! בלוט! בלוט! אַך, ווי שעהן, ווי שעהן!...

אַ קריסטמעס־פּרעזענט פֿאַר חנוכּה

שוין פֿון עטליכע טעג, אַז מרס. ווײַנער זוכט אַ געלעגנהייט צו ריידען מיט איר מאַן, אָבער ס׳האָט זיך איר נישט אײַנגעגעבען אים צו טרעפֿען אין אַ גוטער שטימונג, ווײַל די לעצטע פּאָר וואָכען איז עפּעס די צײַט נישט אַמבעסטען.

שבת נאַכט, ווען מר. ווײַנער איז אַהיים געקומען פֿון זײַן אָפֿיס, האָט ער אויסגעזעהן ווי נאָר אַ נײַער, ווײַל די געשעפֿטען, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, האָבען זיך ביסלעכווײַז אָנגעהויבען פֿאַר־בעסערען.

מרס. ווײַנער האָט געקלערט, אַז איצט איז די בעסטע צײַט צו ריידען מיט איר מאַן. זיצענדיג מיט אים בײַ אַ גלאָז טיי, האָט זי צו אים געזאָגט: — דו ווייסט, סעם, אויף היינטיגען קריסטמעס וועל איך אײַנריכטען אַ קריסטמעס־טרי.

— וואָס מיינסטו, אַ קריסטמעס־טרי? האָט דער מאַן בײַ איר געפֿרעגט, מיר זענען דאָך אידען, נישט קיין קריסטען!

— סעם, ביזט נאָך אַ גרינהאָרן, פּונקט ווי דו ביזט ערשט פֿון שיף אַרונטער, האָט זײַן פֿרוי אים געענטפֿערט.

— און וואָס ווייסטו מער פֿון מיר, אַז דו ביזט געבוירען אין אַמעריקע?

— איך ווייס, האָט זי געענטפֿערט, אַז אין אַמעריקע זענען אידען און קריסטען דאָס זעלבע, און מיר קענען פֿייערען דעם קריסטליכען יום־טוב, פּונקט ווי די קריסטען.

— און איך ווייס, האָט מר. ווײַנער געענטפֿערט, אַז בײַ אונז אין דער אַלטער היים, האָבען אידען געפֿייערט זייערע אייגענע ימים־טובים, נים קיין פֿרעמדע; ווילסט, אַז איך זאָל אויף קריסט־מעס אײַנריכטען אַ קריסטמעס־טרי, — איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טאָן!

— דו וועסט דאָס נישט דאַרפֿען טאָן, איך וועל דאָס שוין אַליין אײַיפּיקסען. איך וועל אײַנלאַדען די מעק׳גרעים פֿאַר דינער, און מיר וועלען אַלע צוזאַמען פֿאַרברײַנגען.

— הער אוים, פעני, אויב דו וועסט דאָס טאָן, וועל איך דעם טאָג אין הויז נישט זיין; די מעק׳גרעים וועלען זיך זיכער אויס־לאַכען פון דיר און פון דיין קריסטמעס־טרי!

— זיי וועלען שוין גאָרנישט לאַכען, האָט אים זיין פרוי גע־ענטפערט, זיי וועלען נאָך זיין צופרידען אַז אידען האַלטען פון זייער יום־טוב.

מרס. וויינער האָט געהאַלטען וואָרט. זי האָט איינגעפיקסט אַ קריסטמעס־טרי מיט אַלע קליפּערלעך, ווי אַ פרומער קריסט. זי האָט צוגעגרייט אַן עכט קריסטליכען דינער און איינגעלאַדען די מעק׳גרעים.

מר. וויינער האָט אויך געהאַלטען וואָרט און איז גאַנץ פרי אוועק פון הויז.

מרס. וויינער האָט זיך אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג. זי האָט די קריסטמעס־טרי אויסגעפּוצט מיט פארשידענע קאָלירען שנירלעך און זיי געמאַכט ליכטיג מיט קאָלירטע לעמפּעלעך. דאָס הויז האָט אויסגעזעהן עכט קריסטליך.

ווען די געסט זענען געקומען און געזעהן די קריסטליכע אַט־מאָספערע אין דעם אידישען הויז, האָט זיך באַוויזען אַ שמייכעל אויף זייערע ליפּען.

— העלאָו, מרס. וויינער!

— מערי קריסטמעס!

— טהענק יו!

— מערי קריסטמעס טו יו!

— זיצט, מיינע ליבע געסט!

— וואו איז מר. וויינער? האָבען געפרעגט די מעק׳גרעים.

— מען האָט אים נאָר וואָס אָנגעקלונגען אויפ׳ן טעלעפאָן, און ער האָט געמוזט אוועק פאַר ביזנעס. איר וועט אים אנטשול־דיגען. ס׳טוט אים זעהר לייד וואָס ער קען נישט זיין צוזאַמען מיט אונז פאַר דינער. איר ווייסט דאָך, ביזנעס בעפאָר פּלעזשור, ער וועט זיין צוריק אין אַ שטונדע אַרום.

די געסט האָבען זיך געזעצט צום טיש און האָבען מיט גרויס אַפּעטיט נעגעסען דעם אידיש־קריסטליכען דינער.

ווען זיי האָבען געענדיגט דעם דינער, איז מר. וויינער אַנגע־קומען. אריינקומענדיג אין הויז, האָט אים געגעבען א קלאַפּ אין הארצען ווען ער האָט דערזעהן די גאַנצע צערעמאָניע. ער האָט זיך באַגריסט מיט די געסט און באַדויערט, וואָס ער האָט נישט געקענט זיין צוזאַמען מיט זיי פאַר דינער.

די מעק׳גרעים זענען פארבליבען נאָך א פּאָר מינוט און האָבען זיך געקליבען אין וועג אריין.

—איר וועט אונז אַנטשולדיגען, האָבען זיי געזאָגט, וואָס מיר קענען לענגער נישט פארבלייבען, מיר דארפען היינט באַזוכען נאָך אייניגע פריינד.

איידער זיי זענען אוועק, האָט מר. מעק׳גרעי דערלאַנגט צו מרס. וויינער א פּעקעלע און באַמערקט: — מיר האָבען אין אייך אויך נישט פארגעסען, און זיי זענען אוועק.

מיט ציטעריגע הענט האָט מרס. וויינער געעפענט דאָס פּע־קעלע, און ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען ווען זי האָט דערזעהן א חנוכה־לעמפּעל מיט א גרויסען מגן־דוד אין צענטער, און אויף׳ן קאַרטעל איז געווען אויפגעשריבען: ״א קריסטמעס־פּרעזענט פאר א אידישען יום־טוב״.

מרס. וויינער האָט זיך געשעמט קוקען איר מאַן אין די אויגען.

— נו, מיין ווייב, האָט זיך מר. וויינער אַנגערופען, ווי עס זעהט אויס, דאַרף דער קריסט מעק׳גרעי דיך דערמאָנען אַז...

— יעס, מיין מאַן, דו ביזט גערעכט, פון היינט אָן און ווייטער וועלען מיר פייערען חנוכה, נישט קריסטמעס; מיר וועלען אָנצינדען דאָס חנוכה־לעמפּעל און נישט קיין קריסטמעס־טרי...

ניט שולדיג

ווען איך בין אריין אין געריכט־הויז, איז שוין געווען געפאַקט מיט מענטשען. אַלע פּלעצער זענען געווען פאַרנומען, און פיל מענטשען זענען געשטאַנען אַרום די ווענט. יעדער איינער האָט גערעדט מיט אומגעדולד; ווער ס'האָט געוואָלט זעהן ״דעם מערדער מיט'ן קינדערשען ביקסעל״, ווי מ'האָט אים גערופען, און ווער ס'האָט געוואָלט וויסען דעם אויסגאַנג פון פּראָצעס.

יעדענס אויגען זענען געווען אַנגעשטעלט אויף איין פּונקט, און דאָס איז געווען די טיר, דורך וועלכער מ'האָט באַדאַרפט אריינ־פירען דעם באַשולדיגטען.

דער קאָורט האָט געזאָטען. מ'האָט זיך געגרייט צום משפט. ווען אַלעס איז פאַרטיג געוואָרען: דער ריכטער, דער פּראָקוראָר און די געשוואָרענע זענען געזעסען אויף זייערע פּלעצער, האָט זיך געעפענט אַ זייטיגע טיר און מ'האָט אריינגעפירט אַ מיטלוואוקסיגען יונגענמאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיג. ער איז געגאַנגען איינ־געבויגען אין צווייען, ווי אַן אַלטער מאַן. זיין פּנים איז געווען בלייך און אויסגעצערט, ווי ביי איינעם וואָס איז ערשט אויפגע־שטאַנען פון אַ לאַנגער קרענק. זיינע טונקעלע, ברוינע האָר זענען געפאַלען בינטלעכווייז אויף זיין ברייטען שטערען. זיינע שוואַרצע אויגען האָבען געקוקט מיט מורא און געבעט, ווי ביי אַ געפאַנגענעם, וועלכער פאַלט אריין צום שונא אין די הענט.

נאָכדעם ווי מ'האָט אים איינגעשוואוירען, אַז אַלעס וואָס ער וועט זאָגען איז דער ריינער אמת, האָט מען אים געפרעגט:

— ווי איז אייער נאָמען?

— הערמאַן קרוסטעל.

— ווי אַלט זענט איר?

— צוויי און דרייסיג יאָר.

— וואָס איז אייער פּראָפעסיע?

— בוכהאַלטער.

— פאַרהייראַט?

— איך האָב אַ פרוי מיט דריי קינדער, איז געוועז זיין ענטפער.

נאָך די אַלע פראַגען, האָט מען אויסגערופען זיין נאָמען און אים געפרעגט:

— ערקלערט איר זיך שולדיג אין דעם פאַרברעכען, אין וועל־כען מען באַשולדיגט אייך?

דער יונגערמאַן איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פול מיט חרטה און געטראַכט וואָס צו ענטפערען. נאָך אַ קורצען שטיל־שווייגען, האָט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ. זיינע טונקעלע אויגען זענען געווען אָנגעגאָסען פול מיט טרערען און זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט, ווי ביי אַ שולדיג קינד. מיט אַ ציטערדיגער שטימע האָט ער שטיל געענטפערט:

— איך בין נים שולדיג.

— האָט איר געמאַכט אַ האָלד־אַפּ אויף מרס. וויס? האָט מען אים געפרעגט.

— יעס, איז געוועז זיין ענטפער.

— פאַרוואָס זשע זאָגט איר, אַז איר זענט נים שולדיג? האָט מען אים נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ווייל שולדיג איז מיין פרוי און דריי קינדער, וואָס זיי ווילען עסען; זייער הונגער האָט מיך געטריבען דערצו.

— דערצעהלט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, און וואָס ס'האָט אייך געצוואונגען דאָס צו טאָן.

דער באַשולדיגטער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, און צוויי רויטע פלעקען האָבען באַדעקט זיינע אויסגעצערטע באַקען, ווי ביי אַ קראַנקען, וועלכער ליגט מיט הויך פיבער. ער איז געשטאַנען, ווי אויף אונטערגעהאַקטע פיס און זיך געוואַקעלט פון שוואַכקייט. מיט אַ שטיל קול האָט ער אָנגעהויבען דערצעהלען:

— שוין צען מאָנאַטען אַז איך האָב פאַרלוירען מיין דזשאָב, און דורך דער צייט האָבען מיר שוין אַלעס אויפגעגעסען. יעדען טאָג בין איך געגאַנגען זוכען אַ דזשאָב, און די טירען זענען געווען פאַר מיר ווי פאַרמאַכט. פאַרנאַכט, ווען איך פלעג אַהיים קומען,

פלעגען מיינע קינדער מיר לויפען אנטקעגען און מיך פרעגען:

— פאפא, האסט געבראכט געלט צו קויפען עסען?

— ניין, איז געווען מיין ענטפער.

— די מאמע האט געזאגט אז דו וועסט ברייננגען, האבען זיי נאכאמאל געזאגט.

— איך האב ניט וואו צו פארדינען — איך קען ניט קריגען קיין דזשאב; האב איך זיי געענטפערט. די קינדער פלעגען מיט א געוויין אוועק צו זייער מוטער און איר געזאגט:

— מאמא, דו האסט אונז אפגענארט, פאפא האט גארניט געבראכט.

מיט א פארטריקענט שטיקעל ברויט און א ביסעל טיי האט זי זיי געלעגט שלאפען און זיי צוגעזאגט:

— מארגען וועט פאפא קריגען א דזשאב, און איר וועט אלעס האבען.

— דו זאגסט אונז אלע טאג דאס זעלבע, האבען די קינדער געענטפערט ברוגז, און מיט טרערען אויף די אויגען פלעגען זיי איינשלאפען.

אין דעם אוונט, בעפאר איך האב באגאנגען דעם פארברעכען, ווען איך בין אהיים געקומען, זענען מיינע קינדער מיר אנטקעגען געלאפען מיט א געוויין: — די מאמע איז קראנק און ליגט אין בעט. ווען איך בין צוגעקומען צו איר בעט, איז זי געליגען מיט פאר־טריקענטע ליפען, און איר פנים האט געברענט פון היץ. אין הויז איז אפילו ניט געווען קיין ביסעל מילך צו באנעצען אירע פאר־ברענטע פון היץ ליפען. איך האב זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראנד פון בעט און אנגעהויבען וויינען. ווען מיינע קינדער האבען דער־זעהן טרערען אין מיינע אויגען, האבען זיי אויך אנגעהויבען וויינען און מיך געבעטען:

— פאפא, וויין ניט, מיר וועלען מער ניט וועלען עסען!

איך האב מיט מיינע הענט פארדעקט מיין פנים, כדי מיינע קינדער זאלען ניט זעהן טרערען אין מיינע אויגען. איך בין אזוי

געזעסען אַ לאַנגע צייט, און ווען איך האָב אָפּגעדעקט מיין פּנים, האָב איך געזעהן ווי מיין עלטער מיידעל, זי איז צען יאָר אַלט, לעגט נאַסע האַנטוכער צו מיין פרוי׳ס ברענענדיגען קאָפּ, און די צוויי יונגערע קינדער זענען איינגעשלאָפען אויפ׳ן דיל. איך האָב זיך אויפגעהויבען און גענומען זיי לעגען שלאָפען. ווען איך האָב אויסגעטאָן מיין אינגעלע, איז פון זיין קעשענע ארויסגעפאַלען אַ קינדעריש ביקסעל. ווען איך האָב דאָס אויפגעהויבען און דאָס באַטראַכט, האָט אימיצער, ווי פון אונטער מיינע פּלייצעס, אריינגעשריגען אין מיינע אויערען:

— נעם דעם רעוואָלווער, געה מאַך אַ האַל־אָפּ און ברענג עסען פאַר דיינע קינדער און אַ דאָקטאָר פאַר דיין קראַנקער פרוי. איך האָב זיך ארומגעקוקט און קיינעם ניט געזעהן. אַ ציטער איז אריבער איבער מיין לייב. איך בין געבליבען שטעהן ווי פאַרשטיינערט. באַלד האָט דאָס זעלבע קול נאָכאמאָל אויסגעשריגען:

— וואָס שטעהסטו? נעם דעם רעוואָלווער און געה!

איך האָב דאָס קינדערשע שפּילעכעל אריינגעלעגט אין מיין קעשענע, און מיט וואַקלענדיגע טריט בין איך אַטאָמאַטיש ארויס פון הויז. איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם און ניט געוואוסט וואוהין. פּלוצים האָב איך נאָכאמאָל דערהערט דאָס קול הינטער מיינע פּלייצעס. איך האָב אָנגעהויבען געהן שנעל, פונקט ווי איך וואָלט געוואָלט אַוועקלויפען פון דער פאַרפאָלגטער שטימע, וועלכע האָט געקלונגען אין מיינע אויערען "געה מאַך אַ האַל־אָפּ".

איך בין אַזוי געלאָפען אַ שטיק צייט. ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, האָב איך געזעהן, אַז איך בין נעבען אַ בעקעריי. אין פענסטער איז געליגען פיל ברויט. איך האָב ווי צו זיך געזאָגט:

— דאָ איז דאָ אַזוי פיל ברויט, און מיינע קינדער האָבען ניט וואָס צו עסען. פּלוצים האָב איך נאָכאמאָל דערהערט פון הינטער מיינע פּלייצעס: — וואָס שטעהסטו? געה און היים דיר גיבען דאָס געלט!

איך האָב זיך ארומגעקוקט און קיינעם ניט געזעהן. איך בין

אריין אין בעקעריי, צוגעגאַנגען צו דער איינציגער פרוי וואָס איז דאָרט געווען, אָנגעשטעלט מיין רעוואָלווער און געזאָגט:

— גיב מיר שנעל דאָס געלט וואָס דו האָסט! פּלוצים האָב איך דערפילט ווי צוויי שטאַרקע הענט האָבען זיך איינגעקלאַמערט אין מיר, און ווען איך האָב אויסגעדרעהט מיין קאָפּ, האָב איך דער־זעהן, אז דאָס איז אַ פּאָליסמאַן. איך האָב אויסגעשריגען:

— מיין פרוי און קינדער וועלען אצינד שטאַרבען פון הונגער!

ווען איך האָב אויפגעוואַכט אין פּאָליס סטיישאָן, נאָכדעם ווי איך בין אַוועקגעפאַלען פון די קלעפּ וואָס מ׳האָט מיר דאָרט געגעבען, האָב איך זיך ניט געקענט רירען, האָט ער מיט אַ קינדעריש געוויין פאַרענדיגט.

— איז דאָס דער פּאָליסמאַן, וואָס האָט אייך אַרעסטירט? האָט אים דער ריכטער געפרעגט.

—יאָ, איז געווען זיין ענטפער.

—האָט איר אַ לאָיער? האָט אים דער ריכטער נאָכאַמאָל געפרעגט.

— ניין, איז געווען זיין ענטפער.

נאָך צופיל ריידען איז אים טרוקען געוואָרען אין מויל, און ער האָט געבעטען אַ גלאָז וואַסער. דאָס וואַסער האָט אים אַ ביסעל דערפרישט, און ער האָט אָנגעהויבען ריידען מיט מער מוט:

— ווען איך האָב געלט פאַר אַ לאָיער, וואָלט איך אצינד ניט געדאַרפט דאָ שטעהן, און וואָס קען מיר אַ לאָיער העלפען? האָט ער מיט ביטערקייט ווייטער גערעדט. קען ער דען אָפּלייקענען דאָס, וואָס איך גיב צו? קען ער אַפּעלירען צו אייך בעסער ווי איך? פילט דען זיין הארץ דאָס, וואָס מיין הארץ פילט? קען דען אַ זאַטער פילען דאָס, וואָס אַ הונגעריגער פילט? קען דען זיין הארץ אים וועה טאָן פאַר מיינע הונגעריגע קינדער און קראַנקער פרוי, מער ווי מיר? וועט איר דען זיין געבעט גיכער אויסהערען, ווי דאָס געבעט פון מיין בלוטיג הארץ? זעהט איר דען ניט, ווי פון מיינע אויגען רינט בלוט, ניט קיין טרערען? איז דען ניט קלאָר

פאר אייך די גאנצע געשיכטע, וואס איך האב אייך דערצעהלט? און אויב מיינע טרערען קענען ניט אפעלירען צו אייך, און דער הונגער פון מיינע קליינע קינדער קענען ניט ווייכער מאכען אייער הארץ, דאן איז א לאיער דא גאנץ איבעריג.

א קוואל טרערען האבען אנגעהויבען גיסען פון זיינע אויגען, און ער איז שטיל געבליבען. נאך א קורצען שטילשווייגען, האט ער נאכאמאל אנגעהויבען:

— אויב איר ווילט מיך פארשיקען אין געפענגעניש, שיקט מיך ניט אליין, שיקט מיין פרוי און קינדער מיט מיר, ווייל זיי האבען מיך געטריבען צו דעם פארברעכען. איך האב ניט געקענט איבערטראגען זייער געוויין, זייער געבעט "גיב מיר עסען". שיקט אונז אלע צוזאמען און דארט אין געפענגעניש וועלען זיי ניט הונ־גערען. נאך דעם לעצטען ווארט הונגערען, האט זיך אים פארדרעהט די קאפ און ער איז אומגעפאלען ווי אן אונטערגעהאקטער בוים.

ווען ער האט געעפענט זיינע אויגען איז נעבען אים געשטאנען א דאקטאר, און האט אים געגעבען עפעס צום טרינקען.

אין געריכט־זאל איז געווען שטיל. פון צייט צו צייט האט זיך געהערט קרעכצען אדער דאס כליפען פון די אנוועזענדע. ביי יעדען איז די אויגען געווען נאס פון טרערען, און דער ריכטער איז געזעסען מיט א געבויגענעם קאפ.

מיט א שטיל קול האט דער באשולדיגטער זיך אפגערופען:

— דא אין קאורט, פאר א פארברעכער, איז דא א אומזיס־טיגער דאקטאר; דעם פארברעכער לאזט מען ניט שטארבען. אבער דארט, וואו עס ליגט א קראנקער אן א שום פארברעכען, דארט וואו דער קראנקער ראנגעלט זיך מיט'ן טויט און ס'איז נישטא אפילו קיין ביסעל מילך פאר איר און קיין שטיקעל ברויט פאר די קינדער, וואו מ'קען שוין ניט פארטראגען דאס קרעכצען פון די אויסגעמאטערטע און הונגעריגע קינדער, — פאר זיי איז נישטא קיין אומזיסטער דאקטאר, זיי מעגען שטארבען.

— יור האנאר! האט דער באשולדיגטער שוין מיט א פעסט

וו. דיקער

קול געזאָגט: איך פיל שוין גוט, איר קענט מיך שוין פאַראור־טיילן. און אַט דעם דאָקטאר שיקט צו מיין קראַנקער פרוי, דאָרט וואו מיינע קליינע קינדער שטעהען ביי איר קראַנקען בעט, וויינען און בעטען:

— מאַמע, מיר ווילען שוין מער ניט קיין עסען; מיר ווילען נאָר דו זאָלסט זיין געזונט, און אונזער פּאַפּא זאָל זיין אין דער היים.

ווען דער באַשולדיגטער האָט געענדיגט, האָט זיך אין קאָורט געהערט שטילע געוויינען פון פרויען.

דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטען אַ קורצע רעדע, אין וועלכער ער האָט געבעטען אַ גרינגע שטראָף פאַר'ן באַשולדיגטען.

דער ריכטער האָט זיך געווענדעט צו די געשוואָוירענע, אַז זיי זאָלען אַרויסטראָגען אַ גערעכטען אורטייל.

נאָך אַ צען מינוט בעראַטען, האָבען די געשוואָוירענע אַרויס־געטראָגען דעם אורטייל:

— ניט שולדיג!

זעהר טרויעריג

עס איז זונטאג אין דער פרי. ביי די גויכבערגס רודערט זיך. מעקס, דער עלטסטער בחור ראזירט זיך; סעם, דער צווייטער, שטעהט ביים קליידער־שראנק און זוכט אן אנצוג; דוד׳ל ליגט אויפ׳ן דיל און לייענט די נעכטיגע וויצען און מר. גויכבערג זיצט ביי דער ראדיא און הערט די אידישע פראגראם.

מרס. גויכבערג איז אריינגעקומען פון גראסערי מיט א שווערען קאשעק פול מיט עסענווארג. זי האט דערלאנגט איר מאן א צייטונג און אין אריין אין קיך מאכען עסען פאר איר אויסגעזינד.

— מא! האט סעם אויסגעשריגען, — האסט מיר אויך גע־בראכט א צייטונג?

— ניין, האט זי געענטפערט.

— פארוואס האסטו פאר פאפ געבראכט? האט ער אריינ־געשריגען אין קיך ברוגז.

— ווייל ער האט מיר אנגעזאגט איך זאל אים ברענגען, און דו ניט.

— דוד׳ל, ברענגט מיר א צייטונג! האט סעם אים געבעטען; איך וועל אים דיר אוועקגעבען, באלד ווי איך וועל דורכקוקען די נייעס.

— און די וויצען וועסטו מיר אויך גיבען? האט דוד׳ל אים געפרעגט.

— די וויצען אויך, האט סעם געענטפערט.

— איך לויף באלד, איז דוד׳ל אויפגעשפרינגען פון דיל.

אין א פאר מינוט ארום האט דוד׳ל געבראכט א צייטונג.

— סעם, דו האסט שוין א צייטונג? האט מעקס אריינ־געשריגען פון באד־צימער.

— יעס, האט ער געענטפערט.

— לייען די נייעס אין דער הויך, איך זאל אויך קענען הערען, ווייל איך האב ניט קיין צייט, האט מעקס אים געבעטען.

— גוט, הער זיך איין, האט סעם אים געענטפערט און אנ־

געהויבען לייענען די קעפּלאַך פון די נייעס אונטער דער נאָז.

— "אין דייטשלאַנד האָט מען ארעסטירט פופציג אידען און צוויי האָט מען דערשאָסען. אַן עראָפּלאַן איז ארונטערגעפאַלען און איז פארברענט געוואָרען מיט צוויי מענטשען. אין פּאַלעס־טינע האָבען אראבער דערשטאָכען צוויי אידען. אַ גרויס פייער האָט אויסגעבראָכען אין ברוקלין און צען מענטשען זענען פאר־ברענט געוואָרען. אין רומעניע האָט מען געשלאָגען אידען. די איטאַליענער האָבען אין אביסיניע געוואָרפען באָמבעס פון עראָפּ־לאַנען און געטויטעט פיל קינדער און אַלטע מענטשען. אין פּוילען האָט מען געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אידען, פילע פארוואונדעט."

— אַ נאַרישע צייטונג היינט! נישטאָ וואָס צו לייענען! — האָט סעם פויל אריינגעשריגען צו זיין ברודער אין באַד־צימער. און בלעטערענדיג אזוי די צייטונג, האָט ער באַמערקט זעהר אַ וויכטיגע נייעס, און אויסגעשריגען:

— הער נאָר, מעקס, "בייב רוט" האָט פארלוירען די גיים! דערהערענדיג דאָס, איז דוד'ל אויפגעשפּרונגען פון דיל און מעקס איז אריין מיט'ן ראזיר מעסער אין האַנט אַן האַלב אָפּגעראַזירטער און אַלע דריי ברידער האָבען אין איין קול אויסגעשריגען:

— איי, איי, איי! בייב רוט האָט פארלוירען די גיים, דאָס איז זעהר טרויעריג! און זיי זענען געבליבען שטעהן ווי דערשלאָ־גען. — בייב רוט, בייב רוט! האָבען די ברידער טרויעריג געשאָ־קעלט מיט די קעפּ.

פאָטער און מוטער, דערהערענדיג דאָס געשריי פון די קינדער, זענען אויך אריין: די מוטער, האַלטענדיג אין איין האַנט אַ מעסער און אין דער צווייטער אַ צושניטענע ציבעלע און טרערען האָבען איר גערונען פון די אויגען פון הארבקייט; און דער פאָטער מיט זיין צייטונג אין האַנט, און אויך מיט טרערען אין די אויגען פון די "גוטע" אידישע נייעס.

— וואָס איז געשעהן? האָבען פאָטער און מוטער אין איין קול אויסגעשריגען.

— בייב רוט האט פארלוירען די גיים, האבען די קינדער באדויערענדיג גענעטפערט. בייב רוט, בייב רוט! האבען די ברידער אים נאכאמאל באדויערט.

— טאקע זעהר טרויעריג, אבער ס'איז דא מער וויכטיגערע זאכען צו באדויערען, ווייל זיי זענען מער טרויעריג ווי א גיים פארשפילען, — האט דער פאטער באמערקט. מיט א שווערען זיפץ פון טיפען הארצען און מיט א געבויגענעם קאפ האט ער איבערגע־לאזט בייב רוט'ס פאטריאטען אין א פארצווייפעלטער לאגע.

די פאַרשעמטע בר־מצוה

ווען די בערגערס איינציגער זון איז געוואָרען צוועלף יאָר, האָט מר. בערגער געזאָגט צו זיין פרוי:

— דו ווייסט, גאָלדע, צו אונזער קינד'ס בר־מצוה איז גע־בליבען נאָך איין יאָר?

—יאָ, נאָך איין יאָר, האָט זיין ווייב מיט אַ זיפץ נאָכגעזאָגט.

— וואָס זיפצסטו אזוי? האָט מר. בערגער געפרעגט זיין פרוי.

— גאָרניט, האָט זי געענטפערט, גלאָט אזוי.

— פאַר גאָרניט זיפצט מען ניט, האָט איר מאַן באַמערקט. עס דריקט דיך עפּעס, זאָג מיר, אָדער אפשר ביזטו חלילה ניט געזונט.

— ניין, הערי, איך בין דאנקען גאָט געזונט.

— וואָס דען זיפצטו?

— אמת, איך דאַרף זיך פרעהן, ווייל באַלד, באַלד, וועט אונזער קינד בר־מצוה ווערען. אז מ'לעבט לויפט דאָס יאָר איבער, נאָך איידער מ'קוקט זיך ארום. אָבער ווען איך דערמאָן זיך, אז די שמחה, אויף וועלכער איך האָב אזוי פיל יאָרען געוואַרט און געהאָפט, וועלען מיר ניט זיין אומשטאַנד צו מאַכען, און אונזער קינד וועט אפשר פיל מאָל פרעגען, צי מיר וועלען מאַכען אַ פּארטי פאַר אים, און איך וועל אים דאַרפען ענטפערען ניין, ווייל דער טאַטע פאַרדינט ניט. ער איז נאָך צו יונג אזעלעכע זאַכען צו פאַר־שטעהן. אַ חוץ דעם, וואָלט איך טאַקע וועלען מיר זאָלען זיך פרעהן אויף אונזער קינד'ס שמחה. ווער ווייסט צי מיר וועלען דערלעבען זיין חתונה; און אז מיר וועלען יאָ דערלעבען, וועט ער דען וואַרטען, אז מיר זאָלען אים חתונה מאַכען, ער וועט שוין דאַן טאָן ווי אים וועט געפעלען.

— זאָרג זיך ניט, נאַריש ווייבעל מיינס. דאָס יאָהר איז גרויס, און אין אַ יאָר קען מען אויפטאָן אַ סך זאַכען. מיר ווייסען, אז מענטשען זענען איבער נאַכט רייך געוואָרען, און גאָט קען נאָך אונז אויך העלפען, און מיר וועלען פּראַווען אונזער קינד'ס בר־מצוה

אויפ'ן שענסטען אופן.

— ס'איז נאָר געזאָגט אזוי, האָט זיין פרוי אים געענטפערט. פון דיינע קליינע פארדינסטען, וואָס ס'טראָגט קוים זיך דורכ־צושטופען די וואָך, וועלען מיר קיין בר־מצוה פאר אונזער קינד ניט קענען פראַווען.

— לאָמיר האָפען, האָט בערגער געזאָגט צו זיין ווייב, און אַ שטילען זיפץ ארונטערגעשלונגען, זיין ווייב זאָל ניט באַמערקען. אָבער זי האָט דאָס יאָ באַמערקט, און אויך געזעהן ווי איר מאַן ליידט פון דעם, ניט ווייניגער פון איר.

כדי איר קינד זאָל ניט ליידען, און זי מיט איר מאַן זאָלען אויך זיין צופרידען, האָט מרס. בערגער באַשלאָסען, אָפּצושפּאָרען אַ פּאָר פּענים יעדען טאָג פונ'ם עסען, אמאָל פון דער מילך, אמאָל פון פלייש אָדער פון פרוכט, און אזוי וועט זיך איבער'ן יאָר צו־זאמען קלייבען אַ פּאָר דאלאר און זי וועט מאכען אַ שעהנע בר־מצוה פאר איר איינציגען זון.

אין דער זעלבער צייט, האָט איר מאַן אויך דאָס זעלבע גע־טראכט. יעדען טאָג ווען ער געהט פון שאָפּ כאַפּען אַ ביים, וועט ער עסען ווייניגער און וועט אָפּשפּאָרען אַ פּאָר סענט, און דורכ'ן יאָר וועט ער צונויפזאמלען אַ ביסעל געלט, כדי זיי זאָלען קענען מאכען אַ שעהנע שמחה פאר זייער קינד'ס בר־מצוה.

וואָכען און חדשים זענען געלאָפען און פון די פּענים און ניקעלס איז געוואָרען דאלארס. ניט דער מאַן האָט געזאָגט זיין פרוי אַז ער שפּאָרט, און ניט זי האָט אים געזאָגט.

ווען ס'איז געבליבען נאָך איין חודש צו דער בר־מצוה, האָט מר. בערגער דערמאָנט זיין פרוי, אַז ס'איז שוין געבליבען אַ קורצע צייט צו זייער קינד'ס בר־מצוה, און זי געפרעגט וואָס זי רעכענט צו טאָן.

— מיר וועלען מאכען פאר אונזער קינד אַ שעהנע שמחה, מיר וועלען איינלאַדען אַלע אונזערע אייגענע און מיר וועלען זיך צוזאמען פרעהן.

— און געלט? האָט איר מאַן זי געפרעגט.

— געלט האָב איך אַ ביסעל, האָט זי געענטפערט; יעדען טאָג האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פּענים פון עסען און האָב צוזאַמענגעקליבען אַ פּאָר דאָלאַר. און אויב עס וועט מיר עפּעס אויספעלען וועל איך צובאָרגען.

— דו דאַרפסט ניט באָרגען, האָט מר. בערגער געזאָגט, ווייל דאָס זעלבע האָב איך אויך געטאָן. יעדען טאָג, ווען איך בין געגאַנגען עסען, האָב איך ניט געטרונקען קיין קאַווע, און די פינף סענט האָב איך אוועקגעלייגט, און דורך דעם יאָר האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר.

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט און דאָס דערלאַנגט זיין ווייב, און ביי זיי איז איצט געוואָרען די אמת'ע שמחה.

ווען ס'איז געבליבען נאָך איין וואָך צו זייער זונ'ס יום־טוב, האָבען מאַן און ווייב געמאַכט אַ צעטעל וועמען איינצולאַדען, און מ'האָט טאַקע באַלד געלאָזט וויסען די אייגענע, כדי זיי זאָלען זיך צוגרייטען פאַר דעם טאָג פון זייער זונ'ס בר־מצוה.

מרס. בערגער האָט אָנגעהויבען צוגרייטען פון אַלדאָס גוטס. זי האָט געבאַקען די בעסטע טאָרטען, פלאָדענס און אַנדערע געבעקסען. ווען זי האָט געוויזען איר קינד די אַלע זיסע זאַכען, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר זיין שמחה, האָט ער פאַר פרייד ארומגעכאַפּט די מוטער און זי אָנגעהויבען קושען.

— מאַ, האָט ער געזאָגט, אז איך וועל קריגען צוויי זייגערלעך פּרעזענטען, וועל איך דיר גיבען איינס; און אז איך וועל קריגען צוויי פּענען, וועל איך צום פּאַ גיבען איינע. דאָס איינגעל האָט געטאַנצט און געזונגען פאַר פרייד.

ווען ס'איז געקומען שבת איז מר. בערגער מיט זיין זון און פרוי אוועק אין שול. מיט די אויגען האָבען זיי ארומגעזוכט זייערע אייגענע, אָבער זיי האָבען קיינעם ניט געזעהן. קיין יסורים האָבען זיי פון דעם ניט געהאַט, ווייל זיי זענען פאַרנומענע מענטשען,

האָבען זיי צו זיך געזאָגט, אָבער מאָרגען צו דער שמחה וועלען זיי זיין.

פאָטער און מוטער האָבען אָנגעקוועלט, ווען זייער קינד האָט געהאַלטען אַזאַ פיינע דרשה און דווקא אויף אידיש. זיי האָבען אָנגעשטרענגט די אויערען צו הערען וואָס מענטשען זאָגען אויף דעם.

נאָכ׳ן דאַווענען האָבען זיי געטיילט לעקעך און בראַנפען, וואָס זיי האָבען מיטגעבראַכט, און מ׳האָט זיי געוואונשען זיין חתונה דערלעבען.

פאָטער און מוטער זענען אַהיים געקומען מיט זייער קינד גליקליך און פרעהליך.

שבת נאַכט איז מרס. בערגער אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען. זי האָט געהאַלטען אין איין צוגרייטען: קאָכען און באַקען פאַר דער מאָרגענדיגער שמחה. זי האָט אָנגעגרייט דאָס שעהנסטע און בעסטע. זי האָט געוואָלט, אַז יעדער זאָל זיין צופרידען. נאָך דעם ווי אַלעס איז פאַרטיג געוואָרען, האָט זי זיך צוגעלעגט כאָפּען אַ דרימעל. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען נאָך צען אינדערפרי. זי האָט אָנגעהויבען ברענגען דאָס הויז אין אָרדענונג, צוגרייטען די טישען און איר מאַן האָט איר מיטגעהאָלפען.

אַלעס איז געווען מיט געשמאַק צוגעגרייט: די טישען שעהן סערווירט, די צימערען זענען געווען אויסגעהאַנגען מיט פאַרשידענע קאָלירען סטענגעס פון פאַפּיר און די ווענט זענען געווען דעקאָרירט מיט אידישע און ענגלישע פאָנען. דאָס הויז האָט אויסגעקוקט ווי די שענסטע טאַנץ־זאַל. אויפ׳ן טיש איז געשטאַנען אַ שעהנער געבורטס־טאָג־טאָרט מיט קאָלירטע צוקער־קרענצלעך געבריימט אַרום דעם בעל־שמחה׳ס נאָמען, וואָס איז אויך געווען אויסגע־שריבען מיט ווייס־בלוי צוקער, און אויפ׳ן טאָרט איז געווען אָנ־געשטעלט קאָלירטע ליכטלעך. וויין, בראַנפען, פרוכט און קענדי האָט אויך ניט געפעלט. ווען אַלעס איז פאַרטיג געוואָרען, האָט מרס. בערגער געזאָגט צו איר מאַן:

— הערי, ס׳איז צייט זיך אָנצוטאָן; מענטשען וועלען באַלד

אנהויבען קומען.

דער בר־מצוה בחור איז געווען אויסגעפוצט אין א שעהנעם בלויען אנצוג, מיט א ברייטען ווייסען קאלנער אריבערגעצויגען איבער'ן קאלנער פון זיין ראק. זיין זויבער אויסגעוואשען פנים און פריש אפגעשערט קעפעל, פארקעמט מיט א שרונט אויף דער זייט, האט אנגעזאגט, אז דאס איז דער בר־מצוה בחור. ער האט זיך געדרעהט ארום טיש און געצעהלט די ליכטלעך פון טארט, צי זיין מוטער האט קיין טעות ניט געמאכט.

דריי אזייגער נאכמיטאג, ווען די געסט האבען זיך געדארפט צונויפקומען, איז מר. בערגער מיט זיין פרוי געשטאנען ביים אויס־געפוצטען טיש ווי די קעלנער און געווארט אויף זייערע געסט.

ס'איז שוין פיר אזייגער און קיינער איז ניט געקומען. זיי זענען געווארען א ביסעל אומרוהיג. פלוצים האט די טיר־גלעקעל אנגעהויבען קלינגען.

מ'געהט! האט מר. בערגער אויסגעשריגען מיט פרייד, גע־לאפען צו דער טיר, און זיין ווייב נאך אים. ווען ער האט געעפענט די טיר, האט מען אים דערלאנגט א טעלעגראם.

—א טעלעגראם פון דיין רייכען ברודער, האט ער געזאגט צו זיין ווייב, ער קען ניט זיין, שרייבט ער, ווייל ער האט געסט. מיט אראפגעלאזענע קעפ זענען זיי געבליבען שטעהן.

— מיט אן ארימער שוועסטער שעמט מען זיך, האט זי געענטפערט.

באלד האט דאס טיר־גלעקעל נאכאמאל אנגעהויבען קלינגען, און א צווייטע טעלעגראמע איז געקומען.

— פון מיין שוועסטער, האט מר. בערגער געזאגט, זי קען אויך ניט קומען. מן הסתם האבען זיי א קארטען־פארטי, האט זיין פרוי אים געענטפערט.

מאן און ווייב זענען געבליבען זיצען ווי פארשעמטע, און שווערע זיפצען האבען זיך געריסען פון זייערע הערצער. דער זייגער האט שוין געשלאגען פינף און קיין מענטש האט זיך ניט באוויזען.

מיט אַ טרויעריגער שטימע האָט מר. בערגער געזאָגט צו זיין פרוי:

— גאָלדע, קום צום טיש, מיר וועלען אַליין מוזען זיין די געסט.

— איך האָב אַזוי פיל אָנגעגרייט, וואָס וועלען מיר טאָן מיט אַזוי פיל עסען?

— דאָס עסען אַרט מיך ניט, האָט מר. בערגער געזאָגט צו זיין ווייב, נאָר מיך אַרט וואָס זיי האָבען אונז אַזוי פאַרשעמט, פאַר־שעמט אונזער קינד און פאַרשעמט זיין בר־מצוה, זיין יום־טוב.

דאָס טיר־גלעקעל האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבען קלינגען און אַ פּאָר גוטע פריינט זענען אַריינגעקומען און נאָך זיי, אַ פּאָר שכנים.

— איך וועל ברענגען מיינע פריינט, האָט זיך זייער זון אָפּ־גערופען.

באַלד איז דער שעהן־געדעקטער טיש געווען אַרומגערינגעלט מיט די עטליכע פריינט און דער בר־מצוה בחור מיט זיינע יונגע פריינט. זייערע געשרייען און געלעכטערס האָבען אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז.

פּאָטער און מוטער האָבען דערלאַנגט פאַר זיי דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, און דאָס פריילעכע געלעכטער פון די קינדער האָט אָנגעפילט זייערע הערצער מיט פרייד.

— איך פיל זיך אַזוי גליקליך, האָט גאָלדע געזאָגט צו איר מאַן.

—איך פיל זיך מיט די קליינע קינדערלעך גליקליכער און פרעהליכער ווי מיט די אָנגעבלאָזענע און געפּרעגעלטע אַלרייט־ניקעס, וועלכע דענקען אַז מיט זייערע פּאָר דאָלאַר פאַרשענערען זיי די וועלט.

נאָכדעם ווי דער בר־מצוה בחור האָט אויסגעלאָשען די ליכטלעך און אין הויז איז צוריק ליכטיג געוואָרען, איז פאַר אים אויפ'ן טיש געליגען אַ זייגערעל און אַ פאונטען־פּען וואָס די פריינט האָבען פאַר אים געבראַכט.

די ווידוי פון אַ טויטען

ער איז געזעסען אין געריכט־זאַל ווי פאַרגליווערט און ניט גע־וואוסט וואָס אַרום אים טוט זיך און וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט נאָר געזעהן איין זאַך, און דאָס איז געווען: מענטשען פון צוויי לאַגערען ווי זיי רייסען זיך און קריגען זיך. פאַרוואָס און פאַר וועמען האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט אויך געזעהן ווי פיל מענ־טשען זענען דאָ אין זאַל און הערען זיך איין אין יעדען וואָרט, וואָס מ'רעדט אַרויס, אָבער נאָך וואָס זיי הערען זיך איין מיט אַזוי פיל אינטערעס האָט ער אויך ניט געוואוסט. אַזוי פאַרטראָגען איז ער געווען.

נאָך דעם ווי די געשוואוירענע האָבען זיך בעראַטען צען שעה, האָבען זיי אַרויסגעבראַכט דעם אורטייל, און דער ריכטער האָט אים פאַר'משפט אויף צען יאָר געפענגעניש. ערשט דאַן איז ער געקומען צו זיך און האָט אָנגעהויבען פאַרשטעהן וואָס דאָ איז פאָר־געקומען. ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און ווי צו זיך געזאָגט: — גראַטעוועט זיך פון דעם עלעקטריק שטול. די שווערד וואָס איז געהאַנגען איבער מיין קאָפּ האָט מען ענדליך אַרונטערגענומען. איך וועל אָפּזיצען צען יאָר אין געפענגעניש און מ'וועט מיך אַרויס־לאָזען פריי. און איך וועל צוריק זיין אַ פרייער מענטש, פריי גלייך מיט יעדען איינעם, פריי פון וועכטער, פריי פון די פינסטערע קאַלטע קאַמערס, פריי פון די אייזערנע שווערע מויערען מיט זייערע גרויסע שווערע שלעסער.

אַ לייכטער שמייכעל האָט זיך צושפּרייט איבער זיין געל גע־וואָרענעם פּנים. אַ צופרידענער האָט ער זיך אויפגעשטעלט, ווען די וועכטער האָבען אים גענומען אָפּפירען אין זיין צעל.

ווען ער איז געזעסען אין זיין צעל און איז שוין געווען אויס־געניכטערט פון שרעק און פון פרייד, האָט ער ערשט באַטראַכט זיין לאַגע. — צען לאַנגע יאָר, האָט ער צו זיך געזאָגט, דאַרף איך דאָ, צווישען די ענגע קאַלטע ווענט אָפּזיצען; צען ליכטיגע זומערען, מיט זייער גאָלדענער זון, וועלכע וואַגט ניט אַריינצוקוקען דורך דעם

שמאָלען פעסטערל, וואָס קוקט אוים ווי אַ האַלב פאַרמאַכט אויג פון אַ שלאָפענדער בהמה. צען קאַלטע און ווייס ווי קראַשטאַלענע פון שניי און פראָסט ווינטערס, דאָ אין דעם קאַלטען, ענגען און פינסטערען קבר. צען לאַנג יאָר וועל איך זיין אָפּגעטיילט פון מיינע אייגענע און ליבע.

אַ געוויין האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסען פון האַרצען. ער האָט באַוויינט זיינע צען יונגע יאָר, וועלכע וועלען דאָ באַגראָבען ווערען אין דער קאַלטער פינסטערניש און שטענדיג נאַסע ווי פאַר־וויינטע ווענט.

— דו וויינסט אויף דיינע צען יאָר? — האָט אַ קול פון ערגעץ אַרויסגעשריגען. נו, און די צוויי יונגע מענטשען, וואָס דו האָסט אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט איז גאָרנים? וואָס וועט פון זיי ווערען נאָך צען יאָר? זייער פלייש וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין ווערים, און פון זייערע ביינער וועט דער מאַרך אויסרינען, און וועלען בלייבען ליגען טיף אונטער דער קאַלטער ערד ווי קאַלטע טרוקענע שטיינער; און דו וועסט דאַמאָלט זיין פריי. ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האָט זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען און געוואָלט זעהן ווער עס רעדט צו אים, אָבער ער האָט קיינעם נים געזעהן. אַ שרעק איז אים באַפאַלען, און פאַר פחד האָט ער אָנ־געהויבען וויינען אויפ'ן קול. אַ וועכטער איז צוגעקומען צו זיין פענסטערל און האָט אַריינגעשריגען:

— שוויינ שטיל, דו הונטעשער זון. וואָס האָסטו זיך דאַרט צעוואָיעט, ווי אַ ווינט אין אַ שטורעמדיגער נאַכט?

ער האָט זיין פּנים איינגעגראָבען אין שטרוי־זאַק, כדי זיין געוויין זאָל דערשטיקט ווערען. אַזוי איז ער געליגען אַ שטיק צייט און געוויינט ביז ער איז איינגעשלאָפען.

אין חלום האָט ער דערזעהן זיין פרוי. זי איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַ וואונד אין האַרצען, וואוהין ער האָט אַריינגעשאָסען אַ קויל. פון דער וואונד האָט געפליסט אַ דין ריטשקעלע בלוט, און איר פּנים איז געווען געל ווי פאַרגעלטער פאַרמעט. זי איז

געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און מיט די הענט האָט זי פאַר־האַלטען איר וואונד, אַז דאָס בלוט זאָל ניט אַזוי שטאַרק פליסען.

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן, בעני? האָט זי אים גע־פרעגט מיט אַ שוואַכער און וויינענדיגער שטימע. בין איך דען שולדיג וואָס דער אויסוואורף האָט מיך פאַרפאָלגט אויף יעדען טראָט? יעדען טאָג איז ער געקומען צו מיר און קיין רו ניט גע־געבען. ער, דער אויסוואורף, וועלכער האָט פיל פּרויען פון וועג אַרונטערגעפירט און האָט זייער לעבען צובראָכען, איז געקומען אויף מיין לעבען אויך. און אין דעם איז שולדיג נאָר דו. דו, וואָס האָסט מיך אַריינגעזעצט אין אַ גאָלדען שטייגעל, וועלכעס האָט מיך ניט געקענט צופרידען שטעלען און אָפּשטילען מיין דורשט נאָך ליבע און לעבען. דיין רייכטום מיט די שעהנע קליידער וואָס האָסט מיר געגעבען, האָבען מיך ניט צופרידענגעשטעלט. איך בין געוועזען יונג און האָב געוואָלט ליבען און ווערען געליבט, אָבער דו האָסט מיר דאָס ניט געגעבען. דו ביזט תמיד געווען פאַרנומען מיט דיינע געשעפטען, פון דעם פרימאָרגען אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פון מיר האָסטו קיינמאָל ניט געטראַכט. איך האָב איינע אַליין אַרומגעבלאָנקעט איבער די גרויסע צימערען און ניט געהאַט צו וועמען קיין וואָרט אויסצורעדען און פון וועמען קיין ליב וואָרט צו הערען. איינמאָל האָב איך זיך באַגעגענט מיט מיינער אַמאָליגער פריינדינע. זי האָט מיך געבעטען צו זיך, און ווען איך בין געקומען צו איר, האָב איך דאָרט געטראָפען דעם אויסוואורף, און זי האָט מיך מיט אים באַקענט. פון דעם טאָג אָן האָט ער מיר קיין רו ניט געגעבען. וויפיל איך האָב אים געבעטען ער זאָל מיך אָפּלאָזען, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפען, און ער איז אָנגעגאַנגען מיט זיין טייפעלישער אַרבעט ביז ער האָט מיך איבערגערעדט; ניט ווייל איך האָב דיך געוואָלט פאַרראַטען אָדער איך האָב דיך ניט געליבט, נאָר ווייל איך בין געווען זשעדנע נאָך דיר, נאָך אַ מאַן, וועלכער זאָל שטילען מיין דורשט נאָך ליבע. און ער איז געקומען און האָט דאָס מיר געגעבען. כאָטש איך האָב אים, דעם טייפעל, געטריבען

פון זיך און ניט געוואָלט הערען זיינע זיסע ליבעס רייד, דאָך האָב איך אָנגעהויבען פאַרברענגען מיט אים. איך האָב מיט אים פאַר־בראַכט יעדען טאָג. ער האָט מיך געפירט אין די רייכסטע פּלעצער, וואו מ׳קען פאַרברענגען אויפ׳ן שענסטען און רייכסטען אויפן, דאָרט וואו די רייכע הולטייסקע ליידיג־געהער פאַרברענגען, און איך האָב אָנגעהויבען פילען אַז איך לעב. איך בין געגאַנגען פון האַנט צו האַנט און פאַרבראַכט. איין הולטיי האָט מיך איבערגעגעבען צום צווייטען, און איך בין געגאַנגען ווי אַ נאַריש קעלבעל. און ער, דער אויסוואורף האָט מיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזט. ער איז גע־קומען יעדען טאָג און האָט פון מיר געפאָדערט זיינס, און איך האָב אים געמוזט נאָכגעבען זיינע פאַרלאַנגען... ביז דו ביזט אומ־געריכט אָנגעקומען און אונז געטראָפען ביי דעם מיאוס׳ן אַקט . . . און עס האָט פּאַסירט דאָס, וואָס פּאַסירט אַלעמאָל אין אַזוינע פאַלען. און מיט צוויי קוילען האָסטו מיך מיט דעם אויסוואורף אוועקגעלייגט. אין דעם איז שולדיג נאָר דו, ווייל דו האָסט מיר ניט געגעבען דאָס, וואָס מיין יונג הארץ האָט געגלוסט. דו האָסט מיך אריינגעוואָרפען אין אַ גאָלדען שטייגעל און איך בין געווען ווי אַ געפאַנגענע. דו האָסט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגען מיר. דיין לעבען איז געווען נאָר געלט מאַכען, און דאָס איז ביי דיר געווען העכער פון אַלץ און פון מיר אויך. דו האָסט דאָס ניט געטאָרט טאָן, פּונקט ווי דו האָסט ניט געטאָרט אַ קויל אריינשיסען אין מיין הארצען, ניט אויסהערענדיג מיין ווידוי. איצט, אַז דו האָסט אויס־געהערט מיין ווידוי, זיי דיין אייגענער ריכטער.

ביים לעצטען וואָרט ״ריכטער״ האָט זי זיך פאַרהוסט און האָט אָנגעהויבען כאָרכלען, און דאָס בלוט האָט אָנגעהויבען שטאַר־קער און שטאַרקער שטראָמען. די הענט זענען ארונטערגעפאַלען פון איר וואונד און איר קאָפּ איז אַרונטערגעפאַלען אויף איר פאַר־וואונדעט הארץ נידעריגער און נידעריגער, ביז זי איז אינגאַנצען אוועקגעפאַלען מיט׳ן פּנים צו דער ערד, ווי אַן אונטערגעשאָסענער פויגעל.

— בעסי, בעסי! — האָט ער אָנגעהויבען שרייען, און זיין געשריי האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט אָנגעהויבען ארומזוכען זיין פרוי, אָבער זי איז דאָרט ניט געווען. ער האָט זיך אָנגעהויבען ארומקוקען און ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערמאנט וואו ער געפינט זיך, און דאָס אַלעס וואָס ער האָט איצט געהערט און געזעהן איז גאָר געווען א חלום, א חלום פון פיין און וועהטאג. ערשט איצט האָט ער איינ־געזעהן ווי ער איז געווען אומגערעכט צו זיין פרוי.

— ווי גרויזאַם איך האָב זי באַהאַנדעלט און האָב זי מיט מיינע אייגענע הענט געשטופט און אָפּגרונט, — האָט ער צו זיך געזאָגט. די קויל, וואָס איך האָב איר ארייגעשאָסען, האָב איך זיך געדאַרפט ארייגשיסען, ווייל דער שולדיגער בין איך געווען, ניט זי.

א וועהטאג האָט אים אָנגעכאַפּט ביים הארצען, אין די אויגען האָט אים אָנגעהויבען שווינדלען און אין קאָפּ האָט אים געהאמערט ווי מיט הונדערטער העמערלאך. ער איז געבליבען ליגען ווי פאַר־חלומ׳ט, און האָט ניט געוואוסט וואָס מיט אים טוט זיך. אזוי איז ער אָפּגעלעגען א היפשע צייט, און ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגעהויבען ארומדרעהען איבער זיין צעל א פאַרטראַכ־טער, פונקט ווי ער וואָלט זיך עפּעס מישב געווען. אין ענדע האָט ער ארויסגעברומט:

— ניין, ניט איך בין שולדיג, נאָר זי! דער הונט האָט פאַרדינט דעם שטעקען. און איז ווייטער שטיל געבליבען אויף א קורצער צייט. פלוצים האָט ער זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט, און מיט א וויינענדיג קול ארויסגעקרעכצט:

— בעסי, בעסי! פאַרוואָס האָסטו מיך אזוי מיאוס אָפּגעג־נאַרט? האָב איך דען ניט געטאָן די פליכטען פון אן אנשטענדיגען מאַן צו זיין פרוי? האָב איך דען ניט געטאָן אַלעס אין דער וועלט, כדי דו זאָלסט זיין צופרידען? האָב איך דיר דען ניט געגעבען ליבע און צערטליכקייט, ווי יעדער איבערגעגעבענער מאַן גיט זיין

פרוי? האָב איך דען געקענט פאַרנאַכלעסיגען מיינע געשעפטען, וועלכע האָבען מיר געגעבען אַ מעגליכקייט דיר צו גיבען דאָס שענסטע און בעסטע, און געהן מיט דיר פאַרברענגען דאָרט, וואו דו האָסט פאַרבראַכט מיט דיינע אויסוואורפען?

— ניין, און טויזענט מאָל ניין! דו ביזט ניט גערעכט, און דיין ווידוי איז ניט גערעכט. דו האָסט מיך געמאַכט צום נאַר, און מענטשען האָבען געטייטעלט אויף מיר מיט די פינגער און האָבען געלאַכט אונטער מיינע פּלייצעס. איבער דיר בין איך געוואָרען אַ מערדער, וואָס איך פלעג אויפשוידערען פון דעם וואָרט אליין. אָבער איצט בין איך שטאָלץ מיט דעם, ווייל איך האָב דיך צו־טראָטען ווי אַ וואָרעם. דיך, וואָס האָסט מיר געצאָלט פאַר מיין געטריישאַפט צו דיר מיט אויסגעלאַסענקייט און מיאוס׳קייט. איך נעם אָן צופרידען מיין אורטייל און וועל מיינע בעסטע יאָרען פאַר־ברענגען דאָ אין פינסטערען קבר. און אָפּזייענדיג דאָ מיין צייט, וועל איך פון דאַנען ארויסגעהן מיט שטאָלץ, וואָס איינשטעלענדיג מיין לעבען האָב איך פאַרניכטעט אַ שלאַנג, וועלכע איז געווען פעהיג צו פאַרגיפטען דעם, וואָס האָט זי אַזוי איידעל געצערטעלט.

די נאַכט האָט שוין געהאַלטען ביים בייטען זיך מיט׳ן טאָג, און אין דרויסען איז שוין געווען בלוי. אַ בלויע שיין האָט אריינ־געדרונגען דורכ׳ן שמאָלען פענסטערעל און איז געפאַלען אויף זיין אויסגעמוטשעט בלייך פּנים, און אים געמאַכט אויסקוקען ווי אַ מאַרטירער.

אַ צובראָכענער, אַ מידער איז ער געבליבען זיצען אויף זיין שטרוי־זאַק פון דער גאַנצער נאַכט מאַטערניש. אַ פריש פרימאָרגען ווינטעל האָט זיך אריינגעריסען דורך דעם פענסטערעל, און ער איז אוועקגעפאַלען ווי פאַר׳שכור׳ט.

די צוויי יתומים

אין פּאַרלויף פון איין חודש, זענען סילוויאַ'ס פּאָטער און מוטער געשטאָרבען. זי איז געבליבען אַ קיילעכדיגע יתומה צו צען יאָר. קיין אייגענע האָט סילוויאַ נישט געהאַט; האָט מען זי דערצויגען אין אַ בית־יתומים. ווען זי האָט געענדיגעט הייַ־סקול, האָט זי געקראָגען אַרבעט אין אַן אָפּיס.

סילוויאַ איז געווען ניט קיין מיאוס'ע מיידעל, זי איז געווען זעהר שטיל און באַשיידען. זי האָט ניט ליב געהאַט צופיל זיך וואַרפען אין די אויגען פון יונגעלייט, ווי אַנדערע מיידלעך טוען דאָס, און ווייל זי האָט דאָס ניט געטאָן, האָט מען זי מער אַרויסגעזעהן. יעדער איינער אינ'ם אָפּיס האָט זי ליב געהאַט. פילע יונגעלייט פונ'ם פּלאַץ וואו זי האָט געאַרבעט וואָלטען זיך געשעצט גליקליך, צו האָבען סילוויאַ'ן פאַר זייער לעבענס־באַגלייטערין; קיינעם פון זיי האָט זיך עס אָבער ניט איינגעגעבען.

איינמאָל האָט זיך סילוויאַ באַקאַנט מיט אַ יונגענמאַן, אַ זון פון רייכע עלטערען, דייוויד האָט מען אים גערופען. נאָכדעם ווי זיי האָבען פאַרבראַכט אַ האַלבע שעה, זענען זיי ווי צוגעוואַקסען איינס צום צווייטען.

דייוויד האָט אָנגעהויבען פאַרברייִנגען מיט סילוויאַ'ן יעדען אָוועגד. אַמאָל פלעגען זיי געהן אין טעאַטער אָדער אין די מואָוויס, און אַמאָל פלעגען זיי זיצען שטונדען־לאַנג אין פּאַרק, און אַזוי שעהן און עהרליך גערעדט און פאַרבראַכט. מענטשען וואָס פלעגען דורכגעהן, האָבען מיט פאַרגעניגען געקוקט אויף דעם שעהנעם פּאָרעל.

איינמאָל האָט סילוויאַ זיך אָפּגערופען: — דייוויד, טייערער, איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיך באַקאַנען מיט דיינע עלטערען, פון וועלכע איך ערוואַרט אַ פּאָטערליכע און מוטערליכע אויפנאַמע, נאָך וואָס איך בענק אַזוי פיל יאָרען.

— יאָ, מיין טייערינקע, אוודאי וועל איך דאָס טאָן, האָט ער געענטפערט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט דייוויד געזאָגט צו סילוויאַ'ן, אַז זיינע עלטערען בעטען, זי זאָל קומען זונטאג צו זייער הויז. פאַר גרויס פרייד, האָט זי אים אַרומגענומען און אים אָנגעהויבען קושען.

די פאָר טעג וואָס זענען נאָך פאַרבליבען ביז זונטאג, איז פאַר סילוויאַ'ן געוועזען אַן אייביגקייט. יעדען אווענט איידער זי איז גע־גאַנגען שלאָפען, איז זי געשטאַנען פאַר'ן שפּיגעל, אָנגעמאָסטען פאַרשידענע קליידער, און געקוקט וועלכע עס פּאַסט איר שענער. ענדליך האָט זי באַשלאָסען אָנצוטאָן דאָס הימעל־קאָליר קלייד, וואָס איז געווען אַזוי בלוי ווי אירע אויגען.

ווען ס'איז געקומען דער גליקליכער זונטאג פאַר סילוויאַ'ן, איז דייוויד געקומען נאָך איר. נאָכדעם ווי זיי האָבען פאַר־בראַכט אַ קורצע צייט אין פאַרק, זענען דייוויד און סילוויאַ אַוועק צו זיינע עלטערען.

זיינע עלטערען האָבען אויפגענומען סילוויאַ'ן ווי אַן אייגען קינד, וואָס קומט צוריק נאָך אַ לאַנגען אָפּשייד. דאָס איז פאַר איר געווען דער גליקליכסטער טאָג פון איר לעבען.

נאָכ'ן שעהנעם מאָלצייט וואָס מ'האָט סערווירט אין גרויסען עס־צימער, האָבען זיי פאַרענדיגט מיט דער קאַווע אינ'ם גאַסט־צימער. דייוויד'ס מוטער וואָס איז געזעסען נעבען סילוויאַ'ן, האָט איר אַ פרעג געטאָן: — און מיט וואָס באַשעפטיגט זיך אייער פאָטער?

— איך האָב ניט קיין עלטערען, האָט סילוויאַ געענטפערט.

— שוין לאַנג אַז זיי זענען נישטאָ?

— זיי זענען געשטאָרבען ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר, האָט זי געענטפערט מיט טרערען אין די אויגען, — און איך ביז ערצויגען געוואָרען אין אַ בית־יתומים, האָט זי דערנאָך צוגעגעבען.

דייוויד'ס מוטער, דערהערענדיג אַז סילוויאַ איז ערצויגען גע־וואָרען אָן עלטערען, איז זי געבליבען זיצען ווי אַן אָפּגעגאָסענע מיט קאַלטע וואַסער.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט דייוויד'ס מוטער צו אים געזאָגט:

— דייוויד, איך וויל ניט, זאָלסט געהן מיט דער מיידעל.

— פאַרוואָס? — האָט ער אַן איבעראַשטער, מיט ברייט־צועפּענטע אויגען געפרעגט.

— ווייל איך וויל ניט קיין מיידעל אָן עלטערען, וואָס איז ערצויגען אין אַן אַנשטאַלט, איז געווען איר ענטפער.

— מאַמע, וואָס רעדסטו? — זי איז דאָך אַזאַ פיינע מיידעל!

— איך זאָג ניט אַז ניין, אָבער איך וויל פאַר דיר אַ מיידעל, זי זאָל האָבען עלטערען; קיין מיידעל פון דער גאַס וויל איך נישט, האָט זי מיט אַ ברוגז'ן טאָן פאַרענדיגט.

— מאַמע, דו זאָלסט זי מיט אַזאַ נאָמען ניט רופען, ווייל דו באַליידיגסט מיך, אַזוי גוט ווי זי, האָט ער מיט כעס געענטפערט.

ווען דייוויד איז אויפ'ן צווייטען טאָג געקומען צו סילוויא'ן, האָט זי אים נישט דערקאַנט, אַזוי האָט ער זיך געענדערט אין דעם איינעם טאָג.

— וואָס האָט פּאַסירט, דייוויד? האָט זי אים אַ דערשראָקענע געפרעגט, אַנכאַפּענדיג אים פאַר די הענט.

— גאָרניט, האָט ער געענטפערט.

— וואָס דען ביזטו אַזוי אויפגערעגט?

אויפ'ן אָרט פון אַן ענטפער, האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין ווי אַ קינד.

— דייוויד, טייערער, דערצעהל מיר וואָס עס איז געשעהן, אפשר וועל איך דיר קאָנען העלפען?

ער איז אָבער געזעסען מיט אַ פאַרשלאָסען מויל, מיט פאַר־גליווערטע אויגען, און געקוקט אין דער ווייטקייט.

סילוויא איז געבליבען זיצען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. עפּעס האָט זי אָנגעהויבען פילען, ווי אַ פינסטערער וואָלקען רוקט זיך אָן אויף איר. הייסע טרערען האָבען אָנגעהויבען פליסען פון אירע אויגען און זענען אַרויפגעפאַלען אויף זיינע הענט. ווען דייוויד האָט דערפילט אירע טרערען, האָט ער אויפגעוואַכט ווי פון שלאָף און אויסגעשריגען:

— ניין, קיינער וועט מיך פון דיר נישט צונעמען!

סילוויא, דערהערענדיג די ווערטער, האָט פאַרבראָכען מיט די הענט.

— זאָרג נישט, מיין טייערע, איך גיב דיר מיין האַנט, אַז קיין שום קראַפט אין דער וועלט וועט זיין אומשטאַנד אונז צו צושיידען.

— ווער וויל אונז צושיידען? האָט סילוויא, מיט טרערען אין די אויגען אים געפרעגט.

— מיין מוטער, האָט ער געענטפערט, דערלאָזט ניט צום שידוך, ווייל דו האָסט נישט קיין עלטערען, און ביזט ערצויגען אין א בית־יתומים.

סילוויא, דערהערענדיג דאָס, האָט זי מיט צוציטערנע ווערטער געענטפערט, — ווייל איך האָב נישט קיין עלטערען? — דענקט זי ניט, אַז איך האָב אַמאָל אויך געהאַט אַ טאַטען, וואָס האָט זיך געזאָרגט פאַר מיר; און אַ מאַמען, וואָס האָט מיך געדריקט צו איר הארצען און מיך אויך גערופען "מיין קינד"? — דענקט זי אפשר, אַז מיין מאַמע איז געוועזן אַ שטיין, פון וועלכען מען האָט אויס־געהאַקט אַ סטאַטוע? — מאַמעניו מיינע, האָט זיך מיט אַ זיפץ ארויסגעריסען פון איר הארצען, באַגלייט מיט אַ שטילען כליפען, — פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי יונג פאַרלאָזען?

דייוויד, ניט קאָנענדיג איבערטראָגען אירע הארץ־רייסענדע ווערטער און געוויין, איז צוגעפאַלען צו איר און זי געבעטען מיט טרערען אין די אויגען, זי זאָל זיך באַרוהיגען.

— איך שווער די ביי אַלעם וואָס מיר איז הייליג, אַז איך וועל דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזען; ניט מיין פאָטער און ניט מיין מוטער קאָנען מיך צווינגען צו ענדערען מיין באַשלוס!

— דייוויד, האָט סילוויא זיך אָפגערופען מיט אַ פעסט קול,

— גיי אַהיים, איך וויל דיך נישט צונעמען ביי דיין מאַמען, איך וויל ניט צוברעכען איר הארץ, ווי זי האָט דאָס צו מיר געטאָן. דו וועסט חתונה האָבען מיט אַ מיידעל, וואָס האָט עלטערען מיט

א גרויסען נאָמען, און געבען נדבות פאַר אידישע אַנשטאַלטען, און אפשר, אויך פאַר דעם זעלבען בית־יתומים וואו איך בין ער־צויגען געוואָרען.

נאָך א קורצען שטיל־שוויגען, ווי זי וואָלט זיך אָנגענומען מיט כח, האָט זי ווייטער געזאָגט: — דיין מאַמע איז טאַקע גע־רעכט. ווער בין איך? — א מיידעל, וואָס מען האָט מיך אויפגע־הויבען פון גאַס און ערצויגען אין אַן אַנשטאַלט. געה אהיים און קום ניט מער צו מיר; איך וויל ניט צוברעכען דיין מאַמע׳ס האַרץ.

— סילוויא, וואָס רעדסטו? איך וועל אָן דיר ניט קאָנען זיין!

— אָן א מאַמע קאָן מען ניט זיין; א מיידעל געפינט מען א צווייטע, אָבער א מאַמען — ניט... דערמאָנענדיג דעם נאָמען אליין, נעמט מיך אַרום אזא מין זיסע וואַרימקייט, וואָס איך האָב יאָרען לאַנג ניט געפילט, און צום סוף שטויסט זי מיך אָפּ. ניין, קיין מאַמען קאָן מען ניט געפינען. געה אהיים, צווישען אונז איז אַלעס אויס!

— סילוויא, וואָס טוסטו מיט מיר?

— דאָס, וואָס דיין מאַמע האָט געטאָן צו מיר, האָט זי מיט א פעסטען באַשלוס געענטפערט.

א צובראָכענער איז דייוויד אהיים געקומען. זיינע עלטערען האָבען איבער אים גערעדט און געמאָלען סילוויא׳ן אין טונקעלע פאַרבען. — דו ווייסט, האָבען זיי צו אים געזאָגט, ווער זי איז און וואָס זי איז? — א מיידעל, וואָס ווערט ערצויגען אָן עלטערען און אין אַן אַנשטאַלט, וועט קיין אַנשטענדיגער יונגערמאַן מיט איר נישט חתונה האָבען...

— ווער זי איז און וואָס זי איז? האָט ער זיי איבערגעפרעגט מיט א צוקרומטע פנים, — זי איז פיינער פון אייך; זי האָט מיך אהיים געשיקט. — איך וויל דיך נישט, האָט זי מיר געזאָגט, צו־נעמען פון דיין מאַמע׳ן, איך וויל נישט צוברעכען איר האַרץ, א מיידעל וועסטו געפינען א צווייטע, אָבער קיין מאַמע נישט!... נו, ווער איז פיינער, די מיידעל פון בית יתומים אָדער איר, וואָס

איר האָט אַזוי צובראָכען איר האַרץ?

די עלטערען האָבען זיך געהאַלטען ביי זייערען: — דו ווערסט מיט איר נישט חתונה האָבען, סיידען דו ווילסט אונז פאַרלאָזען, האָבען זיי געזאָגט.

— איך וואָלט אייך פאַרלאָזט, אָבער סילוויאַ לאָזט מיך ניט אויף דער טיר אָן אייער צושטימונג. — זוך דיר, זאָגט זי, אַ מיידעל מיט טאַטע־מאַמע.

עס זענען אַוועק דריי מאָנאַטען, און דייוויד האָט נישט גע־קאָנט פאַרגעסען סילוויאַ'ן. סילוויאַ האָט אויך זעהר פיל געליטען; קיין איינלאַנדונג פון אַנדערע יונגעליים האָט זי ניט געוואָלט אָנ־נעמען.

— דער ערשטער און לעצטער, האָט זי צו זיך געזאָגט, איז דייוויד!

איינמאָל אין אַ פרימאָרגען, ווען סילוויאַ האָט גענומען אַ צייטונג, האָט זי באַמערקט אַ נייעס: סיימאָן רכאַלים, דער גרויסער ריעל־עסטייט־מאַן, איז אַרויסגעפאַלען פון פענסטער צום טויט.

— אוי! האָט זי אויסגעשריגען ניט מיט איר קול, דאָס איז דאָך מיין דייוויד'ס פאָטער!

ניט קוקענדיג וואָס מ'האָט זי אַזוי וועה געטאָן און באַליידיגט, איז זי באַלד אַוועק צו דייוויד'ן. זי איז אַריינגעקומען אַ דער־שלאָגענע, מיט אָן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי אַ שולדיג קינד, און זיך געשעמט קוקען די מענטשען אין די אויגען אַריין. איר בלייך, אויסגעצערט פּנים פון בענקשאַפט, איז געווען פאַרגאָסען מיט טרער־רען. אירע ליכטיג־בלויע אויגען זענען געווען עטוואָס טונקעלער, קענטיג פון טרערען.

דייוויד, דערזעהענדיג זי, האָט ער זיך געגעבען אַ וואָרף צו איר. ווי פון אַ פאַנטאָן, האָבען טרערען געגעבען אַ שלאָג פון זיינע אויגען. — סילוויאַ! האָט ער אויסגעשריגען מיט אַ פאַרשטיקט קול און איז אַרויפגעפאַלען אויף איר ברוסט. סילוויאַ, האָט ער נאָכאַמאָל אויסגערופען, מיין האַרץ איז איצט אַזוי צובראָכען ווי

דיינס; פאַרלאָז מיך איצט ניט, שטויס מיך ניט אָפּ פון זיך!

זיי זענען ביידע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און זיך געשעמט קוקען אין די אויגען אריין, פּונקט ווי יעדער פון זיי וואָלט זיך געפילט שולדיג פאַר'ן צווייטען.

די מוטער, דערזעהענדיג סילוויא'ן, אַ ליידענדע, אַן אויסגעמאַטערטע, איז צוגעקומען צו איר און מוטערליך אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר. איצט האָט זי זיך דערפילט נאָהענט צו איר, צו דער עלענדער יתומה.

—יאָ, האָט זי ווי צו זיך אַליין געזאָגט, איצט וועל איך זיי שוין נישט שטעהן אין וועג; דייוויד האָט שוין נישט קיין טאַטען, גלייך מיט איר. און צו זיי האָט זי געזאָגט: קומט, מיינע קינדער...

גאָט ווינט...

ווען איך בין געקומען צום שרייבער־פֿאַראיין, איז די גרויסע זאַל נאָך געווען כמעט פּוסט. בלויז עטליכע מענטשן זענען געזעסן אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון זאַל, ווער ס׳האָט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג און ווער ס׳האָט געלייענט אַ בוך.

אין אַ ווייטן ווינקל פֿון זאַל, אָפּגעזונדערט פֿון די עטליכע מענטשן, איז געזעסן אַ פֿרוי אָנגעטאָן אין שוואַרצן.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער׳ן זאַל און געזוכט אַ באַקאַנטן, אָבער צו מיין באַדויערן, האָב איך קיינעם ניט געפֿונען.

מיין בליק איז אָפּט געפֿאַלן אויף דער פֿרוי אין שוואַרצן. זי האָט אויך געלייענט אַ בוך, אָפּטמאָל האָט זי דעם בוך פֿאַרמאַכט און צוריק געעפֿנט. די דרייסיק יאָריגע פֿרוי האָט אויסגעזען זייער נערוועז, אָבער זי איז נאָך געווען שיין און אָנציִענד. איר שוואַרץ קלייד און דאָס ליידנדיקע פּנים האָט עדות געזאָגט אַז זי איז אין טיפֿן טרויער.

איך האָב געהאַט אַ גרויסן פֿאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט איר, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגנהייט. עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג, איז אָנגעקומען מיינער אַ פֿריינד, און נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך איבערגעוואָרפֿן מיט פֿאַרשידענע פֿראַגן, האָב איך אים געפֿרעגט, ווער די פֿרוי אין שוואַרצן איז.

— וואָס, דו ווייסט ניט ווער די פֿרוי אין שוואַרצן איז?

— דאָס איז דאָך בורינ׳ס פֿרוי.

— איך ווייס ניט ווער בורין איז; דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער אַזאַ נאָמען, האָב איך געענטפֿערט.

— ווער האָט דאָס נישט געהערט פֿון בורינ׳ען? — זיין טראַגישער טויט האָט אויפֿגערודערט די גאַנצע אידישע שרייבער־וועלט, און אַלס יונגער שרייבער, איז ער אויך געווען באַוואוסט צווישן אַלע שרייבער.

— אויב דו ביזט מיט איר באַקאַנט, וואָלט איך דיך געבעטען, אַז דו זאָלסט מיך פֿאַרשטעלען פֿאַר איר, ווייל זי איז מיר זעהר

געפעלען, האָב איך געזאָגט צו מיין פריינד.

— אהא, שוין פארליבט? — האָט מיין פריינד געפרעגט מיט צוצויגענע ווערטער. גוט, איך וועל דאָס פאַר דיר טאָן, אָבער איידער איך וועל דיך מיט איר באקאנען, דארפסטו פריער הערען די גאנצע ביאָגראפיע פון איר פארשטאָרבענעם מאַן, כדי אז ווען דו וועסט מיט איר ריידען, זאָלסטו נישט אָנרירען אירע שוואכע סטרונעס.

— דו האָסט מיך שוין אזוי פאראינטערעסירט, אז איך וואָלט וועלען אז דו זאָלסט מיר שוין טאקע באלד אַלעס דערציילען, האָב איך געזאָגט.

מיין פריינד האָט ארויסגענומען זיין זייגער און געזאָגט: — גוט, מיר האָבען נאָך גענוג צייט. קום אָט דאָרט אין יענעם ווינקעל, וועלען מיר זיך אוועקזעצען, און איך וועל דיר דערציילען אומגע־שטערט וועגען דעם פריצייטיג פארשטאָרבענעם שרייבער, בורין.

— פון וואָס פאַר א קראנקהייט איז בורין געשטאָרבען? האָב איך געפרעגט.

— ער איז געשטאָרבען, האָט ער געענטפערט, אין א שפיטאָל פון גייסטיג־קראנקע, נאָכדעם ווי ער איז דאָרט אָפּגעלעגען קארגע צוויי יאָר.

נאָך א קורצען שטיל־שווייגען, האָט מיין פריינד געגעבען א שווערען זיפץ און האָט אָנגעהויבען דערציילען:

— בורין איז געווען א יונגער שרייבער, ער האָט פארמאָגט גרויס טאַלאנט און האָט זעהר גוט געשריבען. זיין פרוי איז זעהר אַן אינטעליגענטע דאמע, האָט זי אים דערמונטערט און געגעבען פיל מוט, און דאָס האָט אים געגעבען קוראזש. ער האָט געטראָגען זיינע מאַנוסקריפּטען אין אַלע רעדאקציעס, און אומעטום האָט מען אים געגעבען איין ענטפער: — ניט שלעכט, אָבער ניט פּאסיג פאַר אונזער צייטונג; אפשר א צווייטע טעמע וועט זיך צופּאסען.

אזוי זענען אוועק מאָנאטען נאָך מאָנאטען, און צענדליגער מאַנוסקריפּטען האָט מען אים צוריקגעקערט פון די רעדאקציעס.

אַ גאַנצער באַרג מיט מאַנוסקריפּטען זענען ביי אים געווען אָנגעלייגט, און קיינע פון זיי האָט מען ניט געדרוקט.

אין דער לעצטער צייט האָט בורין אָנגעהויבען ארומגעהן אַ טרויעריגער. זיין פּנים איז געוואָרען אזוי פארפינסטערט, אַז זיינע פריינט האָבען אים ניט דערקאַנט. זיין פרוי און זיינע באַקאַנטע האָבען אים אָפּט געזאָגט: — דו ביזט נישט דער ערשטער שרייבער, וועמען עס קומט אָן אַזוי שווער. יעדער שרייבער לעבט דורך דאָס זעלבע וואָס דו. דיינע שריפטען וועלען נאָך זיין געדרוקט, און די זעלבע רעדאַקציעס, וועלכע ווייזען איצט צוריק דיינע שריפטען, וועלען שפּעטער זיין שטאָלץ מיט דיר.

אין דער צייט וואָס מ׳האָט גערעדט צו אים, איז ער געזעסען מיט איין האַנט צוגעדעקט איבער די אויגען, גלייך ניט צו אים רעדט מען.

אזוי איז אוועק אַ שטיק צייט, און בורין איז געזונקען פון טאָג צו טאָג, ער האָט אויפגעהערט ריידען און איז ארומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער. צייטענווייז פלעגט ער ארויפקוקען אין דער הויך און אַ שמייכעל טאָן.

איינמאָל, איז זיין פרוי געקומען פון גאַס, נאָכדעם ווי זי האָט אים געלאָזט אין דער היים, און זי האָט אים ניט געטראָפען. די מאַנוסקריפּטען זענען אויך נישט געווען. עס האָט גענומען אַ פּאָר שעה, איז בורין אריינגעקומען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען, וואָס מ׳האָט ביי אים שוין לאַנג נישט געזעהן.

— וואוהין האָסטו אוועקגעטראָגען דיינע מאַנוסקריפּטען? האָט זיין פרוי געפרעגט.

— איך האָב זיי געגעבען צום לייענען.

— וואוהין און ווער זאָל זיי לייענען?

— דאָרט, אויבען... האָט ער אָנגעוויזען מיט זיין פינגער אויפ׳ן הימעל.

— וואו, אויבען?

— דאָרט, אויבען, אויפ׳ן הימעל, דער אַלטער וועט זיי לייענען,

ער וועט שוין לייענען! כאַ כאַ כאַ, איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ ווילד געלעכטער.

— צו ביזטו פון זינען? האָט זיין פרוי אויסגעשריגען.

— איך פון זינען? האָט ער שטיל, אַ באַליידיגטער געענט־פערט. ער האָט מאָדנע אויסגעגלאָצט די אויגען און האָט אויס־געשריגען: — זיי, די דרוקער זענען פון זינען! — זיי, די דרוקער זענען ד ר י ק ע ר, און זיי ווייסען ניט וואָס זיי לייענען.

— זאָג מיר, וואָס האָסטו געטאָן מיט די מאַנוסקריפּטען? האָט זיין פרוי אים אָנגעהויבען בעטען מיט גוטען.

— אָ, די מאַנוסקריפּטען? — איך האָב זיי אוועקגעטראָגען אויפ'ן פרייען פעלד, וואו קיינע מענטשען געהען נישט, זיי אָנגע־וואָרפען אין אַ באַרג און זיי אונטערגעצונדען! אַ גרויס פייער האָט זיך צופלאַקערט, און צוזאַמען מיט די פייערדיגע צונגען, האָבען זיך די אותיות געטראָגען ארויף, ארויף צום הימעל... זיי זענען געפלויגען איינע נאָכ'ן צווייטען, און איך האָב געטאַנצט אַרום דעם פייער. די אותיות זענען אַלע געפלויגען ארויף, צו גאָט, און ער וועט זיי לייענען, — כאַ כאַ כאַ!

— ש־שאַ! — האָט ער צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּען, גיב נאָר אַ קוק ווי עס ווערט טונקעל. זעה נאָר, ווי דעם אַלטען'ס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקענט און פאַרפינסטערט געוואָרען, ער ווערט ברוגז, דאָס איז ער אויף זיי ברוגז געוואָרען.

— ווער איז ברוגז, און אויף וועמען ברוגז? האָט זיין פרוי מיט טרערען אין די אויגען איבערגעפרעגט.

— ער, דער אַלטער, דאָרט אויבען, — האָט ער אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן הימעל. — ער איז ברוגז אויף די דריקער, פאַרוואָס זיי דרוקען ניט! דו זעהסט, ווי עס בליצט? — דאָס מאַכט מען דאָרט אויבען ליכטיג, ווייל דער אַלטער נעמט זיך לייענען, ער וועט שוין לייענען דער אַלטער! ש־שאַ, הער זיך איין ווי ער לייענט, דו הערסט ווי עס דונערט? — דאָס בייזערט ער זיך אויף זיי, אויף די דריקער, וואָרום זיי האָבען ניט געדרוקט.

דו הערסט ווי עס דונערט אויף זיי? כאַ, כאַ, כאַ! זאָל ער דו־נערען אויף זיי וואָס מער, וואָס שטאַרקער, זאָל ער זיי אָנשרעקען. גיב אַ קוק, ווי זיי באַהאַלטען זיך פון די דונערען, זיי האָבען מורא, כאַ, כאַ, כאַ! — ש־שאַ, ער לייענט נאָכאַמאָל, דו הערסט? — איך הער יעדעס וואָרט וואָס ער לייענט. דו זעהסט, ווי עס גיסט אַ רעגען? אָבער ניין, דאָס איז ניט קיין רעגען; דאָס וויינט ער, גאָט וויינט ביים לייענען, ער וויינט, ער גיסט מיט טרערען. דו זעהסט זיינע טרערען? זאָל ער וויינען דאָרט, דער אַלטער...

— שטאַרקער, שטאַרקער, וויין! פאַרטרינק זיי מיט דיינע טרע־רען, די דריקער! כאַ, כאַ, כאַ! — ער וויינט, און איך וועל לאַכען און וועל טאַנצען. אַזוי, אַזוי, שטאַרקער!

— וואָס שטעהסטו, דו נאַר איינער! — האָט ער אויסגעשריי־גען צו זיין פרוי מיט אַ ווילד קול. — קום טאַנץ אויך, שטאַרקער, שטאַרקער! זאָל ער וויינען און מיר וועלען טאַנצען. — כאַ, כאַ, כאַ! ש־שאַ, ער האָט שוין אויפגעהערט וויינען, זעה, ווי זיין פּנים לױ־טערט זיך אויס, זיין כמורניקייט איז אינגאַנצען פאַרשוואונדען, זיינע טרערען האָבען זיך אויסגעטרוקענט, און ער שיינט און לאַכט פון פרייד! — אַהאַ! — זיי זענען שוין בעסער געוואָרען, די דריקער, זיי וועלען שוין דרוקען! ער וויינט שוין מער ניט, ער לאַכט שוין, זיי וועלען שוין דרוקען די דריקער! — טאַנץ, טאַנץ, שטאַרקער, שטאַרקער! — אַזוי, אַזוי, זיי וועלען שוין דרוקען! — כאַ, כאַ, כאַ.

זי האָט אים פֿאַרשפּילט

ווען מישא, דער פּיאַנאָ מוזיקער, האָט זיך באַקענט מיט דער גרינער מיידעל, אסתר, האָט ער צו זיך געזאָגט:

— מישא, דאָס איז דאָס מיידעל וואָס דו זוכסט!

מישא איז געווען אין אַמעריקע צען יאָר. ער איז געווען אַ גוטער פּיאַנאָ מוזיקער און האָט פֿאַר די לעצטע זעקס יאָר געשפּילט אין אַ מואווינג פּיקטשור פּלאַץ. זיינע פֿאַרדינסטען זענען געווען ניט קיין שלעכטע, און ער האָט געקענט פֿירען אַ שעהנעם פֿאַר־הייראַטען לעבען, אָבער מיט וואָס פֿאַר אַ מיידעל ער האָט זיך באַקאַנט, און נאָך דעם ווי ער איז מיט איר אַרומגעגאַנגען אַ קורצע צייט, איז זי אים ניט געפֿעלען געוואָרען. ער איז דווקא געווען אַן אַנשטענדיגער בחור און האָט ניט געזוכט צו פֿאַרדרעהען די מיידלעך די קעפּ. אים איז ניט געפֿעלען געווען די אַמעריקאַנער מיידלעך מיט זייערע זיטען און מאַניערען, ווייל ער איז געווען צוגעוואוינט צום רוסישען טיפּ מיידעל, און האָט זי ליב געהאַט מיט איר פּראָסט־קייט און איינפאַכקייט. דערפֿאַר איז אים ניט געפֿעלען געוואָרען דאָס אַמעריקאַניזירטע אָדער אַמעריקאַנער מיידעל.

ווען מישא האָט זיך באַגעגענט מיט אסתר׳ן איז זי נאָך געווען אָנגעזאַפּט מיט׳ן רוסישען אַרט לעבען און האָט ניט געוואוסט פֿון די אַמעריקאַנער זיטען, און דערפֿאַר איז זי אים געפֿעלען געוואָרען.

אסתר איז געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ יאָר בעפֿאָר זי האָט זיך באַקענט מיט מישא׳ן. אין דער אַלטער היים איז זי געווען אַ גוטע דרעסמאַכערין, און דערפֿאַר האָט זי באַלד געקראָגען אַ גוטען פּאָסטען אין אַ גרויסער קליידער־פֿאַבריק. פֿאַר דער צייט וואָס זי האָט געאַרבעט אין דער פֿאַבריק, האָט זי אָפּגעשפּאַרט אַ ביסעל געלט. זי האָט געלעבט עקאָנאָמיש און יעדער וואָך פֿלעגט זי טראָ־גען אין באַנק דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט נאָך דער וואָך לעבען.

אסתר איז געקומען פֿון אַ גרויסער רוסישער שטאָט. זי איז אויפֿגעצויגען געוואָרען אין אַן אינטעליגענטנער אידישער הויז. ווען זי איז געווען אין זעקסטען קלאַס גימנאַזיע, האָט זי געמוזט

אויפגעבען דאָס לערנען, ווייל איר פֿאָטער איז געשטאָרבען, און זי האָט געמוזט זוכען ארבעט, כדי צו קענען זיך און איר מוטער ערנערען. נאָך אַ פּאָר יאָר ארבעטען פאר יענעם, האָט זי געעפּענט אַ קליידער־מאַסטערסקאיא, פון וואָס זי מיט איר מוטער האָבען געמאַכט אַ גאַנץ שעהנעם לעבען. אין אַ קורצער צייט ארום איז איר מוטער קראַנק געוואָרען; עס האָט ניט גענומען לאַנג, און זי איז אויך געשטאָרבען. אסתר, בלייבענדיג איינע אַליין, האָט באַשלאָסען צו פאָרען קיין אמעריקע צו איר פאָטער׳ס אַ ברודער.

נאָך דעם ווי אסתר מיט מישא׳ן זענען ארומגעגאַנגען אַ יאָר צייט, און דורך דער צייט האָבען זיי אָפּגעשפּאָרט אַ ביסעל געלט, האָבען זיי באַשלאָסען צו הייראַטען. נאָך זייער חתונה, האָט אסתר אויפ׳ן פארלאַנג פון איר מאַן, אויפגעגעבען איר ארבעט, וואָס זי איז געווען זעהר צופרידען צו טאָן, ווייל זי האָט אין איר לעבען שוין גענוג געאַרבעט. זיי האָבען איינגעשטעלט אַ שעהנע היים און האָבען זיך געפילט גליקליך.

עס איז אוועק צען יאָר, און דורך דער צייט האָט אסתר געבוירען דריי קינדער. מישא איז געווען אַ גוטער מאַן און אַ געטרייער פאָטער. אין זיין פרייער צייט האָט ער פארבראַכט מיט זיין פרוי און קינדער אין הויז, אָדער ער פלעגט מיט זיי געהן אין פארשידענע פּלעצער, וואו מ׳האָט געקענט פארברענגען. ער פלעגט קיינמאָל ניט אויסנוצען זיין פרייע צייט פאר זיך אַליין. זיינע קינדער האָבען אים זעהר געליבט, און זיין פרוי פלעגט זאָגען, אַז קיין בעסערער מאַן ווי איר מישא איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ.

מאַנכע מענער זענען זעהר גוט פאר זייערע פרויען אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבען מיט וואָס צו זיין גוט. קוים בייט זיך אָבער די פינאַנציעלע לאַגע, ווערען זיי אוים גוט און זיי ווערען טויגעניכטסען. זיי ווערען ביי זייערע פרויען נידעריגער פון טאָג צו טאָג. די פריערע מעלות ווערען חסרונות, דאָס וואָס פריער איז געווען גוט איז אַצינד שלעכט, וואָס פריער איז געווען קלוג איז איצט נאַריש.

דאָס זעלבע איז געווען מיט מישאַ׳ן. ווען ער איז געווען אַ גוטער פאַרדינער איז ער געווען קלוג, לייטיש און גוט.

ווען די מואַווינג פּיקטשור פּלעצער האָבן אָנגעהויבן אַריינ־קריגען די טאָקים און די מוזיקער זענען געוואָרען איבעריג, האָט מישא פאַרלוירען זיין דזשאָב. ער איז אַהיים געקומען אַ צובראָ־כענער, הימעל און ערד איז אויף אים געפאַלען.

— דער הימעל איז נאָך ניט ביי דער ערד, האָט זיין פרוי צו אים געזאָגט, דו וועסט נאָך געפינען אַ דזשאָב. דאָס איז ניט דאָס איינציגע פּלאַץ אין אַמעריקע.

מישא האָט אָנגעהויבן זוכען אַ פּלאַץ, אָבער אומזיסט. וואוהין ער איז געקומען, האָט מען אים געגעבען דעם זעלבען ענט־פער: — מיר געהען ארונטערשיקען אונזערע מענטשען.

פאַר דער צייט וואָס מישא האָט זיך ארומגעדרעהט אָן אַ דזשאָב האָט מען ביסלעכווייז אויפגעגעסען דאָס ביסעל אָפּגעשפּאָרטע געלט. מישא איז ארומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער און אַ צובראָ־כענער. יעדען טאָג ווען ער פלעגט אַהיים קומען, פלעגט ער אוועק־פאַלען אַ דערשלאָגענער און טרערען פלעגען שטעהן אין זיינע אויגען. זיין פרוי, זעהענדיג ווי איר מאַן נעמט זיך צום הארצען, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי וויל געהן זוכען אַ דזשאָב.

— וויפיל איך וועל פאַרדינען, האָט זי געזאָגט, וועט זיין גוט.

מישא האָט ניט געענטפערט. ער איז געזעסען ווי מיט פאַר־גלייזטע אויגען און איר געקוקט גלייך אין פּנים אריין. זיין הארץ האָט אים זעהר וועה געטאָן, וואָס זיין פרוי דאַרף ווערען זיין ברויט־געבערין, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט העלפען.

אסתר האָט געקראָגען אַ דזשאָב ביי פרויען־קליידער. די ערשטע צייט האָט זי ווייניג פאַרדינט, אָבער שפּעטער, ווען זי האָט זיך צוגעוואוינט צו דער ארבעט, האָט זי אָנגעהויבן ברענגען גאַנץ פיינע פאַרדינסטען. ווען זי פלעגט אַהיים קומען פון דער ארבעט, האָט זי אָנגעהויבן צוגרייטען דאָס עסען, אָבער מישאַ׳ן פלעגט דאָס ניט באַקומען, דערפאַר וואָס זיין ווייב דאַרף זיין די ברויט־

געבערין און די באַלעבאָסטע. ער פלעגט זיך זעהר ערגערען דערפון און שווערע זיפצען פלעגען זיך אַרויסרייסען פון זיין הארצען. זיין פרוי פלעגט דאָס באמערקען, אָבער זי פלעגט אים גאָרניט זאָגען.

מישא האָט זיך אַזוי לאַנג געערגערט, ביז ער איז אוועקגע־פאַלען אַ קראַנקער. ווען אסתר האָט געזעהן ווי איר מאַן איז קראַנק געוואָרען פון צרות, האָט זי אָנגעהויבען אים אויסריידען:

— ניט אַלעמאָל, האָט זי געזאָגט, איז דאָס זעלבע; דו וועסט נאָך קריגען אַ דזשאָב און איך וועל זיין צוריק די באַלעבאָסטע ווי פריער.

נאָך פיר וואָכען אָפּליגען אין בעט, האָט זיך מישא אויפגע־הויבען אַ געזונטער. ער האָט ווייטער אָנגעהויבען זוכען אַ דזשאָב, אָבער אָן ערפאָלג. פאַר דער לעצטער צייט האָט ער אויפגעגעבען דאָס זוכען דזשאָבס. דאָס האָט זיך אים אַזוי צוגעגעסען, אַז ער האָט זיך ניכער געוואונשען צו ליגען קראַנק, איידער אַרומגעהן קלאַפּען אין די טירען. ער האָט אָנגעהויבען גאַנצע טעג זיצען אין הויז און פאַרבראַכט מיט די קינדער און אין אָווענט, ווען זיין פרוי פלעגט אַהיים קומען פון דער אַרבעט, פלעגט ער איר העלפען צו־גרייטען דאָס עסען. אַזוי איז אוועק אַ שטיק צייט, און זיין פרוי האָט אָנגעהויבען קוקוען אויף אים קרום. פון צייט צו צייט פלעגט זי אים אַריינוואַרפען אַ שטאָך־וואָרט: — דו ביזט געוואָרען אַ פוילער און דענקסט שוין אפילו ניט וועגען אַ דזשאָב זוכען.

דאָס פלעגט זעהר וועה טאָן מישא׳ן אָבער ער פלעגט איר ניט ענטפערען. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבען זוכען אַ דזשאָב, אָבער אומזיסט. גאַנצע טעג פלעגט ער אַרומגעהן קלאַפּען אין די טירען. מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש פלעגט ער אַריינגעהן, און מיט אַ ריזעניש אין הארצען איז ער אַרויסגעגאַנגען. אַזוי פלעגט ער גאַנצע טעג אַרומגעהן אָן איינגעדרעהטער אין צווייען פאַר וועהטאָג און פאַר־נאַכט, ווען ער פלעגט אַהיים קומען, האָט זיין פרוי אים געגעסען, ווי זשאַווער עסט אייזען.

אַזוי זענען אוועק אַ פּאָר מאָנאַטען, און ער האָט זיך געמאַטערט

אין אנגסטען. פון איין זייט האָט ער זיך געערגערט פאַר ניט קריגען א דזשאָב, און פון דער צווייטער זייט האָט זיין פרוי אים גענגרי־זשעט און אים גערופען מיט די ערגסטע נעמען. זי האָט פון אים געמאַכט אַ שמאַטע, און די קינדער האָבען אויך פאַרלוירען פאַר אים דעם רעספּעקט. דאָס אַלעס האָט ער זיך גענומען צום הארצען און האָט זיך אַזוי פאַרעסען, ביז ער איז נאָכאמאָל אוועקגעפאַלען אַ קראַנקער, און דאָס מאָל ניט אויף שפּאַס.

די ערשטע צייט האָט זיין פרוי דאָס ניט גענומען ערנסט. זי האָט געדענקט, אַז דאָס ליגען אין בעט איז אַ חנ׳דעלע אַזאַ, און זי האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו רופען אַ דאָקטאָר. אַזוי איז ער אָפּגעלעגען איינער אַליין גאַנצע טעג מיט שווערע האַרץ־אַטאַקעס, וואָס ער האָט אין דער לעצטער צייט זעהר אָפט גע־קראָגען, און פונקט דאַן, ווען זיין פרוי און קינדער זענען ניט געווען אין הויז.

איינמאָל, אין מיטען דער נאַכט, האָט ער געקראָגען אַזאַ שטאַר־קע אַטאַקע, אַז ער האָט געדענקט אַז דאָס איז זיין ענדע. ערשט איצט האָט זיין פרוי איינגעזעהן אַז איר מאַן איז קראַנק.

נאָכדעם ווי אַ דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט, האָט ער אים אַנגענומען זעהר שלעכט, און האָט אונטער דער נאַז באַמערקט:
— איר האָט זיך צו שפּעט דערמאַנט.

אַזוי האָט זיך מישאַ אָפּגעמאַטערט נאָך זעקס וואָכען, און איין האַרץ־אַטאַקע איז געווען ערגער פון דער צווייטער, ביז ער האָט באַפרייט זיין פרוי פון איר אומגעווינשענעם טויגעניכטס...

ווען אסתר פלעג אהיים קומען פון איר ארבעט, פלעגען זי באַגעגענען די קאַלטע ווענט פון אירע פינסטערע צימערען. ניט גע־ווען צו וועמען קיין וואָרט אויסצורײדען, ניט געווען פון וועמען קיין טרייסט־וואָרט צו הערען. די קינדער פלעגען זיין פאַרנומען ערגעץ מיט זייערע יוגענט־פריינט און מיט זייער מוטער׳ס ליידען האָבען זיי זיך ניט גערעכענט, און דער פאָטער האָט זיי אויך ניט געפעהלט. זי פלעגט אָפּזיצען גאַנצע אָוועטען ביז שפּעט אין דער

נאָכט איינע אַליין און האָט פאַרגאָסען טייכען טרערען. ערשט איצט האָט זי איינגעזעהן ווי איר מאַן פעהלט איר.

— איך האָב אים פאַרשפּילט, האָט זי מיט געוויין צו זיך געזאָגט, און דאָס איז מיין שולד. איך האָב אים געגעסען זיין האַרץ פאַר ניט קריגען א דזשאָב, און ער האָט זיך נעבאך געמאַטערט און איינגעדרעהט אין דרייען און האָט אפילו קיין קרעכץ ניט געגעבען; ער האָט מיר קיין יסורים ניט געוואָלט אָנטאָן. און איך בין געווען צו אים אַזוי שלעכט. מיט זיין האַרץ־וועהטאָג פלעגט ער זיך ארומשלעפען זוכען א דזשאָב, און איך פלעג אים באַשולדיגען, אַז ער איז א פוילער געוואָרען.

אין איינעם פון אַזוינע אָווענטען איז אסתר איינע אַליין געזעסען אין הויז. אויף איר האַרצען איז איר געווען אָנגעוועהטאָגט און טרערען האָבען געגאָסען אָן אָן אויפהער. זי האָט געוויינט אויף איר ביטער מזל. אין דרויסען איז געווען פּונקט ווי איר אויפ'ן האַרצען. דער הימעל איז געווען פאַרוואָלקענט, און א שלאַגס־רעגען האָט געגאָסען פון א ווינט געטריבען. דער רעגען האָט אָנגעהויבען קלאַפּען אין פענסטער, און דער ווינט האָט געוואָיעט און מיטגעוויינט אויף איר פאַרלוירענע יוגענט. דער ווינט האָט שטאַרקער און שטאַרקער געוויינט און געגאָסען מיט זיינע רעגענדיגע טרערען. א פּחד איז זי באַפאַלען און פאַר שרעק האָט זי אָנגעהויבען רופען איר פאַרשטאָרבענעם מאַן צו הילף:

— מישא, מישא! האָט זי אויסגעשריגען ניט מיט איר קול, און אירע טרערען האָבען ווי א נעפּעל אירע אויגען פאַרשטעלט, און דורך דעם נעפּעל האָט זי דערזעהן מישא'ן שטעהן אין פאַרגאָסענעם פון רעגען פענסטער, אָן אויסגעווייקטער, א צונויפגעדרעהטער אין צווייען און געוואונקען צו איר מיט'ן פינגער.

— מישא, מישא! האָט זי נאָכאַמאָל א פאַרצווייפעלטע אויסגעשריגען. ערשט איצט זעה איך, אַז איך האָב דיך פאַרלוירען. וועמען האָב איך אַצינד און ווער האָט מיך? דו, נאַר דו ביזט געווען מיין איינציגער פריינד. ניין, איך וועל דאָס ניט איבער־

טראָגען; ניט נאָר דיך האָב איך פאַרלוירען, נאָר אויך מיין יונג לעבען.

איר געוויין האָט זי געמאַכט אַזוי היסטעריש, אַז זי האָט ניט געוואוסט וואָס מיט איר טוט זיך. אירע אויגען זענען געוואָרען גרויס און ווילד, דאָס פּנים פאַרדרעהט און מיט די ליפּען האָט זי געשעפּטשעט עפּעס ווי אַ תּפלה אין אומפאַרשטענדליכע ווערטער. פּלוצים האָט זי זיך געגעבען אַ ריס פון איר פּלאַץ און מיט אַ ווילד קול אויסגעשריגען:

— איך וועל געהן צו דיר, מיין ליבער, מיין געטרייער, איך בין איצט אַן איבעריגער מענטש, איך געה צו דיר, — איך געה, איך קום, איך קום.

אין אַ ווילדען געלעכטער איז זי זיך פאַרגאַנגען:

— כאַ־כאַ־כאַ! איך קום, איך קום! כאַ־כאַ־כאַ!...

די פרוי אין רויטען קלייד

דאָס איז געווען אין אַ ווינטער־אָוונט. מיין פרוי איז דאַן ניט געווען אין הויז. איך בין געזעסען איבער אַ צייטונג, פאַרטיפט אין אַ ראָמאַן וואָס האָט זיך געצויגען אין פאָרזעצונגען פאַר די לעצטע דריי חדשים.

איך האָב דערהערט אַ קלונג אין טיר־גלעקעל, און ווען איך האָב געעפענט די טיר, איז אַריינגעקומען אונזער שכנה פון קעגענאיבער.

— איך בין געקומען צייגען אייער פרוי מיין נייעם פוטער־מאַנטעל, וואָס מיין מאַן האָט מיר היינט געקויפט. און זי האָט זיך געגעבען אַ דרעה פאַר מיר ווי אַ מאָדעל־מיידעל, מיט ביידע הענט אָנגעשפאַרט אויף אירע זייטען.

— טאַקע אַ שעהנער מאַנטעל, האָב איך באַמערקט. — זיצט, האָב איך איר געזאָגט, מיין פרוי וועט באַלד אַריינקומען, און נעמט אַרונטער אייער נייעם מאַנטעל, ווייל עס איז צו הייס.

זי האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטען, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך איר פוטער־מאַנטעל און איז געבליבען שטעהן אין אַ רויט קלייד. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגען מיר און אויסגעקלאַפּט אַ ניגון מיט די פינגער איבער'ן טיש, פּונקט ווי זי וואָלט מיר געוואָלט שטערען אין מיין לייענען די צייטונג.

ווען איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען, האָב איך ערשט באַמערקט ווי שעהן זי זעהט אויס אין'ם רויטען קלייד. דאָס רויטקייט פון איר קלייד האָט זיך אָפּגעשלאָגען אויף איר שעהן ברונעט פּנים, און עס האָט האַרמאָנירט מיט אירע רויטע, דינע ליפּעלאַך, וועלכע זענען געווען אַזוי דין ווי אירע ברעמען, וואָס האָבען זיך געצויגען איבער אירע שוואַרצע אויגען, ווי צוויי דינע פעדעם.

איך האָב פון צייט צו צייט אויפגעהויבען מיינע אויגען און געכאַפּט אַ זייטיגען קוק אויף איר. ווען זי האָט באַמערקט ווי איך קוק אויף איר, האָט זי זיך נאָך מער פאַררויטעלט.

— איר ווייסט, האָב איך צו איר געזאָגט, אייער רויט קלייד

פאסט אייך זעהר שעהן.

— טאקע? — האט זי מיט אשמייכעל גענטפערט, און ארונ־טערגעלאזט אירע שווארצע אויגען.

איך האב זיך אויפגעהויבען פון מיין פלאץ און בין צוגעגאנגען צו איר. מיט דריי פינגער האב איך זי אנגענומען פאר איר קליין מארדעטשקע און אויפגעהויבען איר פארשעהמט פנים. ווען איך האב איר געוואלט עפעס זאגען, האב איך דערהערט טריט פון יענער זייט טיר. איך בין געשווינד אוועק צו מיין פלאץ און זיך צוריק פארטיפט אין מיין צייטונג, גלייך ווי קיין זאך וואלט פאסירט.

ווען מיין פרוי איז אריינגעקומען, האט זיך די פרוי אויפגע־שטעלט און צו איר געזאגט: — מרס. גרין, ווי געפעלט אייך מיין נייער פוטער־מאנטעל וואס מיין מאן האט פאר מיר היינט געקויפט?

— טאקע א שעהנער מאנטעל, האט מיין פרוי געענטפערט, — טראגט אים געזונטערהייט, האט זי דערנאך צוגעגעבען.

פון דאן אן האט די פרוי אנגעהויבען אריינקומען צו אונז אין הויז יעדען טאג אינ'ם רויטען קלייד, אבער איך האב נישט געהאט קיין געלעגענהייט צו ריידען מיט איר, ווייל עס האט אויסגעזעהן, ווי מיין ווייב היט אונז.

עס זענען אזוי אוועק א פאר וואכען. איין מאל אין אן אווענט, איז די פרוי אריינגעקומען, ניט אין רויטען, נאר אין א ליכטיג־גרין קלייד. דאס ליכטיג־גרינע קלייד האט איר נאך מער געפאסט צום פנים ווי דאס רויטע. מיין פרוי איז דאן אין הויז ניט געווען.

— איר ווייסט, האב איך איר געזאגט, דאס גרינע קלייד פאסט אייך נאך שענער ווי דאס רויטע. איר קוקט אויס, פונקט ווי איר וואלט געזעסען אין א שעהנעם זומער־טאג אונטער א גרינעם בוים, און די שטראלען פון דער זון וואלטען באלויכטען אייער פנים מיט א גרינער שיין, דורכשלאגענדיג זיך דורך די גרינע בלעטער.

איך האב זיך אויפגעהויבען און בין צוגעגאנגען צו איר. פלו־צים האב איך דערהערט טריט פון יענער זייט טיר, און איך בין צוריק אוועק אויף מיין פלאץ.

זי האָט איצט אָנגעהויבען אריינקומען יעדען טאָג אין דער גרינער קלייד, אָבער איך האָב נישט געהאט קיין געלעגענהייט צו־צוגעהן צו איר, ווייל מיין פרוי האָט נישט אָפּגעטראָטען פון הויז.

נאָכדעם ווי זי האָט א לענגערע צייט געטראָגען דאָס גרינע קלייד, איז זי איינמאָל אריינגעקומען אין א מילך־בלוי קלייד. מיין פרוי איז דאַן אויך ניט געווען אין דער היים.

— איר ווייסט, האָב איך איר געזאָגט, נאָכדעם ווי איך האָב זי באטראכט אין איר נײַ קלייד, — דאָס בלויע קלייד פּאַסט אייך בעסער און שענער ווי אַלע. איר קוקט אויס ווי איר וואָלט געזעסען אין א שעהנער לבנה־נאַכט, און די שיין פון דער לבנה וואָלט זיך צוגאָסען איבער אייער שעהן פּנים מיט א זילבער־ליכט.

איך האָב זיך אויפגעהויבען פון מיין אָרט און בין צוגעגאַנגען צו איר. ווען איך בין געשטאַנען שוין נעבען איר, האָט זי זיך פלוצים געגעבען א ריס פון איר אָרט און איז ארויס פון הויז.

עס האָט ניט גענומען לאַנג, האָט זיך די טיר געעפענט, און די פרוי איז געשטאַנען אַן האלב־אָנגעטאַנענע און געהאַלטען אין איר האַנט איר בלוי קלייד, און מיט כעס האָט זי אויסגערופען: — אויב אייך געפעלט אַזוי מיין בלוי קלייד, נעמט דאָס און טוט עס אָן אייער ווייב!

דערזעהענדיג זי אַזאַ צורייצטע, וואָס דאָס האָט איר געמאַכט נאָך שענער אויסזעהן, האָב איך זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און זי אריינגעצויגען אין שטוב אריין. זי איז דאַן געווען אַזוי שעהן און רייצענד, אַז איך האָב זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטען פון ארומ־נעמען זי. ווען מיר האָבען זיך באַפרייט איינס פון צווייטען, האָט זי צו מיר געזאָגט:

— פאַרוואָס האָט איר פריער ניט געזאָגט וואָס איר ווילט? . . .

דערהערענדיג דאָס, האָב איך זי נאָכאַמאָל ארומגענומען און זי באַוואָרפען מיט ליבעס־רייד ווי א אינגעל.

פלוצים האָב איך דערהערט טריט פון יענער זייט טיר, און ביז איך האָב זיך באַפרייט פון איר, איז מיין ווייב שוין געווען אין הויז.

וו. דיקער

שטעלט זיך פאָר וואָס איך האָב אַריינגעכאַפּט, ווען מיין ווייב האָט זי דערזעהן אַ האַלב־אָנגעטאָנענע, מיט איר קלייד אין האנט. איך ווינש דאָס גאָרניט קיין שום מאַן.

יענע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון הויז פלינק ווי אַ קאַץ, און פון דאַן אָן האָב איך זי מער ניט געזעהן.

זיין ווייב איז ניט געשטאָרבען

ווען מר. ווייסבערג איז געקומען אין אָפיס פון דער אינשורענס קאָמפּאַני, זענען נאָך אַלע פענסטערלעך פון די קלויירקס געווען פאַרמאַכט. ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו זיצען, האָט ער ארומגעשפּאַצירט איבער׳ן גרויסען וואַרט־צימער, ווייל ער איז גע־ווען זעהר נערוועז.

יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעקומען צו אַ פענסטערל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט צי דאָס עפענט זיך נאָך ניט.

יונגעלייט און מיידלעך האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפקומען, און זענען אריין פון יענער זייט וועגטלעך צו זייערע שרייב־טישען, אָבער די פענסטערלעך האָט מען נאָך אַלץ ניט געעפענט. מר. ווייסבערג איז געוואָרען נאָך מער נערוועז. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואַרט שוין דאָ אַן אייביגקייט. ער האָט זיך ארומגעדרעהט איבער׳ן גרויסען צימער און גערעדט צו זיך אַליין, און פאַרשידענע פּלענער זענען דורכגעלאָפען דורך זיין מח. זיי האָבען זיך געצויגען ווי מואווינג פּיקטשורס, יעדער מיט אַ פאַרשידענעם כאַראַקטער און מיט אַ פאַרשידענעם אינהאַלט.

אַ קול פון יענער זייט וועגטלעך האָט זיך דערהערט: — אַכט־דרייסיג, — און אַלע פענסטערלעך האָבען זיך ווי איינס געעפענט, ווי מיט אַ דריק פון אַן עלעקטרישען קנעפּעל.

דאָס קלאַפּען פון די פענסטערלעך האָט מר. ווייסבערג׳ן אויפ־געוועקט פון זיינע טיפע געדאַנקען, ווי פון אַ שטאַרקען שלאָף. ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך און וואָס ער טוט דאָ.

פון יענער זייט פענסטערלעך האָבען זיך באַוויזען מיידעלשע פּנים׳ער מיט ווייסע אָנגעפּוידערטע נעזלעך און מיט רויטע אָנ־געשמירטע ליפּעלעך.

— יעס? — דאָס וואָרט מיט׳ן פראַגע־צייכען האָט זיך צו זיינע אויערען דערטראָגען. ער האָט זיך דערמאַנט נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען. ווען ער איז צו צום פענסטערל, האָט ער

דערלאַנגט אַ פּאַליסי צו דער מיידעל און געזאָגט:

— מיין פרוי איז געשטאָרבען מיט פיר וואָכען צוריק און זי איז געווען אינשורט אין צוויי טויזענט דאָלאר.

— פאַרוואָס האָט איר אַזוי לאַנג געוואַרט? האָט אים די מיידעל געפרעגט.

— ווייל מיין קאָפּ איז מיר אַזוי דערשלאָגען, אַז איך ווייס אפילו ניט וואו איך בין. מיט איר שטאַרבען, האָט זי ביי מיר צוגענומען אַ האַלב לעבען, און איך ווייס ניט צי איך וועל דאָס איבערלעבען.

— אַזוי האָט איר ליב געהאט אייער פרוי? האָט די מיידעל געפרעגט.

— אויב איך האָב זי ליב געהאט? האָט ער איבערגעפרעגט.ביידע פיס וואָלט איך זיך געווען געלאָזט אָפּשניידען, אײדער זי זאָל שטאַרבען, ווייל אָן איר איז מיין לעבען קיין לעבען ניט, און גאָט ווייס אויב איך וועל דאָס קענען איבערטראָגען. האָט ער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און מיט טרערען אין די אויגען פאַרענדיגט. די מיידעל איז געבליבען שטעהן ווי צוגעוואקסען צום פּלאַץ און באַדויערט דעם אומגליקליכען מענטשען, וואָס ליידעט אַזוי פיל צוליב זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, און זיך געטראַכט:

— אָט דאָס הייסט אַן איבערגעגעבענער מאַן. און האָט אים געזאָגט אַ פּאָר טרייסט ווערטער: — איר זענט נאָך ניט אַזוי אַלט און איר דאַרפט זיך ניט נעמען אַזוי שטאַרק צום האַרצען; מיט דעם וועט איר אייער פרוי ניט לעבעדיג מאַכען.

ווען ער האָט פאַרענדיגט אַלע פאָרמאַליטעטען, האָט ער פאַר־לאָזט דעם אָפיס אַ צובראָכענער, און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט ער זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. ווען ער איז אַריין אין הויז, איז ער אַ מידער אַוועקגעפאַלען אויפ׳ן בעט און מיט טרערען אין די אויגען געזאָגט:

— איך וואָלט גיכער געלעבט אין אָרימקייט מיט איר, אײדער אין רייכקייט אָן איר.

עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכען און מר. ווייסבערג האָט געקראָ־גען פון דער קאָמפּאַני אַ טשעק אויף צוויי טויזענט דאָלאַר. ער איז געווען אַן ארבעטער און האָט אין זיין גאַנץ לעבען ניט פאַר־מאָגט אַזוי פיל געלט. דער טשעק אויף די צוויי טויזענט דאָלאַר האָט אים אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט אינגאַנצען פאַרגעסען אין זיין טויטער פרוי. אָבער דאָס איז ניט געווען אויף לאַנג. ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין הויז, האָט יעדער זאַך וואָס ער האָט באַ־מערקט, אים דערמאָנט אָן זיין ליבער פרוי.

מר. ווייסבערג האָט געהאַט אַ זון און אַ טאָכטער און ביידע זענען געווען פאַרהייראַט. סיי די טאָכטער און סיי דער זון האָבען געוואָלט נעמען דעם פאָטער צו זיך, אָבער ער האָט נאָך ניט באַ־שלאָסען צו וועמען צו געהן, און האָט נאָך דערווייל געוואוינט אין זיין היים איינער אַליין.

איינמאָל האָט זיך מר. ווייסבערג באַגעגענט מיט זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַן אַלטער גוטער פריינד זיינער. נאָכדעם ווי זיי האָבען געענדיגט דעם געשפּרעך פון דער אַלטער היים, האָט ווייסבערג אים דערצעהלט זיינע צרות, אַז זיין ווייב איז געשטאָרבען און ער איז איצט איינער אַליין.

— איך געה ארום ווי צומישט, האָט ער אים געזאָגט, איך שלאָף ניט דורך די נעכט. איך האָב מורא, אַז איך בין פון זינען ארונטער, אַזוי בענק איך נאָך מיין ליבער פרוי.

— און אייערע קינדער? — האָט זיין פריינד אים געפרעגט.

—מיינע קינדער ווילען דוקא איך זאָל זיין ביי זיי. די טאָכ־טער וויל מיך צו זיך און דער זון וויל מיך צו זיך, אָבער איך האָב נאָך ניט באַשלאָסען צו וועמען צו געהן; און אַ חוץ דעם, האָב איך נים קיין חשק צו געהן צו זיי.

— אויב איר קענט אויספירען ניט צו זיין ביי זיי איז אודאי גלייכער, האָט זיין פריינד באַמערקט.

— איך קען אויספירען ניט צו זיין ביי מיינע קינדער, אָבער ווי אַזוי וואוינט מען אַליין? איך וועל נאָך פון זינען ארונטער.

ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין פרוי, ווער איך שיער משוגע.

— איר דאַרפט זיך נעמען אין די הענט, איר זענט ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער, און קיינער איז נאָך ניט נאָכגע־שטאָרבען, האָט זיין פריינד אים געטרייסט. און אויב איר קענט אויספירען ניט צו זיין ביי אייערע קינדער, וואָלט פאַר אייך אַ סך געזינטער געווען, האָט ער אים געראַטען.

— צו מיינע קינדער נאָך הילף דאַרף איך ניט אָנקומען, ווייל מיין פרוי איז געווען אינשורט אין צוויי טויזענט דאָלאַר, און איך האָב שוין געקראָגען אַ טשעק פון דער קאָמפּאַני.

— איצט פאַרשטעה איך שוין פאַרוואָס אייערע קינדער ווילען איר זאָלט זיין ביי זיי, האָט זיין פריינד געענטפערט. — הערט אויס, האָט זיין לאַנדסמאַן זיך נאָכאַמאָל אָפּגערופען, איך דענק אַז אַ מאַן פון אַ פּאָר און פופציג יאָר דאַרף זיך ניט פאַרשטופען ביי אַ קינד אין אַ שלאָף־צימער. און אַ חוץ דעם, ווילען אייך אייערע קינדער, ניט ווייל זיי זענען אייך געטריי, נאָר ווייל זיי פילען אַז איר האָט אַ פּאָר דאָלאַר, און דענקען ביי אייך זיי אַרויס־צוציען מיט פאַרשידענע קאָמפּלימענטען און געטריישאַפט, וואָס זיי וועלען אַרויסווייזען צו אייך. און ווען זיי וועלען דאָס ביי אייך אַרויסשלעפען, וועט די שנור אייך שיקען צו דער טאָכטער און די טאָכטער צום זון. און ביי וועמען פון זיי איר וועט זיין, וועט איר זיי דאַרפען נאָכטראָגען די פעקלעך פון דער גראָסערי און שטופען דעם קערידזש אין פּאַרק.

מר. וויסבערג האָט איינגעזעהן ווי קלוג זיין פריינד רעדט. האָט ער אים געפרעגט: — וואָס איז אייער עצה?

— מיין עצה איז, האָט ער געענטפערט, אַז איר זאָלט זיך קויפען אַ שטיקעל ביזנעס.

— וואָס פאַר אַ ביזנעס קען איך קויפען, אַז אַלע מיינע יאָרען בין איך געווען אַן אַרבעטער?

—איר קענט זיך קויפען אַ קענדי־סטאָר, וואָס יעדער איינער קען זיין פעהיג צו דעם. פאַר טויזענט דאָלאַר קענט איר קויפען

אַ סטאַרקע און איר קענט מאַכען אַ שעהן לעבען, און אַ חוץ דעם וועט דאָס אייך מאַכען צו פאַרגעסען אין אייערע צרות. דאָס וועט פאַר אייך זיין אַ סך בעסער און געזינטער ווי צו זיין ביי אַ קינד. נאָך אַלעמען, זענט איר נאָך ניט קיין אַלטער מאַן און איר קענט נאָך חתונה האָבען.

— פון חתונה האָבען מעג איך שוין פאַרגעסען, ווייל אַזאַ געטרייע און איבערגעגעבענע פרוי ווי איך האָב געהאט קען ניט און טאָר ניט פאַרגעסען ווערען.

— איר רעדט ווי אַ קינד, האָט זיין פריינד באַמערקט. ניט אייער ווייב איז געשטאָרבען, געשטאָרבען איז אייערע קינדער׳ס מוטער. איר קענט נאָך חתונה האָבען און וויסען פון אַ שעהן לעבען. מיט אייער ארומגעהן אַזוי דערשלאָגען וועט אייער ווייב דאָרט ניט גרינגער ווערען, און נאָכשטאַרבען דאַרפט איר אויך ניט.

די ווערטער פון זיין לאַנדסמאַן זענען אים אריין אין קאָפּ, און ער האָט איינגעזעהן אַז ער רעדט ניט פון וועג. ער האָט זיך ביסלעכוויים אָנגעהויבען באַדענקען און איינגעזעהן, אַז זיין לאַנדס־מאַן איז גערעכט. זיין ווייב איז ניט געשטאָרבען, נאָר די קינדער׳ס מוטער. ער איז נאָך ניט אַזוי אַלט און קען נאָך חתונה האָבען און וועט נאָך קריגען אַזאַ איבערגעגעבענע פרוי ווי יענע. און וועגען געהן אין ביזנעס, איז ער אודאי גערעכט. ער האָט זיך ביסלעכוויים אָנגעהויבען באַרוהיגען און פאַרגעסען אין זיין פאַרשטאָרבענער פרוי.

עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט און מר. וויסבערג האָט ביס־לעכוויים פאַרגעסען אין זיינע צרות. ער האָט אָנגעהויבען נאָכ־קוקען סטאָרקעס, וואָס אַן אַגענט האָט אים אָנגעוויזען. ענדליך האָט ער געקויפט אַ קענדי־סטאָר פאַר טויזענט דאָלאַר און דאָס איבעריגע געלט האָט ער אריינגעלייגט אין באַנק.

מר. וויסבערג האָט אָנגעהויבען אַרבעטען אין זיין קראָם און האָט גאַנץ גוט געלייזט. ער האָט צוגענומען אַן אַרויסהעלפער, ווייל פאַר אים אַליין איז געווען שווער צו אַרבעטען, בפרט ווען

ס'זענען אָנגעקומען די הייסע זומער־טעג. טאָג און נאַכט איז די קראָם געווען געפּאַקט. אים האָט נאָר באַנג געטאָן, וואָס ער האָט אָפּגעפינסטערט אַזוי פיל יאָרען אין שאַפּ.

איינמאָל ביינאַכט, ליגענדיג אין בעט וואו ער האָט ניט געקענט איינשלאָפען, זענען אים פאַרשידענע געדאַנקען דורכגעלאָפען. אַ קייט פון זיין גאַנץ לעבען האָט זיך אים אָנגעהויבען ציהען: ווי ער האָט זיך באַקענט מיט זיין ווייב, ווי ער האָט מיט איר חתונה געהאַט, ווי זייער ערשטע קינד און דאָס צווייטע זענען געבוירען געוואָרען, זייער קומען קיין אַמעריקע, דאָס חתונה מאַכען די קינדער, ווי ער איז געבליבען מיט זיין ווייב אַליין, ווי שטיל און רוהיג זיי האָבען געלעבט און אין ענדע — ווי זיין געטרייע ווייב האָט אים פאַרלאָזען. . .

— און אַצינד? האָט ער ביי זיך געפרעגט, איצט בין איך געבליבען איינער אַליין. נאָך אַ טאָג ארבעטען קום איך אַהיים און האָב ניט צו וועמען קיין וואָרט אויסצורייידען. צו וואָס דאַרף איך דאָס געלט, און צו וואָס דאַרף איך די ביזנעס? נאָך אַ פינף מיט אַ נול צוגעשריבען אין מיין באַנק ביכעל; איז מיר שוין בעסער פון דעם? די זעלבע פוסטקייט, די זעלבע איינזאַמקייט. די קינדער האָבען אין מיר ווי פאַרגעסען. פריער האָבען זיי זיך געריסען איבער מיר, זיי האָבען מיך געוואָלט מיט מיין געלט, אָבער אַז איך האָב געקויפט אַ ביזנעס, זענען זיי ברוגז געוואָרען. איינזאַם, איינזאַם! האָט ער אויסגעשריגען.

פּלוצים האָט אויפגעבליצט אין זיין מח זיין לאַנדסמאַנ'ס ווערטער: דיין ווייב איז ניט געשטאָרבען. . .

— ריכטיג! האָט ער אויסגעשריגען, און זיין וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

— מיין ווייב איז ניט געשטאָרבען, און איך מוז ניט אָפּקומען מיין גאַנץ לעבען צוליב דעם, וואָס מיינע קינדער'ס מוטער איז געשטאָרבען. אים איז אויפגעשוואומען אויפ'ן מח דאָס עלטערע מיידעל, וואָס קומט אַריין צו אים אין קראָם, אַמאָל נאָך אַ סאָדאַ

און אמאָל נאָך אַן אייז־קרים. און ווען זי קומט אריין זוכט זי אַלעמאָל אַ געלעגענהייט מיט מיר צו ריידען. אויב איך מאַך ניט קיין טעות, איז זי אין מיר פארליבט. פון דעם וואָרט "פארליבט" האָט ער זיך פאַר זיך אַליין פארשעמט.

— ווי קום איך, אַ איד אין מיינע יאָרען, גאָר טראַכטען פון פארליבען? אָבער ער האָט זיך באַלד פארענטפערט.

— בין איך דען מער ניט בארעכטיגט צו דעם? אַן עלטערער מענטש איז ווי אַ קינד, ער נויטיגט זיך אין אַ ליב און גוט וואָרט, און דאָס מאַכט אים אויפצולעבען און ער פילט זיך יונגער.

אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען ער איז געווען אין זיין קראָם, איז אריינגעקומען דאָס עלטערע מיידעל, קלאַרא. קלאַרא איז געווען אַ מיידעל פון איבער פערציג יאָר, אָבער זי האָט נאָך גאַנץ פיין אויסגעקוקט. ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז מר. ווייסבערג איז אַן אַלמן און קיין קינדער ביי זיך האָט ער ניט, האָט זי געטראַכט, אַז דאָס וואָלט פאַר איר געווען אַ פּאַסיגער שידוך.

ווען מר. ווייסבערג האָט איר דערלאַנגט אַן אייז־קרים און אַ חוץ איר איז אין קראָם קיינער ניט געווען, האָט ער זיך אוועק־געזעצט נעבען איר טישעל און זיי האָבען פארפירט אַ פריינדליכען געשפּרעך. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען צו געהן, האָט ער זי געפרעגט וואָס זי איילט זיך, און זי געבעטען נאָך זיצען. האָט זי אים געגעבען אַ גלעט איבער זיין האַנט און מיט אַ שמייכעל אים געזאָגט, אַז זי וועט נאָך היינט זיין. אַ וואַרעמער שטראָם האָט זיך צוגאָסען איבער זיינע גלידער און ער איז געבליבען זיצען ווי אַ פארליבט איינגעל.

עס איז אוועק אַ שטיקעל צייט, און מר. ווייסבערג האָט חתונה געהאַט מיט קלאַרא'ן און זיי האָבען געלעבט צופרידען. איינמאָל, אַן אויפדערנאַכט נאָכ'ן עסען, האָט קלאַרא געפרעגט ביי איר מאַן: — ווי געפעלט דיר דאָס עסען?

— זעהר גוט, האָט ער געענטפערט.

זי האָט אים געגעבען אַ גלעט איבער'ן פּנים און געזאָגט:

— ביזט א ״גוד־באַי״.

אַן אַנגענומענע וואַרימקייט האָט זיך צוגאָסען איבער זיין לייב און ער האָט זיך דערפילט ווי א יונגערמאַן און צו זיך גע־טראַכט:

— מיין ווייב איז טאַקע ניט געשטאָרבען.

אַ מוטער׳ס קללה

עס איז געווען ענדע מאַי. דער טאָג איז געווען שעהן און היים. מענטשען זענען שוין געגאַנגען מיט פאַטשיילעכלעך אין די הענט און געווישט דעם שווייס פון זייערע פּנים׳ער. די פּעדלערס זענען געזעסען ביי זייערע פּושקאַרטס אין די בלויזע העמדער מיט פאַר־שוויצטע פּנים׳ער און האָבען אויסגערופען זייער סחורה. אַ איד האָט געשטופּט זיין וועגעלע און מיט אַ ניגון אויסגעשריגען:

— אייז־קאַלד קוואַס, כליעבנאַי קוואַס! אַ קול האָט זיך גע־הערט פון דער צווייטער זייט:

— קנישעס הייסינקע, הייסינקע, ווייבעלעך!

— צוויי, צוויי צענט אַ פּיקעל! האָט געשריגען אַ דריטער.

אויפ׳ן ווינקעל פון גאַס, נעבען אַ פּושקאַרט, איז געזעסען אַ פרוי מיט אַ קליין קינד ביי איר ברוסט, און איר גרויסער בחור סעם, אָדער ״לאַנגער לאָקש״ ווי די פּעדלערס האָבען אים גערופען, איז געשטאַנען ביי דער זייט פון פּושקאַרט און געשלונגען די וויינ־שעל, וואָס די מוטער האָט פאַרקויפט. ווען זי האָט דאָס דערזעהן, האָט זי אויפגעהויבען אַ געוואַלד: — האָסט דאָך שוין באַלד אויפ־געפרעסען די גאַנצע וויינשעל, אַז פרעסען זאָלען דיך די ווערים, זיסער גאָט אין הימעל.

— וואו איז פּאָפּ? האָט דער בחור אויסגעשריגען.

צו וואָס דאַרפסטו אים? האָט די מוטער געפרעגט.

— איך וויל זיך געהן באָדען, און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער איז ער אוועק.

— אַז באָדען זאָלסטו זיך אין אַ ״קאַראַטסקי וויס״, טאַטע זיסער, האָט אים די מוטער נאָכגעשריגען.

ביי אַ צווייטער פּושקאַרט מיט פרוכט איז געזעסען מעקס שוסטער מיט זיין ווייב. זעהר שטילע מענטשען זענען זיי געווען. יעדער איינער פון דעם געגענד האָט געהאַלטען פון זיי, ווייל זיי האָבען פיין באַהאַנדעלט זייערע קאַסטאָמערס; און אַ חוץ דעם, האָבען זיי אַלע מאָל געהאַט די בעסטע פרוכט.

וו. דיקער

מעקס שוסטער איז שוין געווען צוועלף יאָר אין לאַנד. געקומען איז ער קיין אַמעריקע מיט זיין פרוי און זעקס יאָריגען אַלבערט. אין דער אַלטער היים איז מר. שוסטער געווען אַ מעקלער פון תבואה, און דאָ האָט ער זיך געמוזט נעמען צו אַ פושקאַרט. צו קיין אַנדער זאַך האָט ער זיך ניט געקענט צושלאָגען, ווייל אַ חוץ אַ פּאָר לאַנדס־לייט, האָט ער דאָ קיינעם ניט געהאט. און אין אַ שאַפּ האָט ער ניט געוואָלט גיין אַרבעטען.

מעקס, אָדער "מעק" ווי די פּעדלערס האָבען אים גערופען, איז געזעסען מיט זיין פרוי נעבען דער פושקאַרט און זיך שטיל דורכגערעדט, נאָכדעם ווי זייער זון אַלבערט האָט ערשט ביי זיי גענומען פינף דאָלאַר אויף ביכער.

— אַז איך זאָג דיר, האָט זיין פרוי צו אים געזאָגט: אויב דו ווילסט מיר זאָלען פאַרלירען אונזער זון, זאָלסטו אים מאַכען פּאַר אַ לאָיער. ער וועט זיך שעמען מיט אונז; "מעק דער פּעדלער" וועט אים ניט אַנשטעהן.

— אסתר, דו רעדסט ווי אַ אידענע. דו דאַרפסט זיין צופריי־דען, וואָס אונזער זון וועט זיין אַ גרויסער מענטש.

איך בין זעהר צופרידען מיט אונזער קינד. ער איז שטיל ווי אַ טויב, פאָלגט וואָס מ'זאָגט אים און לערענט גוט. אָבער מיין הארץ זאָגט מיר, אַזוי שנעל ווי ער וועט ווערען לאָיער, וועט ער זיך שעמען מיט אונז, און מיר וועלען אים פאַרלירען.

— וואָס דען ווילסטו? ער זאָל פאַרקויפען עפּעל, אָדער אַרומ־לויפען ווי דער לאַנגער לאָקש?

— אַ חוץ עפּעל איז שוין נישטאָ קיין שעהנע פּראָפעסיע? האָט אים זיין פרוי געפרעגט. זעהסטו, ווען דו האָסט עפּעס אַ פיינע ביזנעס, וואָלט געווען אַנדערש. דו ביזט דאָך פאָרט אַ פּעדלער!

— הער אויס, האָט מר. שוסטער געזאָגט צו זיין פרוי, מיין געדאַנק איז אינגאַנצען אַן אַנדערער.

— אַדרבה, זאָג, לאָמיר הערען וואָס דיין געדאַנק איז, האָט זיין פרוי אים איבערגעשלאָגען.

— מיין געדאנק איז, אז גאט וועט העלפען, אלבערט וועט ווערען א לאיער און ער וועט זיך ארויפארבעטען, דאן וועט ער פון מיר מאכען א שטיקעל מענטש.

— וואס הייסט א שטיקעל מענטש? האט זיין פרוי אים געפרעגט.

— אזוי ווי איך האלט אים אצינד אוים מיט יעדער זאך, "ווי א טאטע דארף אויסהאלטען א קינד" וועט ער שפעטער מיך אויסהאלטען. ער וועט פאר מיר קויפען א שטיקעל ביזנעס, כדי איך זאל זיך ניט דארפען וואלגערען אין גאס. איך וועל אויסקוקען ווי א מענטש און ער וועט זיך ניט שעמען מיט מיר.

— דו ביזט טאקע זעהר שעהן גערעכט, און עס דארף טאקע אזוי זיין, אבער...

— וואס אבער, דו נארישע אידענע? אז מ'זאגט ווייבער האבען לאנגע האר און קורצען שכל זאל'ן גלויבען. איז מר. שוס־טער בייז געווארען אויף זיין ווייב.

— זאל זיין ווי דו זאגסט, האט זיין פרוי מיט א זיפץ פאר־ענדיגט דעם געשפרעך.

די יארען זענען געלאפען. אלבערט איז געווארען לאיער און האט זיך ביסלעכוויים ארויפגעארבעט. א שעהנער בחור איז ער געווען און א געראטענער אויך, און דאס זענען די הויפט צוויי זאכען וואס מ'דארף. ער האט געעפענט אן אפיס, אנגעהויבען גאנץ פיין פארדינען, און פון זיינע עלטערען האט ער זיך ארוים־געצויגען.

מר. שוסטער'ס חשבון איז געווען שלעכט אויסגערעכענט, און ער איז פארבליבען "מעק דער פעדלער".

איין מאל האט מר. שוסטער געזאגט צו זיין זון:

— אלבערט, איך האב געדענקט, ווען דו וועסט זיך ארויפ־ארבעטען, וועסטו זעהן עפעס טאן פאר מיר.

— וואס זאל איך טאן פאר דיר? האט ער געפרעגט זיין פאטער.

— איך ווייס? איך האָב געדענקט, אַז דו וועסט קויפן פאַר מיר עפּעס אַ שטיקעל ביזנעס, כדי איך זאָל זיך ניט דאַרפן וואַל־גערען אין גאַס מיט אַ פּושקאַרט, און אַ חוץ דעם וועסטו זיך ניט דאַרפן שעמען מיט מיר. דו ביזט דאָך אַ לאָיער, עס פּאַסט ניט דיין טאַטע זאָל זיין אַ פּעדלער, און ס'איז אויך ניט שעהן פאַר אַ שידוך.

— וואָס דיר פאַלט איין, טאַטע! דאָס מיידעל וואָס וועט ווערן מיט מיר חתונה האָבען, דאַרפסטו איר ניט געפעלען, נאָר איך. און צוליב אַזאַ קליינינקייט ווי אַ שידוך אויסגיבען געלט אויף אַ ביזנעס לוינט זיך ניט. זעהסטו, דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז דו זאָלסט זיך ניט וואַלגערען אין גאַס ביי אַ פּושקאַרט, ביזטו אפשר גערעכט. אָבער ווער האָט אַזוי פיל געלט אויסצוגעבען פאַר דיר? איך דאַרף דאָך טראַכטען עפּעס וועגען זיך, איך בין דאָך אַ יונגער מענטש. דו מיט דער מאַמען — וויפיל איר האָט, איז גענוג. און דאָס וואָס דו ביזט אַ גאַנצען טאָג אין גאַס ביים פּושקאַרט, איז ניט אַזוי שלעכט; אויף דער לופט איז בעסער ווי אין שאָפּ צו זיצען פאַרשטיקט.

מר. שוסטער האָט מיט אַ זיפץ געענטפערט זיין זון:

— יאָ, דו ביזט גערעכט, מיין קינד. וויפיל מיר האָבען איז גענוג; און וואָס דאַרף האָבען אַ פּעדלער: פינסטערע צוויי צי־מערען אויף טשערי סטריט פאַר דער נאַכט, און אַ ביסעל וואַסער מיט קאַרטאָפעל פאַר'ן טאָג. דאָס איז נאָך מער ווי גענוג פאַר "מעק" דער פּעדלער...

וואָכען און חדשים זענען געלאָפען און מר. שוסטער מיט זיין פרוי פלעגען זיצען ביי זייער פּושקאַרט שטיל, קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט און זעלטען דערמאַנט זייער זונ'ס נאָמען, בלויז דאַן ווען ער פלעג קומען צו זיי.

מר. שוסטער האָט זיך געפילט ווי אַ שולדיגער קעגען זיין פרוי, ווייל ער האָט אצינד געזעהן, ווי גערעכט זיין פרוי איז דאַן געווען.

אין א געוויסען טאָג איז אַלבערט געקומען זאָגען זיינע על־טערען, אז ער געהט די וואָך חתונה האָבען מיט דזשאָרדזש גרינ־וואלד׳ס טאָכטער. זיי האָבען אים געוואונשען מזל־טוב און גע־פרעגט, וואו די חתונה וועט זיין.

— מיר וועלען ניט מאכען קיין שום צערעמאָניעס, מיר וועלען שטעלען א חופה אין קאָורט, און דעם זעלבען טאָג וועלען מיר אוועקפאָרען אויף אונזער האָניג־חודש.

— זאָל זיין מיט גליק, האָט זיין מוטער אים נאָכגעשריגען, ווען ער איז אוועק.

שטיל מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז מעק געבליבען זיצען. א שווארצער וואָלקען האָט באדעקט זיין פּנים. זיינע ליפּען האָבען שטיל געשעפּטשעט ווי אין א תפלה:

— מיר האָבען פארלוירען אונזער קינד!

זיין פרוי, דערזעהענדיג ווי איר מאן האָט זיך אזוי פארלוירען, האָט זי צו אים געזאָגט:

— מעקס, דער כלה׳ס עלטערען וועלען אויך ניט זיין ביי דער חתונה. אז מ׳האָט חתונה אין קאָורט קומען ניט די עלטערען.

— פארוואָס האָבען זיי חתונה אין קאָורט? האָט מר. שוסטער געפרעגט זיין פרוי, ווי א שולדיג קינד.

— אזא מאָדע איז אצינד. מ׳געהט אריין אין קאָורט, מ׳שטעלט א חופה און מ׳קומט אהיים זאָגען אז מ׳האָט שוין חתונה געהאט. די ווערטער האָבען אים א ביסעל דערפרישט און ער איז געקומען צו זיך.

פון וועג האָט אַלבערט א פּאָר מאָל געשריבען צו זיינע על־טערען, און דאָס האָט זיי א ביסעל אויפגעמונטערט.

ווען אַלבערט איז אהיים געקומען, האָט ער פארבעטען זיינע עלטערען און האָט זיי באקענט מיט זיין פרוי. די עלטערען זענען געוועזען אויפ׳ן זיבעטען הימעל פאר פרייד. ווען זיי זענען אוועק, האָט זיין אריסטאָקראטישע פרוי פארדרעהט מיט דער נאָז פון זיינע פּראָסטע מענטשען. אַלבערט האָט דאָס באמערקט, אָבער

ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, און ביי זיך געטראַכט:

— זיי זענען דאָך פּאַרט פּעדלערס.

עס זענען אוועק נאָך צוויי יאָר, און פון צייט צו צייט פלעג אַלבערט צוקומען צו זיינע עלטערן אויף אַ פּאָר מינוט, זיי גע־פרעגט ווי זיי פילען און איז אוועק.

איינמאָל איז אַלבערט געקומען צו זיינע עלטערן און זיי געזאָגט:

— מיר קומט אַ מזל־טוב! מיין פרוי האָט געבוירען אַ אינגעל.

— ווען איז דער ברית? האָט זיין מוטער אים געפרעגט.

— דער ברית איז שוין געווען, נאָך זונטאג, האָט ער גע־ענטפערט.

ווען אַלבערט איז אוועק, האָט מעק, אַ פאַרשעמטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, געזאָגט צו זיין פרוי:

— אפילו אונז ניט געבעטען צום ברית.

זיין פרוי האָט זיך אַצינד זעהר געערגערט און איר האָט פאַר־דראָסען אויף איר מאַן מער ווי אויף איר זון, ווייל זי האָט אים געוואָרענט, אַז ער וועט זיך שעמען מיט זיי, און מיט גאַל האָט זי אריינגעזאָגט איר מאַן:

— וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל דיך בעטען אויפ׳ן ברית; און דו מעק דער פּעדלער, וואָס ס׳פּילט זיך פון דיר די סמאַראַ־ווידלע, וואָס מ׳האָט ערשט נעכטען אָנגעשמירט די רעדער פון דיין פושקאַרט, זאָלסט זיצען מיט דזשאָדזש גרינוואַלד ביי איין טיש? ווי דו האָסט זיך געבעט אַזוי וועסטו שלאָפען.

מר. שוסטער איז פאַר צרות קראַנק געוואָרען. זיין קרענק האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט.

אַלבערט איז איינמאָל געזעסען נעבען זיין פאָטער׳ס בעט און אים געפרעגט ווי ער פילט.

— וואָס גערט דיר אָן ווי ״מעק״ דער פּעדלער פילט? ניט ״מעק״ איז דיין פאָטער, און ניט דו ביזט ״מעק׳ס״ זון.

— פאַרוואָס, טאַטע?

— ווייל די בושה וואָס דו האָסט אונז אָנגעטאָן, וועל איך ניט פאַרגעסען, אפילו ווען איך וועל ליגען אין מיין קבר. און איך ווינש דיר מיין זון, דו זאָלסט זיין געזונט און רייך; נאָר דיינע קינדער זאָלען זיך שעמען מיט דיר, פונקט ווי דו שעמסט זיך מיט אונז, האָט די מוטער צוגעגעבען.

מר. שוסטער איז געליגען זעקס וואָכען און איז אַ פאַרשעמ־טער אוועק אויף יענער וועלט.

מרס. שוסטער איז געבליבען עלענד און אָרים. זי האָט ניט געקענט איבערטראָגען די צרות און בושה, און איז אין אַ קורצער צייט אוועק צו איר מאַן...

אַלבערט איז געבליבען דער זעלבער לאָיער, און האָט זיך ניט גענומען צום הארצען פון זיינע עלטערען׳ס טויט.

זיין איינציגער זון דזשאַן איז געווען שעהן ווי די זון און האָט געוואַקסען ווי אַ שעהנער בוים.

מיט יאָרען שפּעטער, ווען דזשאַן האָט געענדיגט אויף לאָיער, האָט זיין פאָטער געקראָגען פאַר אים אַ פיינעם פּאָסטען אין וואַ־שינגטאָן.

באַלד ווי ער איז געקומען קיין וואַשינגטאָן, האָט ער געביטען זיין נאָמען פון שוסטער אויף טשעסטער. זיין שעהנע פּערזענליכ־קייט און אַריסטאָקראַטישער אויסקוק האָט פאַר אים געעפענט די טירען פון די מיליאָנערסקע הייזער. זיין נאָמען, דזשאַן טשעסטער, האָט פון אים אינגאַנצען פאַרטריבען דאָס לעצטע פינטעלע איד. אין די הויכע הייזער האָט מען אים געהאַלטען פאַר אַן אַמערי־קאַנעם. ס׳האָט ניט גענומען לאַנג, און אַ מאַגנאַט׳ס אַ טאָכטער האָט זיך אין אים פאַרליבט. נאָכדעם ווי זיי האָבען חתונה געהאַט כדת קאַטוילישע קירכע, זענען זיי געפאָרען אויף זייער האָניג־חודש. פאָרענדיג צוריק אהיים, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אין ניו־יאָרק. נאָכדעם ווי זיי האָבען פאַרבראַכט אַ פּאָר טעג, האָט דזשאַן באַ־זוכט זיינע עלטערען, אָן זיין פרוי׳ס וויסען. פאַרברענגענדיג מיט זיינע עלטערען אַ פּאָר שעה, האָט ער זיי געזאָגט, אַז ער האָט שוין

חתונה געהאט.

— און דו האסט אונז אפילו ניט געלאזט וויסען? האט אים זיין פאטער געפרעגט.

— ווען, איך האב חתונה געהאט מיט א קריסטליכע מיידעל, א גרויסען מאגנאט׳ס א טאכטער, און זיי וויסען ניט אז איך בין א איד.

— און דו שעמסט זיך מיט דיינע עלטערען? האט אים זיין פאטער געפרעגט.

— מיט מיינע עלטערען שעם איך זיך ניט, נאר מיט מיינע עלטערענ׳ס אידישקייט, איז געווען זיין ענטפער.

— יא, כדאי געווען אויפצוציען א זון, אים מאכען פאר א מענטשען, ער זאל זיך שעמען מיט זיינע עלטערען, האט אלבערט גערעדט ווי צו זיך. ער איז אבער באלד אנטשוויגען געווארען, ווייל ער האט זיך דערמאנט, אז ניט לאנג צוריק האט זיין פאטער צו אים גערעדט די זעלבע ווערטער. טרערען האבען אנגעהויבען פליסען פון זיינע אויגען, און דורך די טרערען האט ער זיך געזעהן זיצען נעבען זיין קראנקען פאטער ווען ער האט אים געענטפערט:

— וואס געהט דיך אן ווי ״מעק״ דער פעדלער פילט; ניט ער איז דיין פאטער און ניט דו ביזט זיין זון.

עס האט אים אנגעהויבען קלאפען אין קאפ ווי מיט האמערס, און אין זיינע אויערען האט געקלונגען זיין מוטער׳ס קללה:

— דיינע קינדער זאלען זיך שעמען מיט דיר, פונקט ווי דו שעמסט זיך מיט אונז.

א קוואל טרערען האבען אנגעהויבען גיסען פון זיינע אויגען. ער האט ניט געוויינט דערפאר, ווייל זיין הארץ האט אים וועה געטאן, אדער פאר דער בושה וואס זיין זון האט אים אנגעטאן; נאר דאס איז געווען א געוויין פול מיט חרטה, חרטה און בענקשאפט נאך זיינע עלטערען.

יא, ער האט אצינד געפילט די בושה און וועהטאג פון זיינע עלטערען, וועלכע זענען איבער אים אזוי פרי אוועק פון דער וועלט,

אָבער די חרטה איז געקומען צו שפּעט...